STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06338

FUN VOLOZIN BIZ YERUSHOLAYIM

Meir Bar-Ilan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב מאיר ברלין

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

עפּיזאָדען

צווייטער באַנד

ניו יאָרק, תרצ"ג
1933

אָריאָם פּרעס, אינק.
42 וועסט 18טע סט.,
ניו יאָרק, נ. י.

לג.

דער בליק אין דער צוקונפט

מיט גרויסע פּראָבלעמען און כּלל ארבייט האָט ר ב י ח י י ם זיך באשעפטיגט פון זיינע אינגסטע יאָהרען. דען זיין פאָטער, רבי יוסף בער, איז געווען פון די ראשי המדברים אין די גרויסע אספות אין פּעטערבורג, און זייענדיג אין וואָלאָזין איז דאָך געווים אויסגעקומען רבי חיים'ן צו נעמען אנטייל ביי די בעראטונגען, בעפאָר דער טאטע ז"ל פלעגט פאָהרען צו אן אספה אין פּעטערבורג אָדער אין ווילנא און קומענדיג צוריק פון דאָרט. אין די לעצטע יאָהרען פון דער עקזיסטענץ פון דער וואָלאָזינער ישיבה, בעפאָר זי איז געזועליך געשלאָסען גע־וואָרען, איז קיין זאך נים געטאָן געוואָרען אויך בנוגע צו אָנפראַגען פון דער רעגירונג אָהנע רבי חיים'ן. ניט אלע מאָל זיינען די איבריגע געווען מיט איהם איינפארשטאַנען, ווייל ער איז געווען על פי רוב, עקסטרעם אין זיינע אָנשויאונגען, אָבער מיט זיין עצה האָט מען זיך שטענדיג גערעכענט. עס איז געווען אינטערעסאַנט ווען עס פלעגען אָנקומען אָפיציעלע בריף אָדער צירקולארען, אין רוסיש, און רבי חיים האָט קיין רוסיש ניט פארשטאַנען, האָט ער זיך נים פארלאָזען אויף דעם וואָס מען האָט איהם געזאָגט אז דאָס און דאָס שטעהט אין פּאַפּיר. ער פלעגט פארלאַנגען מען זאָל איהם איבערזעצען וואָרט ביי וואָרט און אַמאָל פלעגט טרעפען אז ער האָט איבערציינגט דעם איבערזעצער, דעם „סענער", אז דער „פשט" פון די עטליכע שורות זיינען גאנץ אנדערש ווי ער האָט איהם צוערשט געזאָגט. נאָכדעם ווי רבי חיים האָט איבערגענומען די ווערטערליכע איבערזעצונג, האָט ער געוויזען מעהר „לומדות" אין פארשטעהן דעם אינהאַלט פון דעם גאַנצען. און אזוי איז אויך געווען ביים ענטפערען פארשידענע פּאַפּירען, האָט רבי חיים פארוואָרפען דעם אָדער יענעם אויסדרוק, טאָמער וועט דאָס פאַלש פארשטאַנען ווערען.

פיל מאָל האָט רבי חיים באַגלייט דעם טאַטען ז"ל אין ווילנא צו אן אספה, אָדער אפילו אליין געפאָהרען דאָרט. דאָס אלץ איז אָבער געווען ניט באוואוסט אין דער גרויסער וועלט, ער איז ניט געווען באַקאַנט אלס כּלל טוער אויך אין די ערשטע יאָהרען פון זיין רבנות אין בריסק. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ צופיל פארשלאָסענעם

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מענשען אין די „דל״ת אמות של הלכה" אז ער זאָל האָבען צו טאָן מיט וועלטליכע ענינים. עס איז אויך געווען באַקאַנט אז ניט נאָר וואָס ער קען ניט קיין שפּראַכען, נאָר ער אינטערעסירט זיך אויך ניט מיט ציטונגען און מיט וועלט־נייעס, און ער איז פּרינציפּיעל געגען מאָדערנע בילדונג. אין דער אמת׳ן אָבער האָט רבי חיים געקענט די גרויסע וועלט און פאַרשטאַנען פיל פון וועלטליכע ענינים. זאָגאַר ציטונגס־נייעס האָט ער שטענדיג געוואוסט, ווען אפילו פון א „כלי שני", און אמאָל איז ער געווען פאַלש אינפאָרמירט, אָבער די גרויסע פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען, אינערליכע ווי אויסערליכע, זיינען איהם געווען באַקאַנט און ער פלעגט זעהר אָפט אויסערען זעהר אָריגינעלע, טיפזיניגע געדאַנקען איבער אַזעלכע פראַגען. ער האָט אויך פאַרשטאַנען רעכט פיל פון געשעפטליכען לעבען און ער האָט זיך טיילוויז דאַמיט אינטערעסירט אויך אינערליך.

עס זיינען געווען געוויסע סוחרים פון זיינע מקורבים, נאַטירליך אידען לומדים, וועלכע זיינען געווען גרויס אין דער געשעפטס־וועלט, אין ב ר י ס ק און אויסערהאַלב בריסק, איבערהויפּט אין מ י נ ס ק. וועלכע האָבען קיין וויכטיגען שריט ניט געטאָן אין זייערע געשעפטען אָהן א ישוב הדעת מיט רבי חיים׳ן.

איינער א גרויסער סוחר אין בריסק האָט געהאַלטען ביי א גע־שעפטליכען קריזיס, איז רבי חיים געוואָרען זיין „יועץ", און יעדען פריהמאָרגען פלעגט ער קומען און ברייינגען רבי חיים׳ן זיינע בריף און מיישב זיין זיך וואָס און וואו צו ענטפערען. און דאָס אַלעס איז ניט געטאָן געוואָרען, ווי חסידים קומען צו א רבי׳ן נעמען א ברכה, נאָר ווי א סוחר קומט צו א געניטערען, א קליגערען, פרעגען א פּראַקטישע עצה.

איינער פון רבי חיים׳ס משפחה האָט געהאַט א פאַבריק פון סאָדא וואַסער אין א שטעדטעל ניט וויט פון בריסק. דער מאַן איז געקומען אמאָל אין בריסק, און שמועסענדיג אין לערנען האָט מען געזעהן דאָס ער האָט גרויסע פעהיגקייטען און איז א תלמיד חכם אין פולען זין. זאָגט מען אין רבי חיים׳ס געגענוואַרט: „וואָצו האָט אַזא יונגערמאַן נויטיג זיין געשעפט מיט קאָפּ־דרעהעניש ווען ער האָט געקענט קריגען א גוטע רבנות?" ענטפערט רבי חיים:

— ווען איך וואָלט געהאַט א פאַבריק פון סאָדא וואַסער וואָלט איך זיך אויך אָפּגעזאָגט פון בריסקער רבנות.

אין דער איראָניע איז געווען א געוויסער ערנסט. רבי חיים האָט זעהר מכבד געווען תלמידי חכמים וועלכע האָבען געווען אויף פרנסה, ווי

דער בליק אין דער צוקונפט

לאנג זיי פארנאכלעסיגען ניט אין גאנצען דאס לערנען. רבי חיים האט אויך זעהר גוט פארשטאנען די פאזיטיווע און נעגאטיווע זייטען פון אידען סוחרים. אויף איינעם א גרויסען בעל צדקה וועלכער האט קיינעם און קיינמאל ניט אפגעזאגט און שטענדיג געגעבען מיט פולער האנד, האט רבי חיים אמאל געזאגט:

— ער איז א וואונדערבארער מענש, אן אמת׳ער בעל צדקה, נאר ער האט איין חסרון, ער האט צופיל הנאה פון צדקה געבען, ער וויל אז יענער זאל דארפען און ער זאל געבען...

אין גרויסע כלל ענינים וואו רבי חיים איז ערשינען אין דער עפענטליכקייט איז געווען די ערשטע גרויסע אספה אין וועלכער ער האט זיך באטייליגט, א רבנישע אספה אין ווילנא. ביי דער אספה זיינען געווען די חשוב׳סטע רבנים און אויך די באקאנטעסטע חסידישע רביים. רבי חיים׳ס האלטונג און מיינונגען ביי דער אספה האט איבער־ראשט אפילו די שטארקסטע מקורבים צו איהם. יעדער ווארט און יעדער געדאנקען וועלכען ער האט ארויסגעזאגט איז געווען טרעפענד, אריגינעל און גערעכט. צווישען די פארשידענע פראגען אויפ׳ן טאגעס־ארדנונג איז געווען דער ענין פון רבנות. אין דער צייט וואס כמעט אלע טייל־נעמער פון דער אספה האבען געוואלט פארשטארקען דעם רבנישען כח מיט געזעצען פון דער רעגירונג, איז רבי חיים געווען דער שטארקסטער געגנער דאצו. ער האט שטענדיג און אין אלץ געהאלטען זעהר שטארק פון דעם „אל תקרב לרשות". ווען מען האט פארגע־בראכט אז מען זאל זעהן אויסווירקען אז וואו עס איז דא א רב זאל ניט קענען קומען קיין אנדער רב משיג גבול זיין, האט רבי חיים א זאג געטאן, זיצענדיג, ווייל אין גענענזאץ צו אלע אנדערע האט ער זיך ניט געשטעלט צום רעדען און קיינמאל ניט געמאכט קיין „הקדמות", נאר געזאגט זיין מיינונג קורץ און שארף:

— פארוואס זאל מען ניט משתדל זיין זיך אין דער זעלבער צייט אז איין קרעמער זאל דעם אנדערען אויך ניט משיג גבול זיין? וואס עפעס זאלען מיר זארגען נאר פאר רבנים? אלא וואס דען, ווייל א רב איז זיך עוסק בעבודת הקודש? איז דאך פארקערט, יגדיל תורה ויאדיר!

און ווען מען האט ווידער גערעדט אז מען זאל מחייב זיין רבנים, נאטירליך די איינגערע, אז זיי זאלען לערנען רוסיש, כדי צו קענען האלטען א „פוילישען עקזאמען", ווייל מען האט געהאפט דאמיט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ארויסצושטופּען די „קאַזיאָנע רבנים" און מען האָט מאָטיווירט אַז מען דאַרף קענען רוסיש. האָט רבי חיים אַ זאָג געטאָן:

— געוויס, געוויס דאַרף מען קענען רוסיש. מאַלע וואָס מען דאַרף קענען! מען דאַרף קענען לערנען אויך און מען קען ניט...

אין זיין גאַנצע נאַטור און וועזען איז ער געווען געגען באַשטי־מונגען, מעג דאָס זיין ווי גוט. ער האָט געהאַלטען אַז דער אמת'ער רב האָט די נויטיגע השפּעה, און מען דאַרף איהם ניט שיצען, און וועגען רוסיש — איז לערנען בילכער.

ביי דער אספה איז רבי חיים געווען דער איינציגער וועלכער האָט אָפּגעשאַצט די אויסערליכע פּאָליטישע לאַגע בעסער ווי אַלע אַנדערע. די אספה איז געווען אפילו אַ שטרענג געשלאָסענע, אָבער זי איז געווען באַשטעטיגט פון דער רעגירונג און דאריבער האָט דער פּאָרזיצענדער פון דער אספה, זעהר אַ חשוב'ער רב, מיט די אַלע אַנדערע רבנים, באַשלאָסען צו שיקען אַ טעלעגראַמע צום קייסער, צו ניקאָלאַי דעם צווייטען, מיט „אונטערטעניגסטע געפיהלען", ווי עס איז דאַן געווען די מאָדע. רבי חיים האָט אָבער אַ הויב געטאָן די אַקסלען און געזאָגט:

— פאַרוואָס דאַרף מען שיקען אַ טעלעגראַמע צו אַזאַ רשע, אויב מען מוז דאָס ניט?

נאַטירליך האָט מען יאָ געשיקט, און עס איז אפילו ניט געקומען צוריק קיין באַשטעטיגונג אויף דער טעלעגראַמע. פילע פון די אַנווע־זענדע האָבען נאָכהער פאַרשטאַנען אַז גערעכט איז געווען רבי חיים.

אין דער צייט פון דער אספה איז גערעדט געוואָרען וועגען אַן אונערהערטען פאַל וועלכער האָט פּאַסירט מיט אַ קורצע צייט צוריק אין וואַרשא, וואו איינער, אַ פּאַטער, האָט ניט געלאָזען מל'ן זיין קינד און דאָס קינד איז נאָכהער געשטאָרבען, האָט די וואַרשאַווער קהלה ניט געלאָזט, אָדער ניט געוואָלט לאָזען, מקבר זיין דעם קינד בקבר ישראל. אַלע אַנוועזענדע רבנים האָבען געגעבען גערעכט די פיהרער פון די וואַרשאַווער קהלה, וועלכע זיינען געווען עומדים בפרץ. דער איינציגער רבי חיים האָט געזאָגט אַן אַנדער מיינונג. ער האָט געזאָגט:

— עס איז ניטאָ קיין דין אַז דער וועלכער איז ניט גע'מל'ט איז אויס איד, אַז מען זאָל איהם ניט ברייננען צו קבר ישראל. נאָר געוויס מעג מען, און מען זאָל מאַכען אַ „סיג" און אַ „גדר" געגען הפקרות, אָבער דאַן דאַרף מען דעם פּאַטער פון דעם קינד, ווען ער וועט שטאַרבען ניט ברייננען לקבר ישראל. וואָס האָט דאָס אָבער צו טאָן מיט'ן אומ־שולדיגען קינד?

צוויי הונדערט זעקס און פערציג



רבי חיים סאָלאָווייציק

דער בליק אין דער צוקונפט

נאטירליך, וואלט אן אנדערער געזאגט אזעלכע ניט־אנגענומענע מיינונגען, וואלט ער פארשריען געווארען אדער אמווייניגסטענס שטארק קריטיקירט געווארען. פון איהם אבער, פון רבי חיים'ן, וועלכער איז שוין דאן געווען דער שטארקער, כמעט דער שטארקסטער אויטאריטעט, אין דער רבנ'ישער און לומד'ישער וועלט, האט מען געמוזט אלץ „אראפשלינגען" און מקבל מרות זיין... מען האט איהם געמוזט פאלגען, ווען מען האט אפילו ניט געוואלט. קומענדיג צו דער זעלבער אספה אין ווילנא האט רבי חיים געהערט, אז צווישען די איינגעלאדענע, אלס געסט, צו דער אספה, פון די ווילנער נכבדים איז ניטא איינער א יונגער־מאן, פון רבי חיים'ס נאהענטע. אויף דער אנפראגע פארוואס האט מען דעם באטרעפענדען ניט איינגעלאדען, ווען זיין נאמען איז געווען שווער צו פארגעסען אין די קרייזען, איז געקומען די תשובה, אז דער ליבאוויטשער רבי, דער איצט פארשטארבענער, וועלכער איז געווען דער „רוח החי'" אין דער פארזאמלונג און ער האט געדארפט זאגען זיין ווארט צולעצט בנוגע צו די אלע ענינים פון דער אספה, האט דעם נאמען אויסגעשטראכען פון דער רשימה, ווייל די פערזאן איז געווען באקאנט אלס ציוניסט... רבי חיים, וועלכער איז ניט געשטאנען פריינד־ליכער צום ציוניזם ווי דער ליבאוויטשער רבי, האט דעם תירוץ ניט אנגענומען און ער האט געשיקט זאגען דעם ליבאוויטשער רבי'ן, אז אויב מען וויל אז ער, רבי חיים, זאל טייל נעמען אין דער אספה, זאל מען די איינלאדונג צו דעם דערמאנטען פערזאן באלד ארויס־שיקען... עס איז איבעריג צו זאגען, אז דאס איז באלד געשעהן.

א צווייטע גרויסע אספה אין וועלכע רבי חיים האט זיך באטייליגט איז געווען, די ערשטע פארזאמלונג פון דער „אגודת ישראל" אין קאטאוויץ. עס איז געווען, ווי עס שיינט, א צייט אין וועלכע רבי חיים איז נאהענט געווען צום געדאנקען אפיציעל זיך אנשליסען אן דער „אגודה" און דאריבער איז ער געפאהרען צו דער גרינדונגס־פארזאמ־לונג. דאס איז געוועזען די ערשטע באטייליגונג פון רבי חיים'ן אין דער ארגאניזאציע און אויך די לעצטע. צו מעהרערע אסיפות, קלע־נערע און גרעסערע פון דעם כאראקטער איז ער מעהר ניט געפאהרען. ביי דער אספה אין קאטאוויץ איז רבי חיים געווען די „זון" ארום וועל־כען פילע „שטערען" האבען זיך ארומגעדרעהט. ביי דער אספה איז אויך געווען א יוגענד פריינד פון רבי חיים'ן. דאס איז יצחק סובאלסקי, דאן דער רעדאקטאר פון „היהודי" אין לאנדאן און פריהער דער ארויסגעבער פון דעם „כנסת הגדולה" אין ווארשא. סובאלסקי האט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געלערענט אין וואָלאָזין אין רבי חיים׳ס יונגע יאָהרען און זייענדיג אליין א מענש מיט גרויסע פעהיגקייטען — וועלכע זיינען לײדער שפּע־טער ניט אויסגענוצט געוואָרען — איז ער געווען מיט רבי חיים׳ן זעהר באפריינדעט. עס זיינען אריבער פיל יאָהרען זייט זיי האָבען זיך געזעהן און דאן האָבען זיי זיך צוזאמען געטראָפען אין קאַטאָוויץ. די וועגען פון די צוויי מענשען זיינען געווען גאנץ פארשידען, רבי חיים איז דאן געשטאַנען אויפ׳ן פּעדעסטאל פון זיין הויכקייט און צו זיינע ווערטער האָבען זיך טויזענדע מענשען צוגעהערט. שטיצענדיג זיך אויף אלטע פריינדשאפט, האָט סובאלסקי גערעדט מיט רבי חיים׳ן מעהר חבר׳יש ווי געוועהנליך. רעדענדיג וועגען פארשידענע זאכען זאָגט סובאלסקי צו רבי חיים׳ן:

— איך האָב אויף אייך אן עולה. מען האָט אייך געשיקט א כתב רבנות פון נ י ו י אָ ר ק און איהר האָט ניט אָנגענומען. ווען איהר וואָלט געווען אין אַמעריקא, וואָלט איהר אויפגעטאָן פאר אידישקייט פיל מעהר ווי אנדערשוואו.

די שאלה איז געשטעלט געוואָרען זעהר ערנסט, ווייל סובאָלסקי, לעבענדיג יאָהרען לאנג אין לאָנדאָן און ניט געפינענדיג דאָרט די אומ־געבונג וועלכע ער האָט ערוואַרטעט און טיילוויז אויך פאַרדינט, האָט ער געקוקט אויף דאָס אַמעריקאנער יודענטום, וואו ער האָט יא גע־פונען קומענדיג אָפט צו באזוך, די ערוואַרטעטע הילף, זעהר אָפּטי־מיסטיש, און ער האָט אין זיין צייט, אין וואָרט און שריפט פאָראויס־געזאָגט, אז דאָס גאנצע יודענטום וועט אָפּהענגיג זיין פון אַמעריקא. דאָס וואָס ער האָט געהערט, אז מען האָט רבי חיים׳ן געשיקט א כתב רבנות פון ניו יאָרק, איז געווען בארוהט אויף א טעות, וואהרשיינליך, דאדורך, וואָס בעפאָר עס איז אין ניו יאָרק געקומען דער ווילנער שטאָדט־מגיד, רבי יעקב יוסף, האָט מען איינגעלאַדען אויף דעם פּאָסטען פון רב הכולל מיין ברודער, רבי חיים ברלין. ער, סובאָלסקי, האָט דאָס פארוועקסעלט אויף רבי חיים סאָלאָווייציק. יעדענפאַלס, ווען סובאָלסקי האָט געשטעלט די פראגע רבי חיים׳ן, אין דער געגענוואַרט פון צעהנדליגע מענשען, וועלכע האָבען זיך געדרעהט ארום איהם, אין האָטעל אין קאַטאָוויץ, האָט די שאלה געקלונגען גאנץ מערקווירדיג. אין יענער צייט, ניט מעהר אלס פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, איז נאָך אַמע־ריקא געווען זעהר ווייט פון צו זיין אנערקענט אלס א חשוב׳ער פאַק־טאָר אין דעם אידישען לעבען, בפרט אין שטרענג רעליגיעזע קרייזען.

צוויי הונדערט אַכט און פערציג

דער בליק אין דער צוקונפט

מען האָט דאַן געשאַצט אַמעריקאַ אַלס ווערטפול פון דעם עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט, אַלס צופלוכטס־אָרט פאַר הונדערטע טויזענדע אונגליקליכע, פאַריאָגטע אידען פון רוסלאַנד. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען געקוקט אויף יעדען אויסוואַנדערער נאָך אַמעריקאַ אַלס אויף אַ גייסטיג פאַרלאָרענעם. מען האָט געוואוסט, אַז אין אַמעריקאַ איז גרויס דער חלול שבת, ניטאָ קיין ריכטיגע תלמוד־תורה'ס, וועג רעדט פון ישיבות, וועגען וועלכע עס איז קיינעם אויף דעם געדאַנקען ניט געקומען די מעגליכקייט צו שאַפען אין אַמעריקאַ. די באַהאַנדלונג, וועלכע עס האָט געקראָגען דער רב הכולל, רבי יעקב יוסף, וועלכער איז געווען פון די חשוב'סטע און איינפלוסרייכסטע רבנים אין זיין דור, און נאָך דעם גרויסען כבוד מיט וועלכען מען האָט איהם געבראַכט, האָט מען איהם געלאָזען כמעט פאַרהונגערען, האָט אויך ניט צוגעגעבען קיין חן די אַמעריקאַנער אידען אין די אויגען פון די פיהרער פונ'ם טראַדיציאָנעלען יודענטום. אויב עס זיינען געוועזען מענשען, וועלכע האָבען געטראַכט, אַז די אַמעריקאַנער אידען זיינען אויך ניט קיין „פאַרלאָרענע" און מען דאַרף דאָרט אויך שאַפען מיטלען צו פאַרשטאַרקען אידישקייט, איז דער געדאַנקען געוועזען פאַרבונדען מיט עטוואָס „מאָדערניסטישעם", אַ „מאָדערנער רב", „האַלב און האַלב", דען אַזאַ „איינפאַל", אַז מען זאָל קענען רעדען פון אַ גאַנצעם יודענטום אין דער „נייער לאַנד", אין אַמעריקאַ, איז קיינעם אויפ'ן מוח ניט געקומען... און דאָ פלוצלונג שטעלט מען אַזאַ פראַגע, אין אַ קלאָרע און דירעקטע פאָרם צו דעם מענשען, וועלכער פערזאָניפיצירט דאָס אולטראַ־רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע לעבען, אַ מענש, וועלכער איז פונקט דער געגענזאַץ פון דעם וואָס מען רופט „מאָדערניזם", סיי אין זיינע אויפפאַסונגען און סיי אין זיינע לעבענס־אַרטען, צו רבי חיים סאָלאָווייציק! די אַנוועזענדע האָבען ערוואַרטעט, אַז רבי חיים'ס תשובה וועט זיין ענטוועדער אַ טיפער געלעכטער, אָדער סתם אַ פּאָר ווערטער פון בטול. רבי חיים האָט אָבער אויך דאָ געוויזען זיין אָריגינעלען אַרט דענקען. ער האָט אויסגעהערט גאַנץ רוהיג וואָס סובאַלסקי האָט איהם גע'מוסר'ט פאַרוואָס ער האָט ניט אָנגענומען דעם כתב רבנות פון ניו יאָרק און האָט דאַרויף געענטפערט:

— איהר זייט י ע גערעכט און נ י ט גערעכט. נ י ט גערעכט זייט איהר, ווייל די גאַנצע מעשה איז ניט אמת, מען האָט מיר קיין מאָל ניט אָנגעבאָטען קיין כתב רבנות פון ניו יאָרק, און איך הער דאָס צום ערשטען מאָל. אָבער דאָך זייט איהר י ע גערעכט,

פון וואלאזין ביז ירושלים

וויל ווי די אידישע לאגע איז איצט, דארף מען ניט ווארטען אויף אן איינלאדונג פון אמעריקא, נאר יעדער איינער וואס איז עהר אדער ווענינער בעל־השפעה איז מ ח ו י ב צו פאהרען אין אמעריקא און זוכען דארט דעם וועג פון אויסבעסערען דעם אידישען גייסטיגען צושטאנד.

און דאן ערקלערט רבי חיים ווייטער:

— איך וויל ניט באריהרען די פראגע פון ארץ ישראל. נאטירליך, איז נים אמעריקא און ניט קיין אנדער לאנד גלייך צו ארץ ישראל, ווען מען רעדט אבער פון לענדער אין גלות, איז אמעריקא פיל חשוב'ער היינט פאר אידען ווי רוסלאנד. געווים איז דא אין אמעריקא חלול שבת, געווים איז דא אין אמעריקא טרפות, געווים לערענט מען ניט ריכטיג תורה מיט די קינדער ווי עס באדארף צו זיין, אבער דאס אלץ איז דאך ד י א י ד י ש ע ש ו ל ד, ניט קיינעמס אנדערען, וויל ווי באלד אין דער לאנד הערשט פרייהייט קענען זיך אידען צוזאמענ־נעמען און היטען שבת, און מאכען כשרות און גרינדען תלמוד־תורה'ס און ישיבות אויפ'ן בעסטען אופן. אלא, וואס דען די אידען אליין ווילען ניט? דאריבער טאקע דארף יעדערער וועלכער קען משפיע זיין צום בעסערען, ניט ווארטען מען זאל איהם איינלאדען און ער דארף אוועק פון רוסלאנד און פאהרען קיין אמעריקא אויסנוצען דארט זיין השפעה. מיט רוסלאנד איז די צרה וואס מיר קענען ניט טאן דאס וואס מיר ווילען, וויל מען לאזט אונז ניט, מען דריקט אונז און מען צווינגט אונז צו עקזיסטירען ווי עס לוינט אנדערע. אבער אין אמע־ריקא, וואו עס הערשט פרייהייט, קענען מיר ווערען די בעלי־בתים און אן אונזער גוטען אדער שלעכטען ווילען ווענדעט זיך צו האבען א גוטע אידישקייט אדער פארקערט...

נאך א קורצע פויזע זאגט ווידער רבי חיים צו סובאלסקי'ן:

— דאריבער זייט איהר יא גערעכט וואס איהר מוסר'ט מיך פאר־וואס איך פאהר ניט קיין אמעריקא, אפילו, ווען די מעשה מיט'ן כתב רבנות איז ניט אמת. איז דאך טאקע די קשיא פארוואס טו איך דאס ניט וואס איך זאג? איז דארויף דער תירוץ: ערשטענס, ווייס איך ניט, אויב איך וואלט געקענט האבען א השפעה אין אמעריקא, און צווייטענס, איז טאקע אן עוולה. נאטירליך עס איז דא תירוצים: קינדער, געזונד צושטאנד א. ד. גל. אבער אן עוולה איז דאס פארט, אלע טוען עוולות!...

צוויי הונדערט פופציג

דער בליק אין דער צוקונפט

און דאביי איז דער שמועס געבליבען. באטראכטענדיג אז דאס איז געשעהן ווען פון דער וועלט־מלחמה האט קיינער נאך ניט געטראכט און פון דעם אונטערגאנג פונ׳ם רוסישען יודענטום איז קיינעם אויפ׳ן זינען ניט ארויפגעגאנגען, און אמעריקא איז דאן געווען די „גאלדענע לאנד” אבער ניט מעהר אין קיינעם׳ס אויגען, קען מען אפשאצען ווי ווייט דער בליק איז געווען רבי חיים׳ס אין דער צוקונפט...

צוויי הונדערט איין און פופציג

לד.

דער מייטשעטער עלוי

איינער פון די חשוב׳סטע און פעהיגסטע תלמידים, דער יעניגער וועלכען מען האט געקענט רופען תלמיד מובהק פון רבי חיים סאלאָ־ווייציק, איז געווען רבי ש ל מ ה פ אָ ל י אַ ט ש עֶ ק, וועלכער איז באקאנט געווען צווערשט אין דער לומדישער וועלט אין אייראָפּא און שפּעטער אין דער ישיבה׳שער וועלט אין אמעריקא מיט׳ן נאָמען „ד ע ר מ י י ט ש ע ט ע ר ע ל ו י". ווען עס הייסט, אז רבי שלמה פּאָליאַ־טשעק איז באקאנט געווען, איז דאָס ניט ריכטיג, דען ווי ער איז געווען און וואָס ער איז געווען, איז קיינעם ניט געווען גענוי באקאנט. נאָך מעהר, ער האט זיך אליין אויך ניט געקענט.

עס איז דאָ א מיינונג ביי בעלי מוסר, אז די מדה פון ענוה באַ־שטעהט ניט נאָר אין דעם וואָס מען שטאָלצירט ניט דערמיט וואָס מען באזיצט, נאָר עס געהט פיל ווייטער, אז אמת׳ער ענו איז דער יעניגער וואָס ער וויים אליין ניט זיין גרויסקייט און ער שאַצט זיך ניט אָפּ ווי ער פאַרדינט. דאָס איז געוויס ניט גרינג צו דורכפיהרען, דען אויב מען איז פעהיג און מען פאַרשטעהט דעם צווייטען און מען האט איבער־הויפּט אָפענע אויגען ריכטיג צו זעהן און ריכטיג אָפּצושאַצען, דאַרף מען דאָך זיך אליין אויך קענען אין דער ריכטיגער מאָס.

די טאַטזאַך איז אָבער, אז דער אמת׳ער בעל מדות, ווי קלוג ער זאָל ניט זיין און ווי גענוי ער זאָל ניט זעהן און פאַרשטעהן אלץ וואָס געהט ארום איהם, ווערט פאַרבלענדעט ווען ער קומט צו זיך און זעהט זיך פיל קלענער ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט. ווי עס שיינט, איז דאָס דער גורל פון דעם מענשען, ער קען זיך זעלבסט ריכטיג ניט אָפּ־שאַצען, אָדער ער זעהט זיך גרעסער אָדער קלענער. און דאָס איז די מדה פון עניו, מען זאָל זיך בעסער אונטערשעצען איידער איבערשעצען...

דער מייטשעטער האט באזעסען די מדה פון ענוה אין פולען זינען. עס איז געווען אמאָל ביי א מסיבה וואו מען האט גערעדט וועגען ארץ ישראל, האט ער, רבי שלמה, זיך אויסגעדריקט אז ער וואָלט וועלען געהן אין ארץ ישראל און פאַרנעמען דאָרט א שטעלע פון א לעהרער אויף גמרא, נאָר דער חסרון איז וואָס ער קען ניט קיין העברעאיש. דארויף האט איהם איינער פון זיינע גוטע פריינד אין א שפּאַס געזאָגט:

דער מייטשעטער עלוי

— פון וואַנען ווייסט איהר וואָס איהר קענט יאָ אָדער קענט ניט, איהר מיינט דאָך, אַז איהר קענט לערנען אויך ניט?...

און באמת האָט דער מייטשעטער קיינמאָל ניט געפיהלט זיין גרויס־קייט און זיינע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען. דען ווי גרויס ער איז געווען אַן עלוי אין לערנען, איז ער נאָך מעהר געווען אַן עלוי אין מידות. זיין באשיידענהייט האָט זיך באמערקט אין זיינע אינגסטע יאָהרען. ווען ער איז געקומען אין וואָלאָזין איז ער געווען נאָך קיין דרייצעהן יאָהר אַלט, ער איז אין וואָלאָזין „בר מצוה" געוואָרען, און ביי אונז אין הויז, אין אַ פרייטאָג פריה איז געווען די סעודה, און די דרשה צו זיין בר מצוה ביי וועלכען דער טאַטע ז"ל, ווי אויך רבי חיים סאָלאָווייציק, זיינען געווען אַנוועזענד. דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער פאַל אַז מען זאָל פייערען אין וואָלאָזין אַ בר מצוה פון אַ ישיבה־מאַן. דען ווען עס איז געקומען, געוועהנליך, אַ בחור פון זעכ־צעהן, זיבעצעהן יאָהר, האָט מען זיך אויף איהם אויך ניט אומגעקוקט, מען האָט איהם געהאַלטען פאַר צו קליין. דער מייטשעטער האָט זוכה געווען אַז אַלס קינד איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דעם טיטול עילוי, און ער האָט דאָס אין פארלויף פון זיין גאַנצען לעבען — צום באַ־דויערען פיל צו קורצען — געטראָגען מיט גרויס ווירדע.

דער טיטעל „עלוי" איז געווען אין וואָלאָזין זעהר הויך געשעצט, ניט אין אַלע צייטען זיינען געווען „עלוים" אין דער ישיבה און ניט יעדערער וועלכען מען האָט גערופען עלוי אין זיין קרייז בעפאָר ער איז געקומען אין דער ישיבה, האָט באהאַלטען דעם כבוד זייענדיג אין וואָלאָזין. עס זיינען געווען אַזעלכע וועלכע מען האָט גערופען „חצי עלוי". אַ „האַלבער עלוי" איז אויך געווען אין וואָלאָזין אַ גרויסער טיטעל. אַנדערע האָבען געשפּאָסט און געזאָגט: „אַזוי ווי אַן עלוי מיינט, אַז מען קען פיל לערנען און מען איז אַביסעל משוגע, מיינט אַ „חצי עלוי" אַז משוגע איז מען און לערנען קען מען ניט"... דאָס איז אָבער געווען ניט ערנסט. אין דער אמת'ן זיינען די געצעהלטע וועלכע זיינען געווען אין וואָלאָזין „האַלבע עלוים", מענשען מיט גרויסע פעהיגקייטען. איינער אַ געוועזענער „חצי עלוי" איז היינט פון די באריהמטעסטע ראשי ישיבה.

דער מייטשעטער ווי קליין און ווי יונג ער איז געווען, האָט פאַר־דינט דעם נאָמען „עלוי" אָהן צווייפעל. אויב איהם האָט עטוואָס געפעהלט צו דעם בכבוד'ן טיטעל איז דאָס וואָס ער האָט קיין שטיקעל „שגעון" אויך ניט געהאַט. ער איז געווען אַלס מענש אַזוי גלאַט, אַזוי

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גלייך, אזוי עהרליך, אזוי פשוט, אז קיינעם האָט ניט געקענט איינפאַלען אז אין דעם איינפאַכען אינגעל איז באהאַלטען אונגעוועהנליכע פעהיג־קייטען. זיינע פעהיקגייטען זיינען באשטאַנען דארין וואָס ער האָט יעדע זאַך זעהר שנעל אויפגעכאַפּט. מיט א וואונק ממש האָט ער זאָפאָרט געוואוסט וואָס דער צווייטער וויל זאָגען, און דאַצו איז זיין שכל געווען זעהר גלייך און טיף. דאָס וואָס מען רופט „שכל הישר" איז געווען ביי איהם ענטוויקעלט, אָדער בעסער געזאָגט, איינגעבאָרען, פולע הונדערט פראָצענט. פון זיין מוח און פון זיין מויל האָט ניט געקענט ארויסגעהן עטוואָס וואָס עס איז ניט געווען דורכאויס לאָגיש און שטיכהאַלטיג אין יעדער הינזיכט.

ווען ער איז געקומען אין וואָלאָזין דירעקט פון זיינע עלטערנ'ס הויז אין א דאָרף לעבען די שטעדטעל מ י י ט ש א ד, איז ער געשטאַנען אונטער דער השגחה פון זיינעם א פריינד וועלכער איז געווען פיל עלטער ווי ער, פון די אַנגעזעהענע בחורים אין דער ישיבה, איצט איז ער פון די באריהמטע רבנים אין פוילען. די „השגחה" איז באשטאַנען אום אכטונג צו געבען אויף איהם ניט אין גייסטיגען זין, ווייל ער איז שוין דאַן געווען גייסטיג גענוג אויסגעוואַקסען, נאָר איינפאַך ווי מען פאַסט אויף אויף א קליין קינד, וועלכער קומט פון א דאָרף אין א גרויסער שטאָדט. מען האָט איהם באטראַכט פאַר א „וואונדער קינד", און יעדער האָט געוואָלט הנאה האָבען צו הערען ווי ער לערנט, און וויסען וואָס ער איז מחדש אין לערנען. גאַנץ באזונדערס האָט זיך רבי חיים סאָלאָווייציק מיט איהם אינטערעסירט. ער האָט איהם זעהר אָפט אריינגעצויגען אין א שמועס, געפרעגט איהם און געהאָלפען איהם אין דעם פראָצעס פון זיין ענטוויקלונג.

ניט קוקענדיג דארויף וואָס פון זיין אינגסטער יוגענד איז ער באריהמט געוואָרען און וואו ער איז געווען האָט מען גערעדט פון איהם, און די גרעסטע לומדים און זייערע נאָהענטע האָבען זיך באַ־צויגען צו איהם ווי צו עטוואָס אונגעוועהנליכעס, איז איהם דאָך אויס־געקומען צו ליידען זעהר פיל. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען ווען ער איז שוין געווען אויסגעוואַקסען, פלעגט ער באדויערען וואָס ער האָט קיין יוגענד ניט געהאַט.

זייענדיג אין ב ר י ס ק, פאַרביי געהענדיג דעם דאָרטיגען פּראָ־גימ־נאַזיום, וואו עס לערנען יונגע קינדער ביז צו פופצעהן־זעכצעהן יאָהר, און זעהענדיג ווי די „גימנאַזיסטלאַך" לויפען ארום ווען עס קומט מיטאָג־צייט, און איינער שפּרינגט איבער דעם אנדערען, איינער יאָגט

צוויי הונדערט פיר און פופציג

דער מייטשעטער עלוי

איבער דעם צווייטען, און עס הערשט א קינדערשע אויפרעגונג, א קינ־דישע פרעהליכקייט, האט ער, רבי שלמה, טיף באדויערט און געזאגט:

— פארוואס האבען מיר דאס אין אונזער קינדהייט ניט געהאט? וואלט דאס אונז געשאדט צום לערנען ווען מיר וואלטען אמאל אין טאג א שפרונג געטאן אדער א זינג געטאן?

דער אמת'ער גלות איז געווען אויסגעגאסען אויף זיין געזיכט. שטענדיג בלאס, די אויגען קוקען ווייט פון זיך, דער מח פארטיפט, עס ווילט זיך הנאה האבען פון דעם א י צ ט, און עס האט זיך ניט, עס קלערט זיך ניט ווילענדיג וועגען ש פ ע ט ע ר. מען וויל זיך פיהלען אליין, זעלבסטשטענדיג, עס געהט ניט, עס איז דא אימיצער וואס גיט אכטונג.

און וואס מעהר מען איז גרעסער, חשוב'ער, אלץ מעהר „אכטונג־געבער" זיינען דא... דער מייטשעטער האט געליטען אין זיינע יונגע יאהרען פון פיל מענשען וועלכע האבען געוואוסט ווי פעהיג ער איז, וועלכע עלוי'שע באגאבונגען ער באזיצט, און האבען ערווארטעט אז ער זאל זיין פון די גרעסטע לומדים אין צוקינפטיגען דור, און דעריי־בער . . . דאריבער האבען זיי ניט געזוכט זיין לעבען בעסער און שעהנער צו מאכען. זיי האבען איהם געהאלטען אונטער חשד, ער זאל חלילה „ניט קאליע ווערען"... ווען די ישיבה אין וואלאזין איז געשלאסען געווארען, איז ער, צוזאמען מיט אנדערע ישיבה־לייט, געפאהרען אין מ י נ ס ק, און דארט האט מען געוואוסט פון איהם און פון זיין גרויסקייט — ווען ער איז דאן געווען ערשט אלט פירצעהן אדער פופ־צעהן יאהר — האט מען פון איהם געהאלטען אזוי שטארק, אז מען האט איהם אונטערזוכט צי ער טראגט ציצית... די באליידיגונג האט ער ניט געקענט אריבערטראגען בשעת מעשה און אויך ניט פארגעבען שפעטער. און מיט רעכט, ניט ריידענדיג ווי שעדליך עס איז אזא „שיטה" אין ערציהונג, באווייזט דאס ווי ווייניג מען האט איהם פאר־שטאנען. דען אזוי ווי ער איז געווען אין זיינע אינגסטע יאהרען א גאון, אזוי איז ער אויך געווען א צדיק. ער איז געווען שטענדיג גאנץ אין זיין נשמה, ער איז באזעסען תמימות אין בעסטען און שעהנסטען זינען פון דעם באגריף. עס האט ניט געקענט זיין ביי איהם קיין שפור פון צביעות. עס איז געווען פאר איהם אונמעגליך, ממש אונמעגליך, אימיצען אפצונארען אדער ברייגנען צום אויסדרוק עטוואס וואס ער האלט ניט פאר ריכטיג. און איהם האבען ארומגערינגעלט מענשען וועלכע אונטערזוכען זיינע ציצית, און דאס זיינען געוועזען זיינע בעלי טובות!

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ביי דער ערשטער מעגליכקייט איז ער געפאָהרען אין בריסק צו רבי חיים׳ן. צווישען איהם מיט רבי חיים׳ן, ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיד אין יאָהרען און אין שטעלונג, איז געוועזן אַ נאַטירליכער פאַרבאַנד. ווער נאָך ווי רבי חיים מיט זיין טיפקייט אין לערנען און ליבשאַפט צו תלמידים האָט געקענט ליב האָבען דעם מיטשעטער? רבי חיים האָט שטענדיג גערעדט וועגען איהם מיט גרויס באַנייסטערונג און צערטליכקייט. דער נאָמען ש ל מ ה ׳ ק ע ווען רבי חיים האָט גערעדט צו איהם אָדער וועגען איהם, האָט שטענדיג געקלונגען מיט ליבע. ווען מען האָט גערעדט אין לערנען און עס איז געווען אַ טיפער ענין האָט רבי חיים שטענדיג געווענדעט זיך צו איהם מיט אַ באַזונדער ליבליכקייט:

— נו, שלמה׳קע, וואָס זאָגסטו?

און זעהר אָפט פלעגט דער מייטשעטער ענטפערען, ווי זיין שטייגער איז געווען, גאַנץ שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, זעהר קורץ, אַזוי ווי ער זאָגט עטוואָס ניט באַדייטענדעס, און זיין תשובה האָט איבערראַשט מיט די שנעליגקייט און מיט די קלאָרקייט אַלע צוהערער און רבי חיים׳ן אויך. דער לעצטער האָט שטענדיג הנאה געהאַט פון מייטשעטער׳ס באַמערקונגען און ניט זעלטען פלעגט ער אויסדריקען זיין צופרידענהייט. רבי חיים האָט אויך געזוכט ביי יעדער געלעגענהייט ווען אַ באַריהמטער רב איז דורכגעפאָהרען בריסק, פאָרצושטעלען דעם מייטשעטער און אריינציהען איהם אין אַ תורה־געשפרעך כדי צו ווייזען די גרויסקייט פון זיין תלמיד, זיין ליבלינג.

דער מייטשעטער מיט זיין איינגעבאָרענע ענוה און מיט זיין אונגעוועהנליכע באַשיידענהייט האָט שטענדיג געזוכט אויסצומיידען אַזאַ געלעגענהייט. ער האָט פיזיש ניט געקענט פאַרטראָגען ווען אַלע קוקען אויף איהם און ער איז דער ציל פון אַלע אויגען. עס איז געווען אַמאָל ווען רבי א י צ ל פ אָ נ י וו ע ז ע ר איז דורכגעפאָהרען בריסק און איז אַ גאַנצען טאָג געווען ביי רבי חיים׳ן, האָט מען ארומגעזוכט דעם מייטשעטער און איהם ניט געקענט געפינען. ערשט אויף מאָרגען ווען דער גאַסט איז אוועקגעפאָהרען, איז ער צוריקגעקומען פון זיין „באַהעלטעניש״. ווען מען האָט איהם געמאַכט אַ פאָרוואורף וואָרום ער האָט זיך אויסבאַהאַלטען, האָט ער געענטפערט:

— אז ער, רבי איצל, קען לערנען ווייס איך, און אויב איך קען יאָ אָדער ניט וואָס איז דאָס זיין דאגה?

און ניט נאָר אין דברי תורה, נאָר אויך אין וועלטליכע זאַכען

דער מייטשעטער עלוי

איז ער געווען זעהר באשיידען. ניט קוקענדיג אויף זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער געלעבט אין גרויס אַרמוט, עס זיינען געווען צייטען ווען ער האָט געהונגערט און קיינער האָט ניט געוואוסט, ניט געהאַט קיין בגד און פּאָר קיינעם זיך ניט באַקלאָגט. און אַזוי ווי ער האָט מיט קיינעם זיך ניט געטיילט אין זיינע מאַטעריעלע ליידען אַזוי האָט ער קיינעם ניט דערצעהלט איבער זיין גייסטיגען רייכטום. זיינע נאָהענטסטע פריינד האָבען ניט געהערט פון איהם עטוואָס איבער זיינע מאַטעמאַ־טישע קענטניסע, טראָץ דעם וואָס ער האָט זיך דאַמיט אינטערעסירט און האָט געהאַט דאַרין אַ גרויסע ידיעה. ער איז אויך זעהר שטאַרק באַקאַנט געווען מיט די בעסערע רוסישע ליטעראַטור און אַ טייל אויך דייטשע. טיפע וועלט־פּראָבלעמען מיט וועלכע די גוטע ליטעראַרישע ווערק באַפאַסען זיך, זיינען איהם געווען באַקאַנט און ער האָט געהאַט זיינע מיינונגען איבער פילע פון זיי. זעהר ווייניג, אפילו פון זיינע אינטימע פריינד, האָבען געוואוסט דאַפון. מען האָט אויך אין זיין נאָהענטסטען קרייז ווייניג געוואוסט ווי ווייט און ווי טיף ער האָט זיך אינטערעסירט מיט ציוניזמוס און אין דער לעצטער צייט מיט דעם מזרחי.

און אַזוי ווי זיינע מדות זיינען געווען צו אונטערשעצען זיך, אַזוי האָט ער שטענדיג פאַרשטאַנען און פאַרטיידיגט דעם צווייטען. פון זיינע קינדישע יאָהרען אָן, ווען געוועהנליך מען זוכט דעם צווייטען צו קריטיקירען, הערשט אָפט דער כח פון „בטול" געגענאיבער גלייכע און באַזונדערס געגענאיבער קלענערע, האָט ער קיינמאָל ניט געהאַנדעלט אַזוי. ווער עס איז האָט געמעגט זאָגען די פאַלשסטע מיינונג אין לערנען, האָט ער ניט אַרויסגעוויזען קיין גרינגשעצונג. זעהר אָפט האָט ער געזוכט דעם אַנדערענס פעהלער גוט צו מאַכען און ער האָט זיך באַ־מיהט אויסצושיילען אַ ריכטיגע מיינונג פון דעם אַנדערענס טעות.

איינמאָל האָט ער זיך נאָר באַנוצט מיט אַ שעהנעם שפּאַס געגען אַ געוויסע פערזאָן צו וועלכע ער האָט זיך פאַרהאַלטען קריטיש אין רבי חיים'ס געגענוואַרט, און רבי חיים האָט איהם געזאָגט האַלב אין שפּאַס און טיילוויז אין ערנסט, אַז דאָס מיינט, ער האָט ניט קיין אמונת חכמים, האָט דאַרויף דער מייטשעטער געענטפערט ווי זיין שטייגער, שטיל און מילד:

— חס וחלילה, איך האָב אמונת חכמים, איך גלויב נאָר ניט אַז דער באַטרעפענדער איז אַ חכם...

אָבער ווי רוהיג רבי שלמה פּאָליאַטשעק האָט אויסגעזעהן אויסערליך

צוויי הונדערט זיבען און פופציג

איז ער געווען אינערליך אונרוהיג. ער האָט שטענדיג געזוכט, גע־שטרעבט, געוואָלט קריגען מעהר און מעהר פון דעם וואָס ער איז אַזוי פיל באַזעסען. זייענדיג דורך און דורך איבערגעגעבען צו רבי חיים׳ן, און וויסענדיג ווי גרויס רבי חיים איז, האָט ער דאָך געמאַכט אַ פּאַרזוך, ווי זיין שטייגער איז געווען, שטילערהייד אַז קיינער זאָל ניט וויסען, אַפילו זיינע נאָהענטסטע חברים, אַוועקצופאָהרען פון בריסק אין אַנדערע ישיבות. ער האָט זיך אויך געוואָלט באַקענען מיטן „דרך המוסר״ און איז געפאָהרען אין סלאַבאָדקע וואו ער איז געווען אַ געוויסע צייט.

די פאַרהעלטניסע צווישען גרויסען רבי׳ן און וואונדערבאַרען תלמיד זיינען געווען געגענזייטיגע. יאָהרען־לאַנג נאָכדעם ווי רבי שלמה האָט פאַרלאָזען בריסק און איז אַוועק אויף זיין אייגענעם וועג, האָט רבי חיים ניט אויפגעהערט צו טראַכטען און ריידען מיט דער גרעסטער ליבע און כבוד פון „דעם מיטשעטער״. ווען רבי שלמה איז געווען דער ראש ישיבה אין לידא, אין דער ישיבה וועלכע איז געווען געגרינדעט און אויגעהאַלטען מיט דעם גייסט און טעטיגקייט פון דעם דאַמאָלסדיגען לידער רב, הרב ריינעס, דער גרינדער און פיהרער פונ׳ם מזרחי, איז געהאַלטען געוואָרען אַ געשפּרעך צווישען רבי חיים׳ן מיט אייניגע פון זיינע נאָהענטע. עס איז געקומען צו רייד וועגען דעם מיטשעטער און רבי חיים האָט מיט גרויס באַוואונדערונג גערעדט וועגען איהם. איינער פון דער געזעלשאַפט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אַז עס איז געווען אָנצונעמען אַז אַזוי שנעל ווי דער מיטשעטער איז געוואָרען נאָהענט צו הרב ריינעס און האָט מיט זיין אָננעמען דעם פּאָסטען פון ראש ישיבה דאָרט אַוועקגעשטעלט די לידער ישיבה אויף אַ זעהר הויכען מצב, וועט ער, רבי חיים, אַ שאַרפער געגנער פון ציוניזמוס, און הרב ריינעס, אויך צו איהם, צום מיטשעטער, זיך פאַרהאַלטען קיהלער. דאַרויף האָט רבי חיים געענטפערט קלאָר און שאַרף ווי זיין שטייגער:

— וואָס האָט צו טאָן איינס מיט דעם אַנדערען? צי דען ווייל איך האַלט ניט פון ציוניזם דאַרף איך ניט האַלטען פון הרב ריינעס? און אויב איך האַלט ניט פון הרב ריינעס, דאַרף איך ניט האַלטען פון זיין ישיבה? און אויב איך האַלט ניט פון דער לידער ישיבה דאַרף איך ניט האַלטען פון דעם מיטשעטער? איך קען זיין אַ געגנער פון ציוניזם און דאָך האַלטען פון הרב ריינעס, און איך קען זיין אַ געגנער פון איהם אויך, און די ישיבה זיינע קען זיין גוט, און אַפילו

דער מייטשעטער עלוי

אז די ישיבה זאָל מיך אויך ניט געפעלען, בלייבט אַלץ דער מייטשעטער אין זיין חשיבות ווי געווען...

און ניט ווייניגער ווי אַלע אַנדערע האָט געוואוסט הרב ריינעס צו ווירדיגען רבי שלמה'ן. ער איז געווען שטאָלץ דארויף וואָס דער מייטשעטער איז דער ראש ישיבה אין זיין תורה אַנשטאַלט, און טראָץ דעם וואָס דער דרך פון לערנען און דער אַרט פון תורה מחדש זיין איז געווען ביי הרב ריינעס גאַנץ אַנדערש ווי רבי שלמה'ס, האָט הרב ריינעס געהאַלטען אַז וואָס רבי שלמה איז מחדש איז תורת אמת. עס איז אַמאָל געזעסען ביי הרב ריינעס אין לידא אַן אָנגעזעהענער רב באַקאַנט פאַר אַ גרויסען למדן. ער האָט געזאָגט אַ דבר תורה. האָט איהם הרב ריינעס באַמערקט אַז אין דעם זעלבען ענין האָט דער מייטשעטער געזאָגט אַנדערש און דעם מייטשעטער'ס איז ריכטיגער. דער רב האָט זיך געפונען באַליידיגט וואָס מען שטעלט דעם מייטשע־טער'ס תורה העכער ווי זיינע. זאָגט צו איהם הרב ריינעס:

— מיינט איהר אַז עס איז אויף דער וועלט ניטאָ קיין גרעסערער למדן פון אייך?

ענטפערט איהם דער רב:

— ווער זאָגט דאָס? געוויס זיינען דאָ גרעסערע לומדים פון מיר.

זאָגט איהם הרב ריינעס:

— טאָ וואָס קימערט אייך אַז דאָס איז דער מייטשעטער?...

מען האָט אין דער ווירקליכקייט ניט געקענט קענען רבי שלמה פּאָליאַטשעק, סיי אין זיינע אינגסטע יאָהרען און סיי אין די שפּעטער־דיגע צייטען, און ניט זיין איבערראַשט פון זיין גרויסקייט. אַלע וועלכע זיינען געקומען מיט איהם אין באַריהרונג האָבען געמוזט צוגעבען אַז ער איז וואונדערבאַר אין זיינע פעהיגקייטען. דער איינציגער וואָס האָט דאָס ניט געוואוסט און ניט צוגעגעבען איז געווען ער אַליין... ער האָט זיך ניט געקענט.

ווייל ער איז געווען גרויס אַלס עלוי אין תורה, ער איז אָבער געווען נאָך גרעסער אַלס עלוי אין מדות.

לה.

געגען ציוניזם, פאַר ארץ ישראל

עס איז געווען די צייט ווען דער ציוניזם איז שוין געווען זעהר שטאַרק אלס באוועגונג. עס איז שוין אבגעהאלטען געווארען דער ערשטער קאָנגרעס, דער צווייטער און דער דריטער, און יעדער קאָנגרעס האָט געלאָזען א שטאַרקען רושם אויף די יעניגע וועלכע זיינען דאָרט אין באזעל ניט געווען, אזוי גוט און אפשר נאָך שטאַרקער ווי אויף די יעניגע, וועלכע האָבען אליין אנטייל גענומען. וויפיל העברעאישע צייטונגען עס זיינען דאן ערשינען — אידישע זיינען נאָך ניט געווען — און וויפיל טעלעגראמעס אדער בריעפליכע באריכטען זיינען געדרוקט געווארען, האָט מען אלע געלייענט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און פון פיעלע לעזער, מיט שטאַרקע הארץ־קלאפעניש. די אָנהענגער אזוי גוט ווי די געגנער פון ציוניזם האָבען געגאַרט צו הערען, צו ווייסען יעדען וואָרט און יעדען אויסדרוק, געזוכט צו פארשטעהן יעדען רעפעראט און יעדע רעזאלוציע, וועלכע עס זיינען ביי די קאָנגרעסען געהאלטען געווארען און באשלאָסען געווארען. די אָנהענגער האָבען זיך געפרעהט פון יעדען געלונגענעם אויסדרוק, און די געגנער האָבען געזוכט צו געפינען דעם לעכערליכען זייט פון יעדע זאך, אָבער אינטערעסע האָט יעדער געהאַט אין דעם וואס איז פאָרגעקומען אין דער ציוניסטישער טעטיגקייט. עס פלעגט אָפט טרעפען אז די בײדע, די אָנהענגער און די געגנער האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, און יעדען וואָרט וועלכען די לעצטע האָבען ארויסגערעדט, יעדע באמערקונג וועלכע זיי האָבען געמאכט האָט די ערשטע געשטאָכען ווי פייעריגע שפיזען. און מען האָט געמוזט הערען און שווייגען. דען דאָס רוב זיינען די געגנער געווען די גרעסערע, די עלטערע און די באדייטענדערע אין דער געזעלשאפט. ווען־ניט־ווען האָט איינער פון די אינגערע געהאַט דעם מוט צו מאַכען א שאַרפע באמערקונג אויף דעם אדרעס פון די אָבלאַכער. און וואס מעהר אינטעלעקטועל עס איז געווען די סביבה, די פערזאנען מיט וועלכע מען האָט געהאט צו טהאָן, אלץ מעהר איז אויסגעקומען צו דיסקוטירען און צו האָבען זעהר אָפט אינערליכע גייסטיגע יסורים.

די יסורים האָט מען אויך געהאט זייענדיג אין בריסק, וואו אין געגענזאץ צו וואָלאָזין האָט זיך געפיהלט און געהערט א געגנערשאפט צו

געגען ציוניזם, פאַר ארץ ישראל

דעם געדאנקען פון חבת ציון און ציוניזם צוזאמען. דאס איז געווען דער פאַל ניט נאָר ביי רבי חיים סאָלאָווייציק, וועלכער האָט געהאַט זיינע פּרינציפּען לויט וועלכע ער האָט געמוזט זיין געגען. רבי חיים איז אין זיין כאַראַקטער געווען פון די מענשען, וועלכע ווערען אונטערדריקט פון זייערע גייסטיגע שמערצען. ער האָט שטענדיג מורא געהאַט פאַר דעם יום הדין, פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג. יעדער געדאַנקען פון קראַנק־הייט און פון טויט האָט איהם פיינליך באַריהרט. יעדע שלעכטע בשורה אז אימיצער איז געשטאָרבען, האָט געלאָזען אויף איהם א שרעקליכען איינדרוק. און פיל מעהר ווי דאָס, איז ער באַזעסען אַן אונגעוועהנ־ליכען שרעק וועגען דער נשמה, וועגען גייסטיגען אונטערגאַנג. ער האָט שטענדיג מורא געהאַט אז יעדע נייע באַוועגונג, יעדער שריט וועלכער געהט אנדערש ווי דער אויסגעטראָטענער וועג, קען אַוועקפיהרען פון אי־דישקייט. ער האָט געלעבט און געפיהרט זיין וועלט ניט רעכענענ־דיג זיך מיט אירגענד וועלכע נייע אומשטענדען, ווייל דאָס איינציגע וואָס איז געווען אָם מייסטען זיכער אין זיינע אויגען, איז געווען האַל־טען זיך ביים אלטען אָהן דעם קלענסטען שינוי. ער האָט פאַרשטאַנען דעם ציוניזם ניט נאָר אַלס אַ באַוועגונג פאַר ארץ ישראל, נאָר אויך אַלס א פאַקטאָר צו פאַרשידענע נייע טעאָריען, נייע פּראָבלעמען אין דעם אידישען טאָג־טעגליכען לעבען און געדאַנקען־גאַנג. דאָס אליין איז געווען גענוג איהם אָבצושרעקען פון ציוניזם אַזוי ווי עס האָט איהם אָבגעשראָקען מאָדערנע בילדונג, צייטונגען און ביכער, און אַלץ וואָס איז ניי, אַנדערש ווי דאָס שטרענג אָנגענומענע, טראַדיציאָנעלע, אפילו אין אויסערליכקייטען. זיין געגנערשאַפט צום ציוניזם איז געווען דארום אַ שעהנע געגנערשאַפט, ווייל זי איז ענטשטאַנען פון אונרוהיגקייט, פון אינערליכע שרעק, פון גייסטיגע יסורים. און אויב שמערצען בכלל האָ־בען אַ כח צו פאַרהייליגען מענשען, דער אָרעאָל פון ליידען בעשיינט און בעפּוצט דעם איינצעלנעם אזוי ווי די געזעלשאַפט, פיעל הייליגער און טיפער זיינען גייסטיגע שמערצען פון אַ גייסטיגע פּערזענליכקייט. דארום ווען רבי חיים האָט זיך געאויסערט נעגאַטיוו וועגען ציוניזם אָדער ציוניסטישע פיהרער, וועלכע די יוגענד, אויך ישיבה־יוגענד, האָט דאַן טהייער געהאַלטען, האָט דאָס נאַטירליך וועה געטהאָן, אָבער דאָך ניט אזוי ווי דער אָבלאַכען פון די מענשען, וועלכע האָבען ארומגעריינגעלט רבי חיים׳ן און זייער געגנערשאַפט איז געקומען ניט פון ליידען, ניט פון שרעק, נאָר פון זאַטקייט, פון צופרידענהייט, פון זיכער זיין מיט זיך, אזוי זיכער און צופרידען, דאָס אַלעם אַנדערע דאַרף מען ניט זוכען...

צוויי הונדערט איין און זעכציג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אזוי ווי יסורים רייניגען א מענשען און גיבען אן אָבגלאַנץ פון קדושה, אזוי איז זעלבסט־צופרידענהייט און צופיעל זאַטקייט בכוח אָבצושטויסען און צו־ווידער־זיין, אפילו ווען דער צופרידענער און דער זאַטער איז ניט שולדיג. עס איז איהם נעבאך צו גוט און ער פארשטעהט ניט דעם הונגעריגען...

די נאָהענטסטע צו רבי חיים'ן אויף דעם געביעט פון כלל ענינים זיינען געווען צוויי בריסקער בעלי בתים, א פעטער מיט א פלימעניק.ביידע וואָהלהאבענדע מענשען, ביידע לומדים, ביידע משכילים, האָבען געשריבען שעהן העברעאיש, האָבען געהאַט רייכהאַלטיגע ביבליאָטעקען, ניט נאָר פון לומדישע ספרים נאָר אויך פון ספרי השכלה. ביידע זיהן פון גרויסע באריהמטע רבנים. איינעמס פאָטער איז געווען פון די גרינדער פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל און ביידע, זייענדיג פרום, האָבען געפיהרט מעהר אדער ווייניגער א מאָדערנעם לעבען. איינער פון זיי איז געווען קינדערלאָז, דער אנדערער האָט געגעבען זיינע קינדער א מאָדערנע בילדונג און עס איז בייביידען ניט געווען קיין שרעק אז „לערנען רוסיש" אדער „לייענען ביכער" קען אראָפּפיהרען פון וועג. זיי זיינען אָבער געווען אזוי צופרידען מיט זיך אויף דער וועלט און זיכער מיט זייער „יענער וועלט", אז זיי האָבען ניט פארשטאַנען און ניט געוואָלט פארשטעהן אז אויב דער ציוניזם איז גערעכט אדער אונגערעכט, די ציוניסטישע האָפנונגען זיינען בארעכטיגט אדער ניט, אויסלאַכען דאָס טאָר מען ניט... קיין קאמף און קיין ווידערשטאַנד טהוט ניט אזוי וועה און לאָזט ניט אזעלכע שלעכטע עראינערונגען ווי גרינגשעצונג פון אן אידעע, וועלכע איז היילig און טהייער. די „זיכערהייט" פון די דערמאָנטע פערזאָנען וועלכע זיינען אן און פאר זיך געווען חשוב'ע מענשען, נאָר גייסטיג קורצזיכטיג, האָט ניט געשטערט פון דעסטוועגען אז די קינדער פון דעם איינעם, זאָלען זיין איצט פיהרער אין דעם לינקען ציוניסטישען פליגעל... איז דאָס נקמה אדער עס האָט געקענט ערגער זיין און דאָס איז נאָך א שכר?...

עס איז געווען א דריטע פערזאָן, וועלכער איז פאר א געוויסער צייט געשטאַנען זעהר נאָהענט צו רבי חיים'ן, נאָר פון דער וואָלאָזינער צייט, און אויך ער האָט, אפשר ניט ווילענדיג, פארביטערט פיעל אנגענעהמע מאָמענטען ביי פיעל פון די יוגענד, וועלכע האָבען מיט דעם גאַנצען הארצען און דעם גאַנצען ברען פון זייער נשמה „זיך געוואָרעמט פאר די ליכט" פון רבי חיים'ס גרויסקייט, און מען האָט זיי מיט זייער באגייסטערונג אמאָל אָבגעקיהלט מיט דעם קאַלטסטען

געגען ציוניזם, פאר ארץ ישראל

שטראם... די פערזאן האט ניט געהערט צו דער בעלי הבית׳שער קלאס, נאר גאנץ און גאר אין דער לומדישער וועלט. ער האט אבער גערן געהאט ארײנצורײדען אין „וועלט זאכען". זײענדיג זעהר ארים האט דאס איהם ניט געקימערט, גײסטיג האט ער זיך געהאלטען פאר זעהר רײך, און וואס עס איז געפעהרליכער, געהאלטען פאר זיכער אז ער און זײנע קינדער און קינדס-קינדר וועלען בלײבען ווי ער וויל. האבענ־דיג אײניגע זיהן איז ער געווען געוואוינט צו זאגען:

— מײנע קינדער, אײנער וועט זײן ווי דער „נודע ביהודה", אײ־נער ווי דער „חתם סופר", אײנער ווי רבי עקיבא איגר און די אנ־דערע סתם גאונים...

עס האט זעהר לאנג ניט גענומען און די ווירקליכקײט האט גע־בראכט דאצו אז אײניגע פון זײנע קינדער זײנען געווען „בונדיסטען", און אפילו פון „סתם גאונים" איז קײן שפור ניט געבליבען... אבער בײ יענער צײט האט דער צופרידענער מענש מיט זיך און זײנע קינדער ניט אײנמאל וועה געטאן אויסלאכענדיג ניט נאר דעם געדאנקען און די פיהרער פון ציוניזם, נאר אויך די גרעסטע און חשוב׳סטע רבנים און גאונים וועלכע האבען אירגענד וואו געהאט צו טהאן מיט חבת ציון און ציוניזם. אויף איין רב האט ער געזאגט, אז ער קען ניט לערנען, אויף דעם אנדערען האט ער גע׳פסק׳ענט אז ער איז ניט פרום, דעם דריטען האט ער חושד געווען אז ער איז ניט קײן ציוניסט, „ער מאכט זיך נאר", און ווען מען האט איהם געפרעגט וועגען רבי ה י ר ש ק א ל י ש ע ר, וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבי ע ק י ב א א י ג ר, האט ער געענטפערט:

— ווײס איך וואס, מסתמא איז ער געזעסען בײם ברעג טיש...

און גראדע אט די קלײניגקײטען, די, מען מעג זאגען, נארישקײטען, האבען פאראומערט דאס לעבען ווען מען האט געוואלט זעהן ארום זיך נאר שעהנעס און ערהאבענעס...

ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען האט מען דאך געפיהלט אין רבי חיים׳ס הויז און ארום איהם אן ארץ ישראל׳דיגע אטמאספערע. דען דער גרויסער גײסט פון רבי חיים׳ן האט געקענט זײן דאן געגען ציו־ניזם, האט אבער געמוזט אנערקענען די נויטיגקײט פון שטעלען ארץ ישראל אין מיטעל-פונקט פון זײן טעטיגקײט. מיט גאנץ קלײנע אויס־נאהמען איז רבי חיים סאלאווײציק געווען דער אײנציגער רב, וועל־כער האט זיך אזוי פיל באשעפטיגט מיט פראקטישע ארבײט פאר

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ארץ ישראל, נאַטירליך פאַר דעם וואָס מען רופט: „ישוב הישן”. כמעט אַלע גרויסע ישיבות אין ירושלים האָבען געהאַט זייערע פאַרטרעטער אין בריסק. עס זיינען געווען צעהנדליגע משולחים פון פאַרשידענע תורה און צדקה אנשטאַלטען פון ארץ ישראל וועלכע פלעגען רעגעלמעסיג קומען צו רבי חיים׳ן אבגעבען א דין וחשבון. צעהנדליגע בריעף זיינען אָנגעקומען יעדע וואך פון ארץ ישראל צו רבי חיים׳ן און הונדערטע זיינען פון בריסק ארויסגעשיקט געוואָרען אין די אינטערעסען פון פאַרשידענע ארץ ישראל׳דיגע אינסטיטוציעס. ביי יעדער דבר הקשה אין דעם אַלטען ישוב, אויב דאָס איז געווען „תורת חיים”, אָדער „אוהל משה”, אָדער „בית היתומים דיסקין”, אדער וואָס עס איז, האָט מען זיך געווענדעט פון ביידע צדדים צו רבי חיים׳ן און צו זיינע ווערטער האָט מען זיך צוגעהערט. די משולחים אדער עקסטרא געשיקטע שלוחים צוליעב געוויסע אנגעלעגענהייטען וועלכע זיינען געקומען דירעקט פון ארץ ישראל, האָבען, ווי געוועהנליך, געהאַט לענגערע געשפּרעכען מיט רבי חיים׳ן איבער זייערע ספּעציעלע ענינים און אויך איבער דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד דאָרט. נאַטירליך, ניט אַלע וועלכע זיינען געקומען פון ארץ ישראל האָבען געהאַט דיזעלבע חשיבות. די וועלכע האָבען געוואוסט צוצוקוקען זיך ריכטיג, האָבען פאַרשטאַנען ווער פון די משולחים איז באמת חשוב ביי רבי חיים׳ן און ווער עס איז נאָר אָפיציעל עמפּפאַנגען געוואָרען, אָבער זיינע רייד האָבען ניט קיין גרויסען ווערטה.

עס איז אַמאָל געקומען איינער א משולח פון ירושלים, א איד מיט גרויסע פּרעטענזיעס אויף יראת שמים, און קיין זאך איז איהם ניט גוט געווען און קיין מענש איז איהם ניט געווען כשר גענוג. שמועסענדיג וועגען דעם באַקאַנטען דענקער און שריפטשטעלער רבי יחיאל מיכל פינס, האָט זיך דער משולח געאַויסערט וועגען איהם אין נעגאַטיווע באַצייכנונגען. דאָס איז דעם „עולם”, די יוגענדליכע חברה, וועלכע זיינען געווען מקורבים צו רבי חיים׳ן, ניט געפעלען געווען. וויסענדיג אַז רבי חיים האָט געהאַלטען זעהר שטאַרק פון פינס׳ן אַלס א תלמיד חכם און א פרומער איד, האָבען די צוהערער פון דעם באַטרעפענדען משולח פאַרפיהרט מיט איהם א ויכוח וועגען דעם ענין און געבראַכט דאַצו אַז דער משולח האָט געמוזט געהן צו רבי חיים׳ן זאָגען זיין מיינונג און הערען וואָס רבי חיים וועט ענטפערען.

אזוי שנעל ווי רבי חיים האָט געהערט באַליידיגענדע ווערדער וועגען פינס׳ן, האָט ער א מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד און געזאָגט:

צוויי הונדערט פיר און זעכציג

געגען ציוניזם, פאַר ארץ ישראל

— אַך, ווי קומט מען דאָס צו זאָגען. פינס איז אַן עהרליכער איד און א למדן.

דער משולח האָט ניט געהאַט קיין אנדער ברירה ווי אַנכאַפּען זיך אַן דעם חרם וואָס רבי יהושע ליב דיסקין האָט פינס'ן מחרים געווען. ווי עס איז געווען באַוואוסט, איז רבי חיים, אזוי ווי זיין פאָטער רבי יוסף בער, געווען זעהר א שטאַרקער אָנהענגער פון רבי יהושע ליב'ן. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען און רבי חיים האָט א זאָג געטהאָן:

— נו, בלייבט א קשיה! פינס איז אַן עהרליכער איד! — און איז אוועקגעגאַנגען.

דעם זעלבען משולח איז נאָך אַמאָל ערגער געגאַנגען. ער האָט גערעדט וועגען מיין ברודער רבי חיים ברלין, וועלכער האָט דאַן באַזוכט ארץ ישראל, און דער משולח האָט דערצעהלט אויף איהם אַן „עולה", וואָס ער האָט געבאָרגט ספרים פון „גנזי יוסף", ווי עס האָט דאַן געהייסען די איצטיגע נאַציאָנאַל ביבליאָטעק. דער באַטרעפענדער משולח האָט „ערקלעהרט", אַז אפילו א כשר'ן ספר טאָר מען ניט ליירענען אדער נעהמען פון א טרפה'ן אָרט. און אַז א „שרייבער" ווי לונץ ווען ער „שרייבט" וועגען תורה, טאָר מען אויך ניט נעהמען אין האַנד... די „חברה", וועלכע האָבען דאָס געהערט, האָבען געהאַט א הארץ אויף דעם משולח און האָבען איהם נאָכגעשפּירט. ויהי היום, זעהט מען ווי דער משולח האַלט אין קעשענע דעם „לוח" פון לונץ. דער „לוח" ווערט באַלד ארויסגעצויגען פון דעם משולח'ס מאַנטעל, און מען פרעגט איהם:

— סטייטש, איהר זאָגט דאָך, אַז מען טאָר דאָס ניט לייענען, עס איז טרפה, טאָ ווי קומט דאָס צו אייך?

ענטפערט נעבאָך דער משולח:

— פאַרשטעהט איהר מיך, אין דעם „לוח" שטעהט באַשריבען מיין אַנשטאַלט, און איך האָב דאָס נויטיג צוליעב געלד צו קריגען, מוז איך דאָס האַלטען.

דער „תירוץ", וועלכער וואָלט אפשר אנדערש־וואו אנגענומען געווארען, האָט אָבער ניט געקענט אַקצעפּטירט ווערען אין בריסק. מען האָט דאָס דערצעהלט רבי חיים'ן, און דער משולח איז שוין קיין תקיף ניט געווען.

דאַגעגען זיינען געווען אנדערע משולחים מיט וועלכע מען האָט מיט פאַרגעניגען פאַרבראַכט טעג אום צו הערען פון דעם ארץ ישראל'דיגען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

לעבען, און וואס מעהר דער משולח האָט פארשטאַנען צו דערצעהלען איינצעלהייטען, אלץ מעהר און לענגער האָט מען הנאה געהאַט איהם אויסצוהערען. און ניט נאָר פון דעם רוחניות׳דיגען ארץ ישראל, נאָר עס האָט זיך געגלוסט צו הערען און צו וויסען ווי אזוי זעהט אויס די ממשות׳דיגע ארץ ישראל. איבערהויפּט ירושלים. ווי לעבט מען, ווי פּארדיענט מען, ווי קליידעט מען זיך, ווי זעהען אוים די גאסען, א. ד. גל. יעדע קליינינקייט וועלכע מען האָט געהערט איז געווען א פארגעניגען. יעדע ידיעה וועלכע מען האָט צוגעקראָגען האָט רייכער געמאכט די נשמה און פרעהליכער געמאכט די הארץ. איינער אזא משולח, אָדער א ספּעציעלער שליח, איז געווען רבי יוסף רלב״ג. אן אנגענעהמער איד, שעהן אויסערליך און עהרליך אינערליך, אָהן גרויסע תביעות און אָהן באזונדערע מאָהנונגען. ער האָט פּשוט, אָהן מליצות, דערצעהלט ווי עס זעהט אוים ירושלים, ווי מען פּיהלט דאָרט ווען מען זיצט און לערענט, וואס ווילען די יעניגע וועלכע בלייבען ניט ביים לערנען. פּאַר פּילע פון אונז איז דאָס געווען דער ערשטער ארץ ישראל איד מיט וועלכען מען האָט פארבראכט ווי גלייכע מיט א גלייכען, און ער האָט ניט געקוקט פון אויבען ארונטער, ווי פילע אנדערע, וועלכע ווילען דורכאוים באַטאָנען אז זיי קומען פון דעם הייליגען לאנד און זיי טראָגען מיט זיך א טייל פון דער קדושה...

ווי געוועהנליך, דערצעהלען משולחים פארשיעדענעם וועגען געוויסע פּערזאָנען. דערצעהלט איינער א משולח אויף איינעם א רב, אז ער איז א גרויסער מקובל. זאָגט רבי חיים דארויף:

— דאָס פּארשטעה איך ניט. פון וואנען קען מען דאָס וויסען, אז ער קען קבלה? די קשיה איז אייגענטליך: פון וואנען ווייס מען אז איינער איז א למדן? אויב ער אליין זאָגט דאָס — איז דאָך א סימן אַז ער קען ניט. נאָר וואָס דען, ער זאָגט אז ער קען ניט, נאָר מיר זיינען מבינים. ווייסען מיר אז ער קען יע. אָבער איין קבלה האָבען מיר דאָך קיין מבינות ניט, טאָ פון וואנען ווייסען מיר, אז אן אנדערער קען יע? בלייבט נאָר דאָס, וואָס ער אליין זאָגט. איז דאָך א ראיה אז ער קען טאַקע ניט...

לז.

מחלוקת וועגען מוסר

אין יענער צייט איז געווען אין דער לומדישער וועלט א טומעל וועגען מוסר אדער גענויער געזאגט, וועגען „מוסרניקעס". די פראגע פון מוסר אז און פאר זיך איז שוין געווען א זאך פון דער פארגאנגענהייט. מיט א דור פריהער, ווען רבי איצל בלאזער, וועלכער האט געלעבט אין קאוונא און רבי שמחה זיסל, וועלכער האט געגרינדעט צוערשט זיין אנשטאלט אין גרובין און נאכהער זיך באזעצט אין קעלם, וואו ער איז געשטאנען בראש פון דער „תלמוד תורה", ביידע תלמידים מובהקים פון רבי ישראל סאלאנטער, ווען זיי האבען אנגעפאנגען צו פארשפרייטען די שיטה פון מוסר לערנען, איז דאן געווען דער הויפט קאמף צי די שיטה איז גוט אדער ניט. דאן איז געווען די צייט ווען מען האט גערעדט וועגען מוסר ווי וועגען א שיטה, א נייעם דרך אין לעבען פון פרומקייט. עס איז ניט געווען קיין שאלה פון לערנען אדער קענען דעם אדער יענעם מוסר־ספר. רבי ישראל סאלאנטער און זיינע ערשטע תלמידים זיינען געגאנגען פיעל ווייטער ווי דאס. זיי האבען געשטרעבט צו שאפען א נייעם קולט אין יראת שמים. אנשטאט דעם וואס עס האט געהייסען: מען דארף לערנען תורה אום מען זאל היטען וואס עס שטעהט אין דער תורה, זאגט די שיטת המוסר: מען דארף לערנען תורה און דאן מאכען זיך פעהיג אז מען זאל היטען די תורה. אנשטאט דעם וואס געוועהנליך וויים מען אז מען דארף טהאן די מצוה און היטען זיך פון אן עברה וויל מצוות זיינען געגעבען געווארען צו טהאן און עבירות זיינען גע־שריבען געווארען כדי מען זאל זיי ניט טאן, קומט די שיטת המוסר און זאגט: דאס איז ווייניג. העז דארף טהאן די מצוה וויל מען דארף פיהלען אז טהוענדיג די מצוה ווערט מען בעסער, הייליגער, עס ווערט פרעהליכער אין דער נשמה, און פארקעהרט, טהוענדיג אן עברה איז ניט נאר וואס מען טאר ניט, נאר עס דארף זיך ניט וועלען טהאן די עברה, וויל עס איז נידריג, שמוציג, און אויב מען טהוט, זי, איז מען ניט ווירדיג געגוג. אום צו קומען צו דער מדרגה, אז די מצוות און די עבירות זאלען ניט נאר אבגעהיט ווערען אדער אויסגעהיט ווע־

רען, נאָר זיי זאָלען אינערליך קאָנטראָלירען דעם מענשען, מוז מען דאָס גופא אויך לערנען. מען מוז ניט נאָר לערנען אום צו וויסען, נאָר נאָך מעהר, לערנען ווי צו וועלען און ווי ניט צו וועלען. דאריבער באַשטעהט די שיטה פון מוסר ניט אויף לערנען מוסר ספרים, נאָר אויך טראַכטען וועגען מוסר. די ספרי מוסר זיינען, אַזוי צו זאגען, ניט א צוועק פאר זיך, נאָר א מיטעל. אַן אָנרעגונג, צו קומען דורך זיי צו אייגענע מחשבות, צו אייגענע אונטערזוכונג, צו אייגענע אויסבעסע־רונג.

די שיטה פון מוסר האָט געהאַט אָנהענגער און געגנער. די געגנער האָבען געזאָגט אַז דער בעסטער טראַכטען און די שאַרפסטע זעלבסט־אונטערזוכונג און זעלבסט־ערציהונג איז ניט ווערטה דאָס וואס דאדורך פארלירט מען צייט און ענערגיע און אמאָל אויך פעהיגקייטען צום לערנען. זיי האָבען געזאָגט, אַז דער קענען לערנען, און דער „טאָן אין לערנען", און ממילא אויך דעם היטען דאָס וואס מען לערענט, האָט מעהר און א בעסערע ווירקונג ווי דאס וואס מען איז פארטראַכט און דורכדעם אויך פארזאָרגט וועגען דעם אייגענעם „איך", מעג דאָס אויך זיין דער גייסטיגער איך.

ווי געזאָגט, איז די מחלוקת וועגען דער שיטה פון מוסר שוין לאנג אוועקגעגאַנגען און ווי ביי אלע אַזעלכע זאכען, האָט די מחלוקת קיין זאך ניט געענדערט און קיינעם ניט איבערצייגט. יעדערער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. רבי ישראל סאַלאַנטער'ס תלמידים האָ־בען געהאַט א געוויסע השפעה און האָבען געגרינדעט ישיבות אדער „קבוצים" מיט זייער שיטה, און די אלטע ישיבות וועלכע זיינען געוועזען געגען די מוסר שיטה, האָבען ווייטער עקזיסטירט ווי פריהער. עס האָט אויך פאסירט מיט דער נייער שיטה פון מוסר, דאָס וואס עס פאסירט שטענדיג ביי נייע שיטות: די אָנהענגער פון דער שיטה טייטשען זי אַזוי שלעכט אוים און ענדערען זי אַזוי פיעל, אַז עס בלייבט נאָר דער נאָמען, און דער אינהאַלט ווערט אַן אַנדערער.

איינער פון די אָנהענגער פון דער מוסר־שיטה איז געוועזען ר ב י י ו ז ע ל. דער זעלבער רבי יוזעל האָט מיט יאָהרען צוריק ערוואָרבען א נאָמען ביי אַנדערע לשבח און ביי אַנדערע לגנאי, דורך זיין עקסטרימי־טעט. עס האָט געהייסען אַז ער האָט זיך פארשפאַרט פאר א לאנגע צייט און האָט קיינעם ניט צוגעלאָזען צו זיך. עסען האָט מען איהם גע־בראַכט פון דרויסען און מען פלעגט איהם דאָס איבערגעבען דורך א באַשטימטע לאָך, און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט אַז דורך דער

מחלוקת וועגען מוסר

זעלבער עפענונג זאל איהם איבערגעגעבען ווערען פליישיגס און מילכיגס, איז געווען צוויי לעבער — איינע א פליישיגע און איינע א מילכיגע. אויב די מעשה איז גאנץ גענוי אזוי אדער עס איז דא דאביי פילעס איבערטריבען — איין זאך איז זיכער, אז רבי יוזעל איז געווען א „פרוש" פון דער וועלט פאר א געוויסער צייט. לעבען אין „פרישות", מיט „לעבער" אדער אהן „לעבער", קען זיין ריכטיג אדער ניט ריכטיג, מאנכע קענען האלטען אז דאס מיינט אמת'ע פרומקייט און אנדערע קענען דענקען אז דאס איז ניט דער ריכטיגער וועג. יעדענפאלס מיט דער שיטה פון מוסר ווי רבי ישראל סאלאנטער און זיינע ערשטע תלמידים האבען פארשטאנען, האט דאס גארניט צו טהאן. אדרבא, רבי ישראל סאלאנטער איז באריהמט געווארען דאדורך וואס ער איז געווען שטענדיג אויסגעמישט מיט דער גרויסער וועלט. קיין רב אין זיין צייט איז אזוי פיעל און אזוי ווייט ניט געפאהרען ווי ער. רבי ישראל סאלאנטער מיט זיין גרויסען מוסר געפיהל האט געזוכט צו האבען אן השפעה אויף אידען אין דייטשלאנד, אויף די אידען אין פאריז, און ניט אבגעשלאסען זיך פאר זיך אליין. אויף רבי שמחה זיסלען האט מען געזאגט אז אין זיין ישיבה אין גרובין האט ער די תלמידים צופיל מאדערן ערצויגען. מען האט דארט געלערענט שפראכען, מען האט אכטונג געגעבען אויף שעהנע קליידונג, און ביי אלעם דעם האט ער געוואלט ערציהען א דור פון מוסר'ניקעס. אויב דאס איז איהם געלונגען אדער ניט, איז אן אנדער שאלה. אבער יעדענפאלס מיינט מוסר זיך צו ערציהען, אבער ניט זיך צו פארצאהמען, זיך צו אונטערזוכען, אבער ניט זיך צו פארשליסען.

רבי יוזעל איז אבער באצייכענט געווארען אלס מוסר'ניק און ער האט זיך גענומען צו א גרויסע אונטערנעהמונג נאכדעם ווי ער איז ארויסגעגאנגען פון זיין „באהעלטעניש". ער האט אנגעפאנגען צו גרינדען נייע ישיבות. נאטירליך, האט דאס געזאלט זיין מוסר־ישיבות. די ערשטע ישיבה האט ער געגרינדעט אין נאווארידאק, דארט וואו מיין זיידע רבי יחיאל מיכל עפשטיין, דער מחבר פון „ערוך השלחן", איז געווען רב. דער חשבון ווארום גראד נאווארידאק און ניט קיין אנדער שטאדט, איז געווען ריכטיג אויסגערעכענט. אין זאמעט, ווי עס האט דאן געהייסען קאוונער גובערניע, די היינטיגע ליטווישע מדינה, זיינען געווען פיעל ישיבות, איבערהויפט די גרויסע ישיבות פון טעלז און סלאבאדקא. דאביי איז דארט געווען דער ענין פון מוסר גוט באוואוסט,

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

סיי געגנער און סיי אָנהענגער פון מוסר זיינען דאָרט אין יענע שטעדט געווען צו גוט באקאנט און צופיעל אינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם, אז רבי יוזעל, וועלכער האָט פּערזאָניפיצירט דאמאלסדיגען מוסר, זאָל קאָנען דאָרט גרינדען אַ ישיבה אָדער אַ קבוץ אָהן מחלוקת און אָהן שטערונגען. דאַגעגען איז אין דער דאמאָלסדיגער ליטא, מינסקער גובערניע, געווען די איינציגע ישיבה אין מ י ר, וועלכע איז דאַן נאָך ניט געשטאַנען אויף די הויכקייט ווי זי שטעהט איצטער. וואָלאָזין איז דאַן געווען געשלאָסען, און דאריבער איז געווען אין יענעם געגענד אַ פּלאַץ פאר אַ נייעם מקום תורה. אויך האָבען די דאָרטיגע רבנים זעהר ווייניג געוואוסט פון די איינצעלהייטען פון דער שיטת המוסר און די מחלקות דאריבער. רבי יוזעל איז געווען פאר זיי אַן אונבאקאנטע פּערזאָן און וויסענדיג אז ער איז אַ תלמיד חכם און וויל גרינדען אַ ישיבה — פאר וואָס ניט? די שטאָדט נאווארידאק אליין איז אויך געווען זעהר צוגעפּאסט געאָגראַפיש און גייסטיג. געאָגראַפיש — ווייט פון באַהן, דאָס מיינט, עס האָט ניט געהאַט צופיעל טומעל און צופיעל שייכות מיט דער אויסען וועלט. און גייסטיג — צוליעב דעם, וואס עס איז וויכטיג פאַר יעדע ישיבה צו שטעהן אונטער דעם נאָמען פון אַ גרויסען אנערקענטען רב. דער זיידע, דער נאווארידקער רב, איז דאַן געווען פון די פּאָפּולערסטע רבנים און אויטאָריטעטען. זיין ספר „ערוך השלחן" איז געווען זעהר אנערקענט. מען האָט דעם ספר ניט נאָר געקויפט און געקוקט, נאָר געלערענט, מען האָט איהם באטראַכט אין דער וועלט פאר אַ פּוסק און מען האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט שאלות ותשובות ניט נאָר פון דער גרויסער רוסלאנד, נאָר אויך פון פארשידענע אידישע קהלות אין אויסלאנד. זיין נאָמען איז געווען באריהמט און זיין אונטערשריפט איז געווען איבעראַל אנגעזעהן. דאָס אלעס האָט נאטירליך געגעבען רבי יוזעל'ן אַ שטאַרקייט ביי זיין נייער אונטערנעהמונג. עס קען זיין אז רבי יוזעל, וועלכער איז געווען זעהר קלוג און האָט אויך געהאַט מענשען־קענטניסע, האָט אויסגערעכענט אַז די מענטאַליטעט פון דעם זיידען וועט איהם באהילפיג זיין אויב ער וועט דארפען אויסשטעהן אַ קאַמף. און ער האָט געטראָפען.

אַזוי שנעל ווי עס האָט זיך דערהערט אז עס געהען געעפענט ווערען מוסר־ישיבות אדער „קבוצים", ווייל דאַן איז נאָך ניט קלאָר געווען דער כאראקטער וועלכען די נייע גרינדונגען וועלען אָננעהמען, האָט אויסגעבראָכען אַ שאַרפע מחלוקת. פון איין זייט זיינען ארוים רבנים,

מחלוקת וועגען מוסר

באוואוסטע און באריהמטע, מיט ארטיקלען און קולות־קוראים ג ע ג ע ן די מוסר׳ניקעס, געגען רבי יוזל׳ען, געגען די נייע תורה־אנשטאלטען און האבען דארט אנגעריהרט די פיהרער פון די מוסר טיילווייז פערזענליך. פון דער אנדערער זייט ווידער זיינען ערשינען ארטיקלען און בריעף און אלערליי אויפרופען פ א ר די נייע אונטערנעהמונגען פון ניט וויי־ניגער גרויסע און באריהמטע רבנים, און דארט האט מען געריהמט מוסר און מוסר׳ניקעס און אויך רבי יוזל׳ען אליין, עד לב השמים. דאס מערקווירדיגע פון דער מחלוקת איז געווען, וואס עס איז געווען מעהר א געאגראפישע פארטיילונג אין די מיינונגען ווי אן אידעאלאגישע. כמעט אלע געגנער פון מוסר זיינען דאן געווען די רבנים פון קאוונער גובערניע, דארט וואו די שיטה פון מוסר איז געוואקסען און גרוים געווארען, און די אלע וועלכע עס האבען זיך אנגענומען פאר די מוסר זיינען געווען מינסקער, און טיילווייז אין ווילנער גובערניע, וואו מען האט מען אם ווייניגסטענס געקענט אי די שיטה פון מוסר, אי די פיה־רונג פון די בעלי המוסר. דען עס איז אויך דאן קיין סוד ניט געווען, אז די געגנער האבען דאן ניט אויסגעזעצט אזוי פיעל געגען די שיטה ווי געגען די מענשען. דאס איז דער שיקזאל פון יעדער אידעע. צו־ערשט אורטיילט מען דעם מענשען נאך די אידעע, דאס הייסט, ווענען די אידעע געפעלט האלט ער פון דער פערזאן, און אויך ניט, מעג זיין די שעהנסטע פערזענליכקייט, יאגט מען איהם און מען פארפאלגט איהם. געהט אבער פארביי א געוויסע צייט, ווערט דער קאמף ארום די אידעע אליין, סיי פאר און סיי געגען, שוואכער, און דאן שטעהען די פערזאנען פון דער אידעע אין מיטעלפונקט. זיינען זיי אנציהענד, האבען זיי און זייער שיטה אנהענגער; האבען זיי, די אידעען־טרעגער, אן אב־שטויסענדע קראפט, פארלירט די אידעע דאדורך. מיט דער שיטה פון מוסר איז אויך ניט געווען אנדערש.ביים ענטשטעהען פון דער נייער שיטה, האט ניט געהאלפען וואס אזא ליבטיגע פערזענליכקייט ווי רבי ישראל סאלאנטער איז געשטאנען בראש, האט מען די שיטה באקעמפט, מיט רעכט אדער מיט אונרעכט, אבער דער מענש האט ניט גערעטעט די אידעע. שפעטער אבער, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די גרינדונג פון דעם „קבוץ" אין נאוואריאדאק, האט מען ווייניגער גע־רעדט וועגען דער שיטה אלס א שיטה, נאר די רבנים, וועלכע האבען באטראכט די מוסר׳ניקעס אלס בעלי מחלוקת — ווייל, ווי גע־וועהנליך, האבען זיי געזוכט צו „מבטל זיין" זייערע געגנער און אמאל אויך טהאן א ביס וואו מען קען... האבען באשימפט און געטאדעלט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מוסר מיט אַלץ וואָס קומט אַרויס דערפון. עס איז זאָגאר אויסגעקומען אז עס איז בעסער ניט צו לערנען אלס „חלילה" האָבען צו טהאָן מיט א ישיבה פון מוסר'ניקעס... דאגעגען די, וועלכע האָבען קיינמאָל מיט מוסר'ניקעס ניט געהאט צו טהאָן, נאָר רבי יוזעל האָט אין זייערע אוי־גען פאַרקערפּערט דאָס מוסר, און רבי יוזעל האָט געקענט געפעלען זיין, ווייל ער איז געווען א שעהנער, א קלוגער און זעהר ענערגיש, האָבען זיי געשריבען פּ א ר מוסר. די אמת'ע מחלוקה, צי די שיטה פון מוסר איז גוט אָדער שלעכט, האָבען ביידע צדדים זעהר וועניג באריהרט.

אין פאָדערגרונד פון דער מחלוקת איז געשטאַנען אלס אָנגרייפער הרב ב ו ר ש ט י י ן, וועלכען מען האָט דאַן גערופען „דער ריטעווער רב". זייענדיג א רב אין א קליין שטעדטעל ריטעווע — נאָכהער איז ער באַ־קאַנט געוואָרען און באַריהמט געוואָרען אלס דער טאווריגער רב און איז נפטר געוואָרען אין זיינע בעסטע יאהרען אין ירושלים — און אלס פאַר־טיידיגער איז געווען אין דער ערשטער ליניע דער זיידע, דער „ערוך השלחן". דער זיידע האָט דאָס געמוזט טאָן, ווייל ביי איהם אין נאָ־וואָרידאָק איז געווען דער ערשטער „קבוץ" פון רבי יוזל'ען און ער האָט גענדאַרפט איהם שיצען. צום באַדויערען אָבער האָט דער זיידע געהאַנ־דעלט מעהר אונטער דעם איינפלוס פון רבי יוזל'ען, וועלכער האָט איהם דאַן געשיינט אלס א גרויסער תמים, און ניט קענענדיג גענוי דעם רי־טעווער רב, הרב בורשטיין, וועלכע איז שוין דאַן געווען א גרויסער גאון, האָט דער זיידע געשריבען און געדרוקט אַזעלכע אויס־דריקע געגען הרב בורשטיין, וועלכע האָבען פאַרשאַפט פיל פאַר־דרוס אין דער לומדישער וועלט. דער זיידע איז געווען פון די מענ־שען וואָס זייערע פעהיגקייטען און זייערע האַנדלונגען זיינע ספּאָנטאַנע, אימפּולסיווע און וואָס דער „משקל ראשון" זאָגט, דאָס ווערט גע־טהאָן. און דעריבער האָט ער מקנא געווען „קנאת התורה", און האָט ניט פאַראויסגערעכענט וואָס עס קען ענטשטעהן פון א שאַרפען וואָרט. עס וואָלט נאָך מעהרערעס געדרוקט ווערען, נאָר די יעניגע וועלכע האָ־בען געוואָלט פאַרהיטען דעם זיידענ'ס כבוד האָבען צוריקגעצויגען פון „הצפירה" דאָס וואָס מען האָט דאָרט אריינגעשיקט צו דרוקען אין זיין נאָמען.

מיט יאהרען שפּעטער, ווען דער זיידע האָט געוואוסט גענויער ווער עס איז הרב בורשטיין און ווי גרויס ער איז אין לערנען האָט דאָס איהם זעהר פאַרדראָסען וואָס ער האָט אַזוי שאַרף געשריבען געגען איהם. ער האָט דאָס אָפּט ווידערהאָלט פאַר זיינע אייגענע מענשען.

מחלוקת וועגען מוסר

דער זיידע האָט אויך שפּעטער נעהענטער זיך באַקאַנט מיט רבי יוזל'ען און ניט אַלע מאָל האָט ער מיטגעשטימט מיט זיינע דרכים. די שמחה אָבער וואָס נאָך אַלע שוועריגקייטן איז געווען אין נאָוואָרידאָק א גרויסער קבוץ פון תלמידי חכמים, און צווישען זיי זיינען געווען באַריהמטע יונגע לייט, וועלכע זיינען נאָכדעם אַרוים אויף דער גרויסע וועלט — דאָס האָט געפרעהט דעם זיידען ביז זיינע לעצטע טעג. דאָס האָט אויך געבראַכט צו שעצען רבי יוזל'ען פאַר זיין שטאַרקע, אונערמידליכע ענערגיע.

דער סוף פון דער מחלוקת איז ניט געווען אַזוי שלעכט ווי מען האָט צוערשט מורא געהאַט. רבי יוזל איז געווען באמת מעהר בעל מעשה ווי בעל מוסר, און ער האָט זוכה געווען צו פאַרשפּרייטען תורה, אַז נאָך איצט זיינען דאָ קבוצים, און עס ווערען נייע, אַלס א שפּראָצונג פון זיין אַרבייט, פון דער גרינדונג פון דעם נאָוואָרידאָקער קבוץ. אין נאָוואָרידאָק אַליין האָט די מחלוקת ניט געלאָזען קיין שלעכטען רושם, אַלס באַווייז קען דיענען וואָס נאָכ'ן זיידען'ס פּטירה האָט מען אויפגענומען דאָרט פאַר א רב דעמזעלבען הרב בורשטיין, און קיינער האָט ניט דערמאָנט אַז צווישען דעם פריהערדיגען רב און דעם נייעם רב איז געווען אַמאָל א סכסוך. עס איז באמת אַלץ פאַרגעסען געוואָרען אין א פאַרהעלטניסמעסיג קורצע צייט, ווייל די מחלוקת איז געווען נאָר לשם שמים. און דאָן אפילו אַז די מחלוקת אין דעות בלייבט, די בעלי מחלוקת קריגען זיך ניט מעהר.

לז.

דער „ערוך השלחן"

איינער פון די ווייניגע, אין דעם לעצטען דור, וועלכער האָט זוכה געווען אז די וועלט זאָל איהם רופען ניט ביים נאָמען, נאָר ביי דעם ספר וועלכען ער האָט געמאכט אלס זיין לעבענס־ווערק, איז מיין זיידע, דער נאָוואָרידאָקער רב, הרב יחיאל מיכל עפשטיין. זיין ספר איז דער „ערוך השלחן". דער „ערוך השלחן" האָט זוכה געווען אז נאָך אין לעבען פון זיין מחבר האָט מען איהם געהאלטען פאר א פוסק און פאר א לעהרען ספר צוזאמען. יונגע־לייט וועלכע האָבען זיך פארבערייטעט צו רבנות, און יונגע רבנים וועלכע זיינען נאָך ניט פארטיג געווען צו פסק'ענען שאלות, האָבען גע־לערענט דעם „ערוך השלחן". מאנכע האָבען איהם געלערענט צוערשט און דאן זיינען זיי געגאנגען צו די מקורים, פון דער גמרא ביז'ן „שלחן ערוך", און אנדערע ווידער האָבען דאָס געטהאָן פארקעהרט, זיי האָ־בען פריהער געלערענט די מקורים און דער „ערוך השלחן" האָט זיי גע־ניצט צו ווידערהאָלען און געפינען, אזוי צו זאגען, „די אונטערשטע שורה", פון דעם דין. און די גרויסע רבנים, די וועלכע האָבען ניט געדאַרפט אָנקומען צו אזא ספר, האָבען פונדעסטוועגען געמאכט פון איהם א נוצען און האָבען דעם „ערוך השלחן" באטראכט אלס א „האנד־בוך" מיט וועלכען מ'קען איסקומען ווען עס איז נויטיג אויף שנעל קלאָר צו מאכען דעם דין און די הלכה. עס איז געווען, למשל, באקאנט אין לומדישע קרייזען, אז דער „מינסקער גדול", וועלכער איז געווען עלטער אין יאהרען פון זיידען, און איז געווען באריהמט אלס איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, האָט ביי מאנכע „שאלות" גענוצט דעם „ערוך השלחן". דאָס מערקווירדיגע דאביי איז, וואס ניט מען האָט אָנגענומען דעם ספר וייל זיין מחבר איז געווען אן אויטאָרי־טעט, נאָר פארקעהרט, דער מחבר איז געוואָרען אנערקענט נאָכדעם ווי דער ספר איז געוואָרען פאָפולער. ווען דער „ערוך השלחן" איז ערשינע־נען צוערשט אויף „חושן משפט", האָט איינער א גרויסער רב, אפילו פון אונזער איינענער משפחה, געמאכט א וויץ און געזאָגט:

— מען מאַכט אזוי פיעל ספרים, אז עס זיינען מעהר קיינע נייע

דער „ערוך השלחן"

נעמען ניטאָ פאר זיי. דעריבער נעהמט מען די אַלטע נעמען און מען קעהרט זיי איבער. אנשטאַט דעם „שלחן ערוך" מאכט מען אן „ערוך השלחן"...

דער מאן וועלכער האט דעם וויץ געמאכט, האָט אויך וואַרשיינליך געענדערט זיין מיינונג און האט געוואוסט ווי אָבצושאַצען דעם חשוב'ען, מאָנומענטאַלען ווערק נאָך זיין גרויסער ווערדע. די רבנישע וועלט האט דעם „ערוך השלחן" ממש „פארשלונגען". עס איז געוואָרען אַ ווערק וואס מען האָט איהם ניט געדארפט זוכען צו פארקויפען, די קוי־פער זיינען שטענדיג געווען נייגעריג צו קריגען יעדען חלק פון איהם, אזוי שנעל ווי ער איז ארויס פון דרוק.

קיין שוחט איז ניט צוגעגאנגען נעהמען „קבלה" ניט דורכלערנענ־דיג דעם „ערוך השלחן" אויף „שחיטה וטריפות", און קיין רב האָט ניט אָנגענומען קיין רבנות ניט באַזאָרגענדיג זיך מיט'ן „ערוך השלחן" אויף „יורה דעה" און „אורח חיים". און די גרעסערע לומדים האָבען זיך אויך אינטערעסירט מיט'ן חושן משפט" און „אבן עזר". דער „ערוך השלחן" איז געוואָרען כמעט א רומ"ל ספר. און וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ מעהר און מעהר פּאָפּולער און אנערקענט. אזוי וואויל איז צו דעם מענשען, וועלכען מען רופט ניט מיט דעם נאָמען וועלכען מען האָט איהם געגעבען, נאָר ער איז באַוואוסט מיט דעם נאָמען פון דעם ווערק וועלכען ער האָט אַליין געמאכט!...

אינטערעסאנט איז, אז דאָס שרייבען פון דעם „ערוך השלחן" איז ניט וועניגער מערקווירדיג ווי זיין פארשפרייטונג. קיינער קען זיך ניט פאָרשטעלען אז אזא גראַנדיעזע ארבייט זאָל ווערען געשריבען אין אזעלכע אומשטענדען און מיט אזא לייכטיגקייט ווי דער פאַל איז דאָ געווען. אפילו מומחים צו ספרים שרייבען, דיינקען אז אזא ספר, און נאָך פון אזא געוויכט, אז עס איז ניט נאָר „תורה שרייבען", וואס מען קען שליסליך מסכים זיין אדער ניט, נאָר א ספר וועלכער זאָל דיענען אלס א פוסק אויף וועלכען מען זאָל זיך פארלאָזען צו פסק'ענען כשר אָדער טרפה, אָסור אָדער מותר, חייב אָדער זכאי — אזא ספר דאַרף געשריבען ווערען מיט גרויסע הכנות, מיט מאַטעריאַל זאמלונג, מיט צו־זאמענשטעלונג און אויסארבייטונג און ענדליך געשריבען ווערען און איבערגעשריבען, און נאָך אמאָל איבערגעשריבען ווערען ביז עס זאָל זיין דרוק־פעהיג. אין דער אמת'ן אָבער האָט דער זיידע געשריבען דעם „ערוך השלחן" מיט אזא וואונדערבארע לייכטקייט און שנעליג־קייט אז ווען מען האָט דאָס געזעהן איז אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק

דער באגריף פון „השבעת הקולמוס״. עס האָט זיך געדאַכט אזוי ווי דער ספר שרייבט זיך פון זיך אליין...

דער גרעסטער טהייל פון׳ם „ערוך השלחן״ איז געשריבען געוואָרען אין נאוואָרידאָק. דאָרט איז דער זיידע געזעסען דעם גאנצען טאָג, פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין אָווענט, מיט אויסנאַהמען פון צוויי שעה בערך, אין „בית דין שטיבעל״ צוזאַמען מיט זיינע צוויי דיינים, דען אין דעם זין איז דער זיידע געווען מעהר רב פון מאַנכע אַנדערע. ער האָט געהאַלטען אז דער וויכטיגסטער טהייל פון רבנות איז צו פּסק׳ענען שאלות און „זיצען אין דין תורות״. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט געהאַט חשוב׳ע דיינים, אמת גרויסע לומדים און בריה׳ס אין שאלות און דין תורות, און דער זיידע האָט געהאַלטען פון זיי זעהר פיל, האָט ער דאָך געגלויבט אז עס איז זיין חוב אַלס אַ רב, אז ער זאָל זיין ווי ווייט מעגליך דער יעניגער וועלכער פּסק׳נט און לאָזט דאָס ניט צו אַן אַנדערען. זיצענדיג אין בית דין שטיבעל האָט ער שטענדיג געהאַט פאַר זיך פאַרשידענע ענינים, דאָ איז אַ איינער מיט אַ שאלה, דאָ זיינען אַ פּאָר אידען געקומען מיט אַ דין תורה, אַמאָל קומען שותפים זיך מיישב זיין וועגען אַ געוויסען אָפּמאַך אָדער סכסוך, און אַמאָל קומען מענשען פרעגען אַן עצה, אָדער גלאַט „כאַפּען אַ שמועס״.

דער בית דין שטיבעל אין יענע יאָהרען איז געווען דער „אַריס־טאָקראַטישער קלוב״ אין בעסערען זינען. עמי הארץ זיינען דאָרט ניט געקומען. איידעלע מענשען, תלמידי חכמים, משכילים — און נאָוואָרידאָק האָט דאָס שטענדיג פאַרמאָגט — זיינען געקומען אין בית דין שטיבעל, על פּירוב אין דער צייט פון מנחה און מעריב, הערען נייעס, וויסען „וואָס זאָגט דער רב״, און בכלל „אַביסעל דורכשמועסען זיך״.

די אַלע זאַכען האָבען דעם זיידען ניט געשטערט. ער איז געזעסען ביי זיין טיש, נעבען איהם איז געשטאַנען אַ שטוהל, און אויפ׳ן שטוהל זיינען געלעגען שטענדיג פיער ספרים, אַ רמב״ם, דער חלק טור אין שלחן ערוך און אַ קליין גמרא׳לע פון דעם ענין וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיך. און אזוי אריינקוקענדיג דאָ און דאָרט האָט ער געשריבען דעם „ערוך השלחן״, בלאַט ביי בלאַט. זעהר זעלטען האָט ער זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען ארויסנעהמען אַן אַנדער ספר עפּעס אריינצוקוקען. געוועהנליך האָט ער זיך באַנוצט מיט די דערמאָנטע ספרים, וועלכע ער האָט געהאַט נעבען זיך, און מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען. צוויי פעהיגקייטען האָט ער באַזעסען, וועלכע עס איז

דער „ערוך השלחן"

געווען שווער צו געפינען זיין גלייכען. זעהר א שנעלע אויפפאסונג, דאס וואס מען רופט „משקל ראשון" און א גוטען זכרון. דער „משקל ראשון" איז געווען אזוי טרעפענד, אז וואס מאנכע מוזען דורכ־קלעהרען און דורכטראכטען און רעזומירען, האט ער דאס זאפארט באַ־גריפען. דאס האט נאטירליך אויך א שוואכע זייט, ווען אמאל ענט־זאגט דער „משקל ראשון" און מען מאכט א פעהלער, איז שווער ווי־דער צו געפינען דעם ריכטיגען וועג.

ביים שרייבען דעם „ערוך השלחן", אין פארלויף פון צעהנדליגע יאהרען, האט אבער אזוי וואס, זעהר, זעהר זעלטען פאסירט. דער בעסטער באוויז דאפיר איז דער פאקט, וואס דער גרויסער, אין כמות ווי אין איכות, ספר „ערוך השלחן" איז געדרוקט געווארען פון דעם כתב יד ווי ער איז צום ערשטען מאל ארויסגעגאנגען פון מחבר'ס האנד. ווי יעדער פארפאסער, האט דער זיידע אויך געהאט זיינע געוואוינ־הייטען, אהן וועלכע „עס האט זיך ניט געשריבען". ער האט געשריבען נאר ביי זיך אין דער היים, טאקע אין „בית דין שטיבעל", ניט ערגעץ אנדערש־וואו. זייענדיג אירגענד וואו צו באזוך, האט ער ניט געהאט די שטימונג צו שרייבען עטוואס. ער האט גענוצט א געוויסען סארט פאפיר, אויפגעלייגט אין צווייען, ד. ה. פיער זייטלאך, קווארדאט פארם און געשריבען נאר מיט א גענזענע פען. עס זיינען שוין אין יענע צייטען געווען אין געברויך שטאלענע פעדערן, זיין געוואוינהייט, איבער־הויפט פאר שרייבען דעם „ערוך השלחן", איז אבער געווען נאך אר עקס־טרא צוגעשפיצטע גענזען־פעדער. אבער בעזיצענדיג אט די אלע „באדינגונגען" איז דער „ערוך השלחן" גרעסער געווארען פון טאג צו טאג, פון שעה צו שעה. קיין טומעל און קיין געשריי, קיין שמועס און קיין קריגעריי פון „בעלי דינים", ביי א דין תורה, האבען ניט גע־שטערט דעם זיידען אין זיין גייסטרייכע, שווערע ארבעט. „שאלות" זיינען איבערהויפט געווען ביי איהם אזא געוועהנליכע זאך, אז ער האט שנעל געענטפערט, די פארוויקעלטסטע שאלה, איז באלד פארטיג געווארען דאמיט. אויך דין תורות האבען ביי איהם לאנג ניט געדויערט. אוועק־געלייגט די פען אן א זייט, אויסגעהערט די בעלי דינים און שוין גע־וואוסט וואס עס איז דא צו טהאן. די דיינים פלעגען געוועהנליך נאך אמאל און נאך אמאל אויספרעגען. אדער די „בעלי בתים" אליין הא־בען צווישען זיך דיסקוטירט. דאס האט איהם שוין ווייניג געשטערט. אין דער צייט האט ער שוין ווייטער געשריבען. ווען מען איז פארטיג געווארען מיט די טענות, האט מען געהייסען די „בעלי־דין"

ארויסגעהן, זיי האָבען געמעגט זיין די חשוב'סטע בעלי בתים, און דורכריידענדיג צווישען זיך, דער רב מיט די דיינים, דאָס האָט על פי רוב לאנג ניט געדויערט, האָט מען ארויסגעגעבען דעם פסק, מינד־ליך אדער שריפטליך, קורץ און קלאָר. דען די קלאָרקייט, וועלכע עס האָט געהערשט ביים יידען אין מח האָט אויך געהערשט אין זיין שפראך און אין זיין שריפט אויסערליך און אינערליך. דאָס איז אויך איינע פון די וויכטיגסטע מעלות פונ'ם „ערוך השלחן", וואָס עס איז אלץ נידערגעלייגט און נידערגעשריבען מיט דער גרעסטער פרעציזיטעט. ניטאָ אין דער שפראך קיין ספקות, קיינע שווערינקייטען, קיינע „ודו"ק'ס", אלץ קלאָר ווי עס קען קלאָהרער ניט זיין, און אזוי איז אויך געווען אויסערליך די האנדשריפט. אין די דרוקעריי'ען, וואו מען האָט גע־דרוקט דעם „ערוך השלחן", האָט זיך געפרעהט דער זעצער, וועלכער האָט געקראגען די „קאָפּיע" פון דעם ספר. ווייל עס איז געווען א פארגעניגען צו לעזען און אויסצוזעצען דעם יידענ'ס כתב. יעדער אות באזונדער, יעדער וואָרט שטעהט פאר זיך, און אין די טויזענדע בוי־גענס פון „ערוך השלחן" אין האנדשריפט איז ניט געווען קיין טינט פלעק, ניט געווען קיין שורה אָדער קיין וואָרט געמעקט אדער איבער־געשריבען. האלטענדיג די קליינע גמרא'לע און האָבענדיג פאר זיך דעם רמב"ם מיט'ן טור מיט'ן שלחן ערוך, און באזיצענדיג די בקיאות ארום דעם באטרעפענדען דין, האָט דער געדאנקען געוואוסט קלאָר און באשטימט, אָהן ספיקות, אָהן חששות, וואס און ווי מען דארף שרייבען און אזוי איז אויפגעשריבען געווארן און אזוי איז געדרוקט געווארען איינער פון די חשוב'סטע ספרים אין די לעצטע דורות.

ניט קיין וואונדער וואָס דער ספר האָט גרוים געמאכט דעם מחבר, מען האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט „שאלות ותשובות" פון זעהר פיעל פלעצער און לענדער. און ענטפערענדיג די תשובות איז אויך גע־ווען דער כלל פון קלאָרקייט און זיכערקייט צו וועלכע ער איז שטענ־דיג געוואוינט געווען. דאביי איז ניט צו פארזעהן אז סיי אין „ערוך השלחן" און אזוי אויך אין תשובות, וועלכע זיינען ליידער פארשפרייט און ניט מעהר מעגליך צוזאמענצוקלייבען, איז דער יידע ניט געגאנגען נאָר אין אויסגעטראָטענע וועגען פון די פריהערדיגע מחברים. דער „ערוך השלחן" איז ניט נאָר א צוזאמענשטעלונג און בעארבייטונג, נאָר עס האָט אויך פיל אָריגינאליטעט אין אלע חלקים פון דער תורה — דען אין כתב יד איז דאָ נאָך פיל מעהר ווי עס איז געדרוקט — און עס זיי־נען דאָ צעהנדליגע און אפשר הונדערטער פלעצער וואס עס איז דאָ

דער „ערוך השלחן"

אייגענע זעלבסטשטענדיגע מיינונגען, „הכרעות" און דינים, כמעט שטענדיג מיט א נייגונג ניט צו מחמיר זיין. מיט זיינע גרויסע ידיעות און מיט די וואונדערבארע קלארקייט אין געדאנקען איז געווען שטענדיג דער ווילען צו געפינען דעם „צד המקיל", און ווער נאך ווי ער האט געהאט די מעגליכקייט צו זיין א מקיל און דאביי געהערט צו ווערן פון יעדען. ווען אפילו אין געוויסע פסח'דיגע דינים און שאלות האט ער גע'פסק'ענט אמאל ווי עס איז ניט געפעלען געווען נאווארידאקער יונגע לייט לומדים, און אזעלכע זיינען געווען דארט אין יענער צייט אייניגע, צוקינפטיגע רבנים, האט מען אויך דעם פסק מקבל געווען מיט דעם גרעסטען רעספעקט. וויל ניט נאר זיינען געווען זיינע ידיעות גרוים אין פוסקים, פיל מעהר אלס זאגאר פון גאנץ גרויסע גאונים איז זיין דור, נאר, וואס עס איז ניט ווייניגער וויכטיג, ער איז צוגעגאנגען צו א שאלה ווי א גרויסער כירורג געהט צו צו אן אפעראציע, זיכער אין זיין דיאגנאזע און זיכער אויך, אז דאס וואס ער שניידט און ווי ער שניידט איז די ריכטיגע רפואה, דען זאנסט וואלט קיין כירורג ניט קענען טהאן זיין בלאכה בשלמות. אנדערע רבנים זיינען מאאל גע־גליכען צו די גרעסטע דאקטוירים וועלכע מעגען זיין ווי גרוים אין דער טעאריע, קומט אבער צו א פראקטישען פאל, זיינען זיי ניט זיכער מיט זיך אליין, זיי גיבען פארשידענע מיטלען וועלכע קענען היילען די קראנקהייט און אויב ניט — קלעהרען זיי — וועט מען זוכען אן אנדער מיטעל. עס איז ניטא די פולע זיכערהייט.

ווען מען האט געפרעגט דעם זיידען אין אן אינטימע באַ־שפרעכונג, ווי קען מען איבערהויפט צוטרעטען צו רבנות, ווען אויף יעדען דין זיינען דא „שבעים פנים לתורה" און צו יעדער ראיה קען מען שטענדיג געפינען א פירכא, און יעדע זאך קען מען זעהר אפט פארשידענארטיג מפרש זיין, קען מען דאך אויף אזא אופן אמאל נכשל ווערען און זאגען אויף כשר טרפה און פארקערט. דארויף האט ער געענטפערט:

— מען דארף נאר וועלען פסק'ענען ריכטיג און ווייטער איז דאך „לא נתנה תורה למלאכי השרת", און אויב יעדערער וועט שטענדיג מורא האבען אז זיין מיינונג איז ניט ריכטיג, פאר וועמען איז דען די תורה געגעבען געווארען? מען מוז מיינען עהרליך און זוכען דעם אמת, און דאס איבריגע איז „והוא רחום יכפר עון".

די זיכערהייט און די פעסטקייט האט איהם געמאכט מעגליך ער זאל ווערען דער אנערקענטער פוסק ניט נאר פון זיין דור, נאר פיל

מעהר, אויך פון דורות שפעטער. און ווען ער האָט געזוכט קולא'ס איז דאָס אויך געווען מיט דיזעלבע יראת שמים און זיכערקייט אז ער איז אויפ'ן ריכטיגען וועג, ווי אנדערע זיינען פון ספק וועגען מחמיר. עס איז געווען איין מאָל ביי א צווייטען „סדר" פון פסח ווען א אידענע איז געקומען פרעגען א שאלה, גראָד אזא שאלה וועלכע אויב זי ווערט ניט כשר קען חמץ'דיג ווערען ניט נאָר די סעודה פון דעם „סדר", נאָר אמאָל אויך די גאַנצע הויז-ווירטשאפט און אלץ וואס עס איז אָנגעגרייט פאר יום טוב. נאַטירליך קען מען אָבער ניט זאָגען כשר נאָר פון רחמנות וועגען. עס איז געווען ווען מען איז פון מעריב געקומען און מען ריכט זיך זעצען צום „סדר". דער זיידע הערט אוים די שאלה, און ניט ווי געוועהנליך זאָפאָרט צו ענטפערען, נעמט ער א ליכט און געהט אריין אין דין בית שטיבעל וואו די ספרים שטעהען. די אידענע, וועלכע איז געקומען פרעגען, בלייבט ווארטען. עס געהען אוועק צעהן מינוטען, א פערטעל שעה, צוואנציג מינוט און מעהר, דער זיידע איז ניטאָ. מען איז געשפאַנט צו אָנהויבען דעם „סדר" און איינער פון די אייניקלאך געהט אריין רופען דעם זיידען. דער זיידע איז פארטאָן, אריינקוקענדיג אין פארשידענע ספרים, און ער ענטפערט קורץ: „באלד, באלד, איך קום שוין". עס האָט געדויערט נאָך א געוויסע צייט, דער זיידע קומט אריין אין הויז וואו דער טיש איז געגרייט, אלעם פייערליך צוגעפוצט, מען ווארט נאָר אויף איהם. זיין געזיכט שטראַהלט, ער ווענדעט זיך צו דער אידענע און זאָגט: „כשר, געהט אהיים און ריכט אָפּ דעם סדר. היט זיך נאָר אז ווייטער זאָלען קיינע שאלות ניט טרעפען". און צו די בני בית זאָגט ער:

— ווי האָב איך געקענט זיך זעצען צום סדר, ווי לאַנג די אידענע האָט ניט געקענט געהן צוריק אהיים און אָפּריכטען מיט איהר פאמיליע איהר סדר?...

באזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט דער זיידע באוויזען ניט נאָר בנוגע צו פסח'דיגע ענינים נאָר אויך צו יום כפור'דיגע שאלות. ער האָט געוואוסט אלע קראנקע אין נאָוואָרידאָק, ניט נאָר די וועלכע ליגען אין בעט קראַנקערהייד, נאָר אויך די אומגעהענדע ליידענדע וועלכע דער תענית פון יום כפור קען זיי שאדען. ער פלעגט זיי אָנזאָגען אז זיי זאָלען האָבען פאָרבאַרייטעט עטוואָס צום עסען, ווי דער „פחות מכשעור" איז, זאָגאָר אין זייערע „שטענדערס" אין די שוהלען וואו זיי דאַוונען, טאָמער, חלילה ווערט זיי ניט גוט און זיי מוזען זאָפאָרט עפּעס „טועם זיין". ער אליין פלעגט זאָגען אז יום כפור

צוויי הונדערט אָכציג

דער „ערוך השלחן”

דאַווענט ער אַם וויינינגסטענס, ווייל ער דאַרף אומגעהן היטען די קראַנקע. ער פּלעגט באַזוכען מאַנכע קראַנקע אין דער היים, אַמאָל אויך געהן יום כּפּור אין האָספּיטאַל און אויך אומגעהן איבער די שוהלען, שיקען ארויסרופען די פּערזאָנען וועלכע ער האָט „חושד” געווען אַז זיי זיינען ניט אין גאַנצען געזונד, און ער האָט זיך ערקונדיגט ביי זיי ווי געהט זיי דער תענית. און אויב ער האָט געזעהן אויפ'ן געזיכט אַז עס איז ניט ווי עס באַדאַרף זיין, האָט ער זאָפאָרט געהייסען געהן אַהיים, אַמאָל נאָכשיקען גלייך אַ דאָקטאָר, אָדער אַ פעלדשער, וועלכע זיינען נאָך דאַן געווען אין עקזיסטענץ, און אַמאָל שטעלען אויף זיך און הייסען זאָפאָרט „נעמען עפּעס אין מויל”.

ער איז געוואוינט געווען צו זאָגען:

— ווען מען קומט מיך פרעגען וועגען אַ תענית, בין איך זיך נוהג: ביי די פיער תעניתים: צום גדליה, עשרה בטבת, תענית אסתר און שבעה עשר בתמוז וואַרט איך ניט אַז דער פרעגער זאָל אריבערגעהן דעם שוועל. איך הייס זאָפאָרט געהן עסען. אַז מען פרעגט, מסתמא פיהלט מען ניט גאַנץ גוט. תשעה באב וואַרט איך ביז דער באַטרעפענ־דער מאַכט צו די טיהר הינטער זיך און דאַן הייס איך איהם ניט פאַסטען. נאָר פאַר יום כּפּור ערקונדיג איך מיך גענוי...

דאָס איז געווען זיין כח. אבגעבענדיג די גאַנצע ענערגיע זיין לעבענס־ווערק, דעם „ערוך השלחן”, איז ער געבליבען דאַביי דער רב פאַר זיין שטאָדט, און יעדע שאלה, און יעדער שואל איז געווען חשוב ביי איהם אויף דער גרעסטער מדרגה.

לח.

דער מוסטער רב

דער זיידע הרב יחיאל מיכל הלוי עפשטיין האָט ניט נאָר געקענט דינען אַלס מוסטער ווי צו זיין אַ פּוסק און ווי צו שרייבען אַ גרויסען חשוב׳ן ספר נאָר ער איז אויך געווען אַ רב פאַר עקסעלאַנס. שווער צו געפינען אפילו אין דעם פאַרגאַנגענעם דור, צווישען די גרויסע רבנים, וועלכע זאָלען זיין אַזוי רבנ׳יש אין זייערע האַנדלונגען ווי ער איז געווען. און דאָס איז נאָך מעהר כאַראַקטעריסטיש, ווייסענדיג אַז ער האָט ניט געשטאַמט פון רבנים און איז ניט ערצויגן געוואָרען אַלס אַ צוקינפטיגער רב, און דאַצו זיינען זיינע ערשטע ערפאַהרונגען אין אַ חסידישען רבינ׳ס הויף. און נאָך אַלעם דעם איז ער געווען דער טיפּישער רב, דער גרויסער ליטווישער רב מיט אַלע זיינע שטאַרקע זייטען.

דעם זיידענ׳ס משפחה איז אַרויסגעקומען פון סוחרים. זיי זיינען געווען, ווי מען האָט גערופען אַמאָל „פּאַדריאַדטשיקעס״, אונטערנעהמער פון דער רעגירונג צוצושטעלען געוויסע מאַטעריאַלען, אַדער בויען גע־ וויסע געביידען. דעם זיידענס פאָטער אהרן עפּשטיין, וועלכער האָט דערלעבט אַ טיפע עלטער, אין די הויכע אכטציגער, און האָט זוכה גע־ געווען צו זעהן אור־אור־אייניקלאך, איז אויך געווען אַ סוחר כל ימיו. זייענדיג פעסט געבויט און שטאַרק אין זיין קערפּער און אין זיין גייסט ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען, האָט ער הנאה געהאַט צו זיצען מיט זיינע אור־אייניקלאך און שמועסען וועגען „אַמאָליגע יאָהרען״. לויט דער משפחה־טראַדיציע איז ער געבאָרען געוואָרען אויפ׳ן פעלד, ווען נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט באַלאַגערט רוסלאַנד, און זיינע „מעשיות״ זיינען געווען אַם מייסטען פון דער נאָך־נאַפּאָלעאָנישער צייט. ער, דער „זיידינקע״ — ווי מען האָט איהם גערופען ניט נאָר אין פאַמיליע־קרייזען, נאָר אויך צווישען אַלע באַקאַנטע — איז, ווי עס שיינט, קיין גרויסער גביר קיינמאָל ניט געווען, אָבער דעם גייסט פון אַ פּאַד־ ריאַטשיק האָט ער געהאַט, ברייט אין דער דעה, גרוים אין זיין כאַראַק־ טער, אַ גרויסער בעל טובה, צעהנדליגע קרעמער און קרעמערקעס אין נאָוואַרידאָק — וואו ער האָט געלעבט די לעצטע צעהן יאָהר בערך — האָבען עקזיסטירט דורך זיינע גמילות חסדים, און ער אַליין האָט ניט

רבי יחיאל מיכל הלוי עפשטיין

דער מוסטער רב

געוואָלט פון קיינעם קיין הנאה האָבען. ער האָט געפיהרט זיין אייגע־נעם הויזהאַלט און נאָר שבת און יום טוב האָט ער געגעסען ביים זיידענ׳ס טיש, דאפיר האָט ער באצאָהלט זאָגענדיג:

— איך האָב הנאה פון מיין גרויסען זוהן, אָבער פאַר׳ן עסען קען איך אַליין באצאָהלען...

דער „זיידינקע" האָט זעהר ליב געהאַט דעם „עמוד", און ניט וועלענדיג דאַוונען מיט׳ן זיידען אין גרויסען בית המדרש כדי ניט מטריח זיין צופיל מיט „כבוד אב", האָט ער געדאַוועט אין „האר־קאַווי׳ס קלויז", וואו ער האָט געפיהרט חזנות מיט גרויס פארגעניגען. ווען ער איז געוואָרען זעהר אַלט, און די דאָקטוירים האָבען איהם פארבאָטען מעהר ניט צו דאַוונען פאַר׳ן עמוד, האָט ער זיך ניט גע־וואָלט שיידען מיט דעם, ביז דער זיידע האָט געמוזט שיקען אַן איסור צו די פיהרער פון דער קלויז אַז מען זאָל זיין טאַטען ניט לאָזען מעהר דאַוונען ביים עמוד...

ביז דער העכסטער עלטער האָט אָבער דער „זיידינקע" מאַנכעס ניט פארשטאַנען. ער האָט ניט פארשטאַנען ווי טוט ווען דער קאָפּ, און ווי טוען ווען ציינער. „וואָס איז דאָ ווען צו טאָן, — פלעגט ער טענה׳ן, — עס איז דאָך ניט מעהר ווי ביינער"... און עס איז איהם געווען שווער צו פארשטעהן ווי לערנט מען אַזוי פיל... „אַ פרק משניות, מהיכא תיתא, אַ בלאַט גמרא אַמאָל אויך גוט, אָבער זיצען נאָכאַנאַנד און לערנען, ווי ווילט זיך דאָס?"...

און גראָדע ביי איהם אין הויז איז געבאָרען געוואָרען און ער־צויגען געוואָרען זיין זוהן, דער „ערוך השלחן", וועלכער איז געווען דער מוסטער פון התמדה און האָט ניט פארשטאַנען ווי וויל מען דאָס ניט שטענדיג לערנען. דער זיידע איז געווען באריהמט אין זיינע אינגסטע יאָהרען פאַר אויסערגעוועהנליך באגאַבטען בחור און האָט זוכה געווען צו אַ וועלט־שידוך דאָן. ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם טאַטענס ז״ל אינגסטע שוועסטער, ד. ה. ער איז געווען אַן איידעם פון רבי יעקב ברלין פון מיר.

רבי יעקב ברלין, דעם טאַטענ׳ס ז״ל טאַטע, איז געווען אַ גביר און אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ יחסן, און דאָן איז ער שוין געווען טיילווייז באריהמט מיט זיינע קינדער, איבערהויפּט מיט׳ן טאַטע ז״ל, וועלכער איז שוין לענגסט געוועזען רבי איצעלע וואָלאָזינער׳ס איידעם. דער זיידע הרב יחיאל מיכל עפשטיין האָט אויסער אַ געראָטענע כלה, מיין באָבע, וועלכע איז געווען אויך אין דער עלטער זעהר שעהן און

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זעהר קלוג, געקראָגען אַ גרויסען נדן, אכט הונדערט רענדלאך. וועגען דעם נדן האָט דער זיידע דערצעהלט אַ מעשה וועלכע האָט אָמבעסטען געשילדערט זיין אייגענעם כאַראַקטער, אין דער יוגענד ווי אויך דעם כאַראַקטער פון זיין שווער, רבי יעקב ברלין, וועלכער איז געווען באַריהמט מיט זיינע זעלטענע מדות. „דעם נדן — האָט דער זיידע דערצעהלט — האָט מען פאַרבאָרגט אַלס אַן „השלשה" צו אַ סלוצקער גביר. אין אַ קורצער צייט נאָך דער חתונה איז באַוואוסט געוואָרען, אַז דער גביר איז אַ יורד מנכסיו און ער צאָהלט ניט קיין חובות און ניט קיין „השלשות". נאַטירליך איז געוואָרען אַ יללה, סטייטש, דעם גאַנצען קאַפּיטאַל פאַרלאָרען, וואָס וועט מען איצט טאָן? איז געבליבען נאָך אַ ישוב הדעת, אַז דער שווער דאַרף פאָהרען אין סלוצק זעהן דעם „בעל דבר" און וויסען וואָס איז דאָ צו טאָן. מען האָט געדונגען אַ גוטע פוהר מיט אַ גוטע פּאָר פערד און מיטגענומען שפּייז אויפ'ן וועג, אָפּגעזעגענט זיך מיט דער פאַמיליע און דער שווער איז אַוועקגעפאָהרען.

מען האָט אויסגערעכענט אַז 9—8 טעג שפּעטער דאַרף דער שווער צוריק קומען פון דער נסיעה. טעלעגראַמעס זיינען ניט געווען, בריף זאָלען שנעל אָנקומען איז נאָך אויך ניט געווען איינגעפיהרט און מען האָט געוואַרט מיט די גרעסטע אומגעדולד ווען דער שווער וועט קומען און מען וועט הערען פון איהם די „גוטע נייעס" וועגען דעם נדן. עס איז געקומען די באַשטימטע צייט, מען זיצט אין שטוב און מען וואַרט, אָט־אָט קומט אָן די פוהר צוריק פון סלוצק, מען הערט די גלעקלאַך קלינגען, די פוהר זעהט מען נאָר פון דערווייטענס, מען לויפט אַרויס אַנטקעגען פרעגען דעם שווער וואָס ער מאַכט נאָך אַזאַ שווערע רייזע, ווי איז איהם געגאַנגען, און אין האַרצען וואַרט מען צו הערען וואָס ער האָט אויפגעטאָן מיט דער נסיעה. עס דויערט אָבער צו לאַנג, מען קען זיך ניט איינהאַלטען און מען שיסט אַרויס מיט דער שאלה:

— נו, שווער, וואָס הערט זיך עפּעס מכח דעם נדן, וואָס זאָגט ער, דער „שליש"?

ענטפערט דער שווער גאַנץ קאַלטבלוטיג:

— איך האָב איהם גאָר ניט געזעהן. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט האָט מען מיר געזאָגט אַז ער האָט ניט. אויב אַזוי טאָר מען איהם ניט זעהן, עס שטעהט דאָך: „לא תהי' לו כנושה" — בין איך צוריקגעקומען".

דאָן פלעגט דער זיידע ווייטער דערצעהלען:

— איך אַלס יונגערמאַן האָב אָבער דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן:

דער מוסטער רב

וואָס הייסט, דער מאַן האָט אונזערע געלד, און דער שווער איז עקסטרא געפאָהרען צו איהם מאָנען, לסוף האָט ער איהם גאָר ניט געזעהן. האָב איך אַליין באַשטעלט אַ פוהר, שוין ניט מיט אַ פּאָר פערד, אָבער איך בין אוועקגעפאָהרען אין סלוצק, געזעסען דאָרט עטליכע וואָכען, גע'נושה'ט און גע'נושה'ט און דאַן געקומען צו פאָהרען צוריק אַהיים מיט דעמזעלבען, מיט וואָס דער שווער איז געקומען...

און אַזוי איז דער זיידע דורכגעגאַנגען דעם ערשטען עטאַפּ פון נעמען אַ גרויסען נדן און פאַרלירען איהם. דאָס האָט איהם אָבער ניט געמאַכט אוים סוחר. ער איז געפאָהרען מיט זיין יונגע ווייב צו זיינע עלטערען אין באַברויסק און דאָרט געעפענט אַ געשעפט. ווי ווייט ער האָט זיך אינטערעסירט אין זיין געשעפט, דערצעהלט מען, אַז ווען דער אינספּעקטאָר איז געקומען אונטערזוכען די געשעפטען אויב זיי צאָהלען גענוג וויפיל די רעגירונג מאָנט ביי זיי, און דאַביי האָט, לויט געזעץ, דער אייגענטימער פון געשעפט געמוזט זיין אַנוועזענד, האָט מען געשיקט אַ שליח אין בית מדרש, וואו ער איז געזעסען יום ולילה און געלערענט, רופען איהם ער זאָל קומען צו געהן, האָט ער צוגעמאַכט די גמרא און געגאַנגען. קומענדיג אין מאַרק וואו זיין געשעפט איז געווען האָט ער ניט געוואוסט געגוי וואו דאָס איז, און ער האָט געמוזט בעטען אימיצען:

— ווייזט מיר, איך בעט אייך, וואו איז מיין קראָם?...

דען ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער האָט געשטאַמט פון אַ סוחר'ישע משפחה איז ער כל ימיו געזעסען און געלערענט און אויך געזאָגט אין באַברויסק אַ שיעור פאַר די גוטע יונגע-לייט אין שטאָדט. איינער פון זיינע דאַמאָלסדיגע תלמידים איז געווען דער שפּעטער באַוואוסטער געלעהרטער און שריפטשטעלער דר. י. ל. קאַצענעלנסאָן („בוקי בן יגלי"). איינציגע יאָהר איז אַנגעגאַנגען די פיל תורה מיט די ווענינ סחורה, ביז מען האָט געמוזט אָנקומען צו רבנות. לעבענדיג אין באַברויסק, וועלכע איז ניט געווען באַקאַנט אין ליטא אַלס מקום תורה, און דאַצו אַ זעהר שטאַרק חסיד'ישע שטאָדט, איז וואַרשיינליך געווען שווער פון דאָרט צו קריגען אַ גרויסע רבנות אין ליטא און די ערשטע רבנות דעם זיידענ'ס איז געווען אין „קליין רוסלאַנד", ווי מען רופט דאָס היינט: אוקראַינה, אין דער שטאָדט נאָוואָזיבקאָוו, אָדער ווי מען האָט גערופען אין אידיש: זובקאָי, טשערניגאָווער גובערניע. זייענדיג דאָרט אין אַ חסיד'ישער שטאָדט איז ביים זיידען שטאַרק ענטוויקעלט געוואָרען זיין נייגונג צו חסידות, וועלכע ער האָט

געהאַט אין זיך פון דער יוגענד. קיין חסיד אין פולען זין פון וואָרט איז ער קיינמאָל ניט געוואָרען. אָבער ער האָט געהאַט אַ נטיה צו קבלה און אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער פיל געלערענט קבלה. ער איז אייגענטליך געווען דער איינציגער אין אונזער משפחה, וועלכער האָט זיך באַשעפטיגט ניט נאָר מיט נגלה, נאָר אויך מיט נסתר.

זייענדיג אין נאָוואָזיבקאָוו האָט דער זיידע אָנגעפאַנגען צו דרוקען, נאָך בעפאָר דעם „ערוך השלחן”, אַ חבור מיט׳ן נאָמען „אור לישרים” אויפ׳ן „ספר הישר לרבנו תם”, צוזאַמען מיט׳ן טעקסט. אַלץ איז אָבער מיט זיין מזל — אַזוי ווי דער „ערוך השלחן” איז באַריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער לומד׳ישער וועלט אַזוי איז דער „אור לישרים” געבליבען כמעט אין גאַנצען אונבאַקאַנט. דער ספר, וועלכער איז געדרוקט נאָר איין חלק פון איהם, איז היינט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטענהייט און מען ווייס פון איהם זעהר ווייניג. די אַנדערע חלקים זיינען איבערהויפּט צום דרוק ניט געקומען. ווי מען דערצעהלט האָט דאָס צו טאָן מיט דער טאַטזאַכע, וואָס אין דער דרוק וואו דער ספר איז געווען האָט מען געמאַכט אַן אונטערזוכונג פון דער רעגירונג און, ווי דאַמאָלס איז געווען דער מנהג אין רוסלאַנד, האָט מען קאָנפיסקירט אַלץ וואָס מען האָט געפונען, כדי צו אונטערזוכען מעהרער און דערווייל איז אַלץ פאַרלאָרען געגאַנגען. אַזוי איז דער ספר „אור לישרים” ניטאָ אויף דער וועלט אויסער אַ געצעהלטע צאָהל עקזעמפּלאַרען פון איין חלק. אויך דער חלק איז ניט גלייך אַלע עקזעמפּלאַרען, דען אין מאַנכע פון זיי איז דאָ אַ בלאַט מיט הסכמות, צווישען זיי פון רבי יהושע ליב דיסקין, וועלכער איז דאַן געווען רב אין שקלאָוו, און פון דעם באַ-ריהמטען חסיד׳ישען רבין, רבי מענדעל ליבאַוויצער. שוין זייענ-דיג אַ רב אין נאָוואָזיבקאָוו האָט דער זיידע באַזוכט רבי יהושע ליב׳ן און רבי מענדל׳ען. ביי דעם לעצטען איז ער געזעסען אַ לאַנגע צייט און איז געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען צו איהם. רבי מענדעל האָט פון איהם זעהר געהאַלטען, און ער האָט אויף איהם געשריבען זעהר גרויס. ווי געזאָגט, זיינען די הסכמות אָבער ניטאָ אין אַלע עקזעמ-פּלאַרען פונ׳ם ספר, ווייל אין צווישען איז דער זיידע געוואָרען אַ רב אין ליטא, צוערשט אין דער שטעדטעל לובץ, לעבען נאָוואַרידאָק, וואו ער איז געווען אין זיין רבנות-אַמט צוויי טעג און איז באַלד „אויסגעכאַפּט געוואָרען” פאַר אַ רב אין נאָוואַרידאָק, איינע פון די גרעסטע רבנות-שטעלעס אין ליטא, אויפ׳ן אָרט פון „גליא מסכת”, רבי יצחק אלחנן און רבי ברוך מרדכי, האָט ניט

דער מוסטער רב

געפּאַסט דעם כבוד פון נאַוואַרידאָקער רב אַז אויף זיין ספר זאָלען זיין הסכמות, האָבען זיך געפונען „פּאַטריאָטען" פון נאַוואַרידאָק און האָבען דעם בלאַט מיט די הסכמות ארויסגענומען פון ספר.

דאָס אָנקומען פון אַ יונגען מאַן, איינינע און דרייסיג יאָהר, און דאַצו נאָך פון אַ חסיד'ישע שטאָדט אין קליין רוסלאַנד, אויף אַזאַ חשוב'ען אַמט ווי נאַוואַרידאָקער רבנות, איז דאָס אַליין געווען אַ גרויסע געשעהעניש. עס איז געווען גאַנץ פלוצלונג, דען, ווי דער־מאָנט, איז ער געוואָרען אייגענטליך רב אין ל ו ב ץ, און דערוויסענ־דיג זיך זיין גרויסקייט האָט מען איהם פון דאָרט אויסגעכאַפּט... עס איז געווען אַזוי פלוצלונג, אַז אין דעמזעלבען טאָג וואָס מען האָט איהם געבראַכט דעם כתב־רבנות פון נאַוואַרידאָק, איז געווען חתונה ביי זיינע אַ טאָכטער און ער האָט ניט געקענט פאָהרען אויף חתונה. נאַוואַ־רידאָק איז געווען ניט נאָר אַן אַלטע חשוב'ע קהלה, נאָר אויך אַ שטאָדט מיט גרויסע גבירים, באַריהמטע חשוב'ע בעלי בתים, לומדים, משכילים און אויך אפילו... „אויפגעקלערטע". ווי דער זיידע פלעגט דערצעהלען, זיינען שוין דאַן, ביי זיין אָנקומען אין נאַוואַרידאָק, מיט זיבציג יאָהר צוריק אומגעפעהר, געווען צעהנדליגע הייזער וועלכע זיינען ניט געווען שטרענג רעליגיעז. אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף איז די שטאָדט געווען איינע פון די שעהנסטע אין יעדען הינזיכט, אין ליטא. ביי דער ער־שטער אספה אין וועלכע די „ראשי הקהל" האָבען געהאַט מיט'ן רב, האָבען די אַנוועזענדע איבערלעבט אַן איבערראַשונג. דער זיידע האָט נויטיג געהאַט אָפּצושיקען אַ בריף האָט ער, ווי ער איז געוואוינט גע־ווען, אָנגעשריבען דעם אַדרעס אויף רוסיש, נאַטירליך. די בעלי בתים האָבען געזעהן ווי דער רב שרייבט אַליין דעם גאַנצען אַדרעס, איז אַ שטיל־שטילער שמועס דורכגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערען:

— איהר זעהט, דער רב שרייבט רוסיש...

און באמת איז דער זיידע געווען פון די „קענער" אין זיין צייט. דאָס איז איהם געבליבען פון זיינע עלטערען'ס הויז, די „פּאַדריאַ־טשיקעס", אַז ער האָט גערעדט, באמת גוט, די רוסישע שפּראַך און איז געווען רעכט פיל באַלעזען אין איהר.

אַזוי שנעל ווי ער האָט געקראָגען די רבנות אין נאַוואַרידאָק און ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ מעגליכקייט פון צופרידענהייט, האָט איהם מעהר קיין זאַך ניט אינטערעסירט אויסער דער „ערוך השלחן" — זיין לעבענס־ווערק, און די רבנישע ענינים.

מען האָט איהם פיל מאָל איינגעלאַדען אויף רבנות אין גרעסערע

שטעדט, האט ער ניט געוואלט דאס זאגאר באטראכטען. ער האט געזאגט:

— וואס איז דער אונטערשיד צווישען א רב אין א גרויסע שטאדט און אין א קלענערע? וואס אין א קלענערע שטאדט קען מען זיצען און לערנען און אין א גרויסע שטאדט קען מען דאס אויך ניט...

ווי שוין דערמאנט, האט ער געלייגט גרויס געוויכט אז ער זאל פסק'ענען שאלות און „דין תורות". ער האט אויך געהיט די רבנישע דרשות שבת הגדול און שבת תשובה מיט גרויס פינקטליכקייט. אויסער דעם איז ער געווען שטענדיג דער ראש־המדברים ביי די בעאמטע, דער איספראווניק וועלכער איז געווען שטענדיג אין שטאדט און דער גובער־נאטאר ווען ער פלעגט קומען, ווי אויך אנדערע „נאטשאלסטווא". ניט קוקענדיג וואס עס איז געווען אין נאווארידאק, ווי איבעראל, א קאז־זיאנער רב, האבען דאך די באאמטע געהאט צו טאן מיט'ן אמת'ן רב, און זעהר אפט פלעגט דער אפיציעלער געריכט איבערשיקען משפטים צווישען אידען און ניט־אידען צו איהם. עס איז אויך געווען א געוועהנליכע ערשיינונג ווען ניט־אידען פלעגען קומען פארלאזען זיך אויף'ן „קלוגען רב" ער זאל פאנאנדערנעמען זייערע סכסוכים. דאס אלעס איז געווען א דאנק דעם וואס זייענדיג א גרויסער רב, א באַ־ריהמטער גאון, האט ער געקענט רעדען רוסיש און האט ניט געדארפט אנקומען צו א דאלמעטשער, ווי אנדערע רבנים פון זיין גלייכען. דורך דעם וואס ער איז אפט אין באריהרונג געקומען מיט הויכע בעאמטע, האט ער פאר זיי ניט געהאט די שרעק ווי אנדערע מענשען פון זיין דור. עס איז געווען אמאל וואס דער גובערנאטאר האט געדארפט קומען אין שטאדט, ווי געוועהנליך האבען זיך צוזאמענגעקליבען ביים ארייגפאהר אין שטאדט אלע חשוב'ע בעלי־בתים מיט'ן רב בראש אום צו דערלאנגען דעם גובערנאטאר ברויט מיט זאלץ א. ד. גל. דער טאג איז גראד געווען א תענית, שבעה עשר בתמוז, די היץ איז געווען גרויס, דער עולם איז אפגעמאטערט, עס ווערט פארנאכט, דער גובערנאטאר איז נאך ניטא, ער דארף באלד אנקומען. דער זיידע האט געזעהן אז די אידען זיינען באזארגט, זיי זיינען הונגעריג, זיי ווילען געהן אפ־פאסטען אויך, זיי האבען אבער מורא אוועקצוגעהן, מען מוז דאך היטען „כבוד מלכות". זאגט ער צו זיי:

— געהט שנעל אהיים, פאסט אייך אפ, אבער שיקט באלד אהער אלע חדר־אינגלאך, וויפיל איהר קענט קריגען.

עס האט לאנג ניט געדויערט, און דער דורכגאנג צווישען צוויי

צוויי הונדערט אכט און אכציג

דער מוסטער רב

הויכע בערג, דורך וועלכע מען פאָהרט אריין אין נאָוואַרידאָק — קיין באַהן איז דאָרט ניט געווען — איז פול געוואָרען מיט הונדערטער חדר־אינגלאַך, קלענערע און גרעסערע. דער זיידע האָט זיי אויסגע־שטעלט אין שורות און זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלען זיך האַלטען „סטאַ־טעטשנע", אין אָרדנונג, שרייען „הורא", ווען דער גובערנאַטאָר וועט אָנפאָהרען, אָבער ניט צו הויך, ווי עס פּאַסט פאַר גרויסע מענשען. דער גובערנאַטאָר איז געקומען מיט דער גאַנצער סוויטע, די שעה איז געווען טונקעל, פון אונטער די בערג האָבען זיך געזעהן הונדערטע „מענשען", און דער זיידע האָט מקבל פּנים געווען דעם גאַסט מיט אַ רעדע פאַרשטעלענדיג איהם די „ראשי הקהל" און די הונדערטע אידען וועלכע שטעהען דאָ ביי די בערג...

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין דער נאַטור איז דער זיידע געווען אַ יושב אוהל, זיין התמדה איז געווען אַ רעגעלמעסיגע, אויפ־געשטאַנען גאַנץ פריה, ווינטער צייט איז דאָס געווען נאָך אין דער שטאַרקער נאַכט, לערנענדיג און שרייבענדיג ביז׳ן דאַווענען, גלייך נאָכ׳ן דאַווענען ווייטער געלערענט און געשריבען ביז מיטאָג־צייט, דאָן אַ הפסקה אויף אַ פּאָר שעה און דאַן ווידער געלערענט און געשריבען ביז טיף אין אָבענד, און אַזוי טאָג איין, טאָג אויס אָהן אויפהער — איז איהם דאָך אויסגעקומען טייל צו נעמען אין אספות וועגען כלל־זאַכען. מען פלעגט איהם איינלאַדען צו אספות אין ווילנא און אין פּעטערבורג — דאָרט איז איהם זיין רוסיש קענען אויך גוט צוניץ געקומען — און אין די לעצטע יאָהרען בעפאָר דעם אָפיציעלען שליסונג פון וואָלאָזין, איז ער דאָרט אויך אָפט געקומען, ווען מען האָט נויטיג געהאַט אַ ישוב־הדעת. זייענדיג אין וואָלאָזין פלעגט מען איהם שטענדיג מכבד זיין מיט זאָגען אַ „שיעור" און ער האָט דאַרין אויך געוויזען זיין כח. אין די פריהמאָרגענס שבת און יום־טוב, אָדער ווינטער צייט אין די נעכט פון שבת און יום־טוב, פלעגט ער זיצענדיג אין דער פינסטער לערנען אויסוועניג, דאַן האָט ער אויך געלערנט קבלה, בעל־פה.

די אַלע ערשיינונגען, וועלכע האָבען געקענט זעהר גרויס געשאַצט ווערען ביי אַן אַנדערען, זיינען ביי איהם געווען אַ נעבען־זאַך. דער עיקר פון איהם איז געווען דער „ערוך השלחן" און די רבנות פאַר עקסעלאַנס.

לט.

קולא׳ס און חומרות

באזיצענדיג דעם גרויסען כח פון א מקיל איז אָבער דער זיידע, דער „ערוך השלחן” געווען מאַנכעס מאָל אויך א גרויסער מחמיר. איבערהויפט האָט ער מחמיר געווען וועגען שבת. די חומרות זיינע זיינען אָבער געווען, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, ראציאָנאָל. ער האָט ניט מחמיר געווען אין פּרטים נאָר ער האָט געזוכט אז ביי איהם אין שטאָדט, אין נ א וואר י ד אָ ק, זאָל דער כ ל ל ניט קומען צו חלול שבת. ער האָט איינגעפיהרט פון דער ערשטער צייט פון זיין אָנקומען דאָרט אלס רב, אז מען זאָל מקבל שבת זיין ווען דער טאָג איז נאָך גרויס און די זון שטעהט נאָך הויך. ער האָט ניט מקפיד געווען אין דעם פאַל אויף „מעריב בזמנו” אָדער „קריאת שמע בזמנו”, ער האָט זיך פארלאָזען דארויף וואָס מען מעג דאוונען די תפלה פון שבת אום ערב שבת, און ער האָט געבראכט דאצו אז מען האָט מקבל שבת געווען אזוי פריה אז מען פלעגט געהן אהיים נאָך מעריב און אָפּעסען די סעודת שבת, איז דאן ערשט געווען די ריכטיגע שקיעת החמה. ער אליין פאר זיך האָט נאַטירליך נאָכ׳ן עסען געלייענט „קריאת שמע” אין דער צייט. ער האָט אָבער ניט צוגעלאָזען אז מען זאָל דענקען אז דער פריהערדיגער מעריב איז ניט גענוג, און דאריבער האָט ער מקפיד געווען אז גלייך נאָך מעריב, ווען עס איז נאָך געווען כמעט גרויסער טאָג, זאָל מען מאכען קידוש און געהן עסען. ער פלעגט זאָגען:

— מיט מיין פריהערדיגען קבלת שבת בין איך זיכער אז דער לעצטער וואסער־פיהרער באוויזט אריינברענגען זיין פערד און וואָגען אין שטאָל אריין בעפאָר די „שקיעה”.

דער איינפיהר פון אזוי פריה מקבל שבת זיין איז איהם ניט גרינג אָנגעקומען. די „פני” פון שטאָדט האָבען ניט געוואָלט אקצעפּטירען דעם נייעם מנהג פון נייעם רב. די נאַווארידאָקער „פני” זיינען ניט געווען אבי ווער, זיי זיינען געווען אָנגעזעהן און חשוב מיט אייגענעם יחוס און מיט „זכות אָבות”, זיינען דאָך דאָרט געווען באריהמטע, אַלט־געזעסענע משפחות: די הארקאַווים, די זאמקאָווים, די מאַסטקאָווים, און נאָך און נאָך. דאביי האָבען זיי דאָך געהאַט באריהמטע רבנים, גדולי ישראל, און דאָ קומט א נייער רב, א יונגער מאַן, און וויל איינפיהרען

קולא'ס און חומרות

אזא „רעפארם", מאכען שבת ווען דער טאג איז נאך אין זיין גאנצען גלאנץ... די מלחמה געגען דעם רב און זיין נייעם מנהג איז נאטירליך געוועזן א „מלחמה בשלום" מיט „פאליטישע" דריידלאך. א נאווארידאקער רב איז צו גרויס, און נאווארידאקער בעלי בתים זיינען צו פארנעם צו פיהרען חלילה א מחלוקת מיט'ן רב אפילו ווען זיי האלטען אז זיי זיינען הונדערט פראצענט גערעכט. הינטער ארום האבען זיי געזוכט די נייע תקנה צו צוברעכען. האט דער רב געלאזט אויסרופען אז קבלת שבת איז אין דער און דער צייט, א שעה און מעהר פריהער ווי געוועהנליך, איז צו דער באשטימטער צייט קיין בעל הבית ניט געקומען צום דאוונען. דער גרויסער בית המדרש — דער ארט וואו עס דאוונט דער רב מיט די „נכבדים" און ער איז מאסגעבענד פאר די גאנצע שטאדט — איז לעדיג, ניטא קיין „מנין". דער רב דער־שרעקט זיך ניט דאפיר. ער רופט צונויף א „מנין" פון בר מצוה אינגלאך — ביי זיי איז דאס אן אינטערעסאנטער שפיל, זיי דאוונען אין „רב'ס מנין" — און מען איז מקבל שבת, און מען דאוונט מעריב. דער רב געהט פון שוהל, ער טרעפט בעלי בתים געהען נאך ארום האלב וואכעדיג, מאנכע געהען שוין דאוונען, ער זאגט זיי א ברייטען „גוט שבת". זיי ענטפערען האלב ברוגז. ער, דער רב, געהט אהיים א שבת'דיגער, מאכט קידוש. אין גרויסען בית המדרש קומען די בעלי בתים צוזאמען, פול דער בית המדרש, און מען הויבט ערשט אן זאגען „לכו נרננה". עס ווערט אזוי געשאפען א קאמישע און אין דערזעלבער צייט אן ערנסטע לאגע, דעם „רב'ס מנין" איז א נעבען־זאך, דער „אמת'ער קבלת שבת" איז פיל שפעטער. דער רב מוז נעמען א שריט ווייטער. ער דאוונט אפ מיט דעם מנין בר מצוה אינגלאך און געהט ניט אוועק פון בית המדרש. ער בלייבט שטעהן ביים „עמוד" און לאזט קיינעם ניט צו „מקבל שבת" זיין. עס קומען די בעלי בתים, צווישען זיי חשובי העדה, זיי ווילען מען זאל אנהויבען „לכו נרננה". דער רב לאזט ניט. ער זאגט זיי:

— דא בין איך דער בעל הבית. אויב איהר ווילט ניט דאוונען מיט מיר צוזאמען, דאוונט ביחידות. דא איז מעהר קיין „מנינים" ניטא. דא האט מען שוין אפגעדאוונט...

פארפאלען. מיט'ן רב קריגט מען זיך ניט. מען קען העכסטענס פאראיבעל האבען און . . . דאוונען פאר זיך, אדער אוועקגעהן וואו עס איז אין א קלויז. דער גרויסער בית המדרש מאכט שבת ווען דער רב וויל... און אזוי ווערט בישלאכוויז דער שבת אין נאווארידאק אנגע־

נומען גאַנץ פריה. עס איז אומגעגאַנגען אַ שפּריכוואָרט: ווען מען זאָגט אין די אַרומיגע שטעדטלאַך „לכה דודי״ שלאָפט מען שוין אין נאַוואַרידאָק...

אַזוי ווי ביי קבלת שבת האָט דער זיידע מקפּיד געווען עס זאָל זיין וואָס פריהער, אַזוי האָט ער, לאַגישער ווייזע, מוצאי שבת מקפּיד געווען מען זאָל דאַווענען מעריב וואָס שפּעטער. דאָס האָט ער שוין געמאַכט אויף אַן אינדירעקטען אופן. אין גרויסען בית המדרש, אַזוי ווי אין די אַנדערע „קלויזען״, האָט מען געדאַווענט מעריב ווי געוועהנליך, אויך ניט חלילה צו פריה, נאָר ביים זיידען אין „בית דין שטיבעל״ וואו ער האָט געהאַט זיין מנין צו מעריב מוצאי שבת, האָט מען געדאַווענט און געמאַכט „הבדלה״ אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. מען האָט ממש געטאַפּט אין דער פינסטער איידער מען האָט אַ קלאַפּ געגעבען צו „והוא רחום״. אַזוי איז דער נאַוואַרידאָקער שבת אין דער ווירקליכקייט געווען אַ גאַנצער שבת אָהן פגימות...

אָבער ניט אַלע מאָל זיינען געווען די „מלחמות״ וועלכע מען האָט געפיהרט אין נאַוואַרידאָק אַזוי פרידליך. מאַנכעס מאָל פלעגט קומען צו אויסשטרייטונגען אין אַ גאַנץ שטאַרקער פאָרם, אפילו צו באַלאַגערען דעם זיידענ׳ס הויז און מאַכען געוואַלדען עד לב השמים. דאָס פלעגט פּאַסירען כמעט רעגעלמעסיג יעדע פּאָר יאָהר, ביים אויפנעמען אַ נייעם חזן מיט משוררים. נאַוואַרידאָק האָט געהאַט אַ שם מיט איהרע חזנים. די באַפעלקערונג דאָרט, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, האָט געהאַט אַ באַזונדער אַפּעטיט פאַר חזנים מיט פיל משוררים. דאַגעגען דער זיידע האָט געהאַט אַן אָפּנייגונג צו אַ חזן וואָס האַלט אַ קאַמערטאָן אום שבת, — ער האָט געהאַלטען אַז מען טאָר דאָס ניט על פי דין — און נאָך מעהר צו משוררים וועלכע לעגען פאַנאַנדער ביים „עמוד״ זייערע ביכער מיט נאָטען. ער האָט געהאַלטען דאָס עס איז אַ חלול הקודש. ער האָט אויך שטאַרק מקפּיד געווען וואָס דער חזן אָדער די משוררים זאָגען איבער ווערטער און פּסוקים עטליכע מאָל. דער זיידע פלעגט זאָגען:

— אויב איהר ווילט שוין אַ חזן, זאָל זיין אַזאַ וואָס דאַווענט אַליין, אָהן „העלפער״, און קען אָנשטעלען זיין טאָן ניט נוצענדיג דעם „גאָפּעל״, אָט אַזוי ווי דער „בערצע דער חזן״.

דער אַלטער חזן פון נאַוואַרידאָק, בערצע האָט ער געהייסען, האָט זעהר נושא חן געווען ביים זיידען. ער פלעגט גוט „זאָגען״, און זיין „טאָן״ איז געווען שטענדיג „אָנגעשטעלט״... דער נאַוואַרידאָקער עולם

קולאָ'ס און חומרות

האָט אָבער דאמיט ניט מסכים געווען, און אזוי ווי עס האָבען זיך געביטען אין נאווארידאָק זעהר אָפט חזנים, איז יעדעס מאָל ווען איין חזן איז אוועקגעגאנגען און אַן אנדערער איז געקומען, געווען אַ שטיקעל סקאנדאָל... געוועהנליך האָט דער זיידע ניט געזאָגט קיין דעה אין קהל'שע זאכען. זיין מיינונג איבער די אויפגאַבע פון אַ רב איז געווען, אַז אַ רב דאַרף זיצען און לערנען פסק'ענען שאלות און דין תורות, און ניט מישען זיך אין שטאָדטישע זאכען. ד אָ ס זאָלען די בעלי בתים טאָן. אָבער ווי עס פלעגט קומען צו אַ חזן נעמען, דאָן פלעגט דער כלל פארשווינדען. ווען עס איז גערופען געוואָרען אַן אספה, און ווי געוועהנליך איז דער רב אויך געווען איינגעלאַדען, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג, געקומען צו דער אספה און... געזאָגט זיין מיינונג ג ע ג ע ן דעם חזן. די ראשי הקהל האָבען ניט געוואָלט האַנדלען דירעקט גענען דעם רב'ס מיינונג, בפרט ווען די מיינונג פון רב איז געווען באגרינדעט אויפ'ן דין, דער קאַמער־טאָן אום שבת, די נאָטען א. ד. גל., זיינען זיי אוועק פון דער אספה און מודיע געווען אַז דער רב לאָזט ניט נעמען דעם חזן. דאָן האָט „קיין צרות ניט געפעהלט". עס פלעגען קומען צעהנדליגע און הונדערטע מענשען. נאַטירליך פון דעם וואָס מען רופט „המון", און מען פלעגט שרייען, מאָנען, פאָדערען, און די הויפט טענה איז געווען:

— סטייטש, רבי, דער חזן מיט די משוררים איז אונזער איינציגער פארגעניגען, פאַר וואָס פארגינט איהר אונז ניט?

און אויף דער טענה אַז מען טאָר ניט דעם קאַמער־טאָן א. ז. וו., איז געווען די תשובה: פאַר וואָס זיינען דאָ חזנים מיט משוררים אין ו ו י ל נ א און אין מ י נ ס ק, פאַר וואָס טאָר ניט זיין אין נאווארידאָק? די בני בית זיינען געווען דערשראָקען פון די קולות פון דעם „המון", און זיי האָבען פארלאַנגט פון זיידען ער זאָל נאָכגעבען. דער זיידע פון זיין זייט, זייענדיג בטבע אַ האַרציג גוטער מענש, האָט אויך געליטען פון דעם וואָס הונדערטע אידען קענען ניט האָבען זייער איינציגען פארגעניגען, ווי זיי זאָגען, און ער פלעגט מאכען דעם ערשטען ריקטריט ערקלערענדיג:

— איך לאָז דען ניט נעמען דעם חזן? איך האָב נאָר געזאָגט מיין מיינונג. ווען די ראשי הקהל ווילען אָבער נעמען, זאָלען זיי טאָן וואָס זיי ווילען!

דער „המון" האָט דערהערט די תשובה, איז מען גלייך אוועק און

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מודיע געווען די שטאָדט־פיהרער: „דער רב וועט ניט פּראָטעסטירען, איהר זייט די בעלי־בתים". און דאַן פלעגט דער חזן אָנגענומען ווערען.

דער אָנגענומענער חזן האָט שטענדיג פאַרדינט דערפון, ווייל ער איז באטראכט געוואָרען אלס א „קרבן", און זיין אָנקומען איז געווען א נצחון... און אזוי האָט זיך דאָס ווידערהאָלט יעדע איינציגע יאָהר. ווען מען האָט, פון דער הויז־געזינד, געבעטען דעם זיידען ער זאָל ניט מישען זיך און ניט מעהר זאָגען א דעה וועגען א חזן, האָט ער ניט נאָכגעגעבען, ערקלערענדיג אז ער מוז זאָגען, ווען מען פרעגט ביי איהם וואָס ער דענקט אז מען מעג אָדער מען טאָר ניט. אויב מען וויל ניט פאָלגען, איז ניט זיין שולד... פערזענליכע פאַרהעלטניסע, אזוי צו זאָגען, צווישען איהם מיט'ן חזן, אפילו נאָכדעם ווי דער חזן איז געווען אָנגענומען, זיינען, נאַטירליך, ניט געווען פון די בעסטע. ווען דער חזן פלעגט דאַווענען, וואָס מעהר ער האָט געזונגען און וואָס מעהר די משוררים האָבען „געהאָלפען", אלץ מעהר האָט דער זיידע קריטיקירט און געזאָגט אז עס האָט קיין טעם נישט... דאַרין אָבער האָט ער נעהאָט א גרויסען געגנער ביי זיך אין הויז. זיין פאָטער, דער „זיי־דינקע", וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר א גרויסען מנגן, האָט גראָד יע הנאה געהאָט פון חזן מיט די משוררים און געזאָגט אז עס איז „הפלא ופלא". נו, ווען דער טאַטע זאָגט — מוז מען שווייגען, אפילו א רב מוז נאָכגעבען...

דער זיידע האָט אַרויסגעוויזען געגנערשאַפט צו אירגענד וועלכע „רעפאָרמען". ער האָט צ. ב. אין „גרויסען בית מדרש" ניט געלאָזט זאָגען די ערשטע סליחות מוצאי שבת ביי נאַכט. ער איז באשטאַנען דאַרויף אז סליחות דאַרף מען זאָגען פאַרטאָג. די אייניקלאַך וועלכע האָבען געזעהן אז סליחות איז אזוי חשוב אין דעם זיידענס אויגען אז ער איז מקפיד אויף דער צייט ווען די סליחות זאָל געזאָגט ווערען, זיינען אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און געגאַנגען זאָגען סליחות ביי איהם אין „גרויסען בית המדרש". דאָרט איז אויך געקומען אין דער זעל־בער צייט איינער פון דעם זיידענס מקורבים א יונגערמאַן א למדן. נאָך סליחות זאָגט דער זיידע צו די אייניקלאַך און דעם יונגען מאַן:

— פאַרוואָס זייט איהר אויפגעשטאַנען אזוי פריה און איהר פטר'ט דאָמיט דעם גאַנצען טאָג ניט קענען לערנען ווי עס באַדאַרף זיין?

קריגענדיג די תשובה אז זעהענדיג ווי ער האַלט פון סליחות אז ער באשטעהט עס מוז געזאָגט ווערען פאַרטאָג, האָבען זיי געפונען פאַר ריכטיג אויפצושטעהן פריה, צו טאָן זיין ווילען, האָט ער געענטפערט:

צוויי הונדערט פיר און ניינציג

קולא'ס און חומרות

— דאָס איז אַן אַנדער זאַך. ווען סליחות וואָלט געווען מן התורה, מוז מען זוכען עצות ווי מקיים צו זיין אַפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדען. אָבער סליחות איז ניט מן התורה, די אַלטע לייט, די וועלכע קענען ניט שלאָפען אָדער די וועלכע קענען שלאָפען בייטאָג זאָלען היטען דעם מנהג ווי ער איז אָנגענומען און ניט מאַכען „רעפאָר־מעס", „אָפּזאָגען" סליחות ביינאַכט. אָבער איהר, יונגע לייט, וואָס איהר דאַרפט בייטאָג לערנען און ניט שלאָפען, שלאָפט ביינאַכט און זאָגט גאָרניט קיין סליחות... אַ בלאַט גמרא איז וויכטיגער.

און אַזוי איז ער געווען אַ מקיל ווען עס איז ניט געווען קיין סתירה צום דין און האָט געהאַלטען אַז עס איז נויטיג, און אַ מחמיר איז ער געווען אַפילו אין ניט קיין גרויסע זאַכען, ווי באַלד ער האָט ניט געזעהן קיין נוצען פון דער קולא. עס איז איהם אויסגעקומען צו זיין אַמאָל פורים ביי איינעם פון דער משפחה צו דער „סעודה", וועלכע איז גע־מאַכט געוואָרען מיט גרויס פאַראַד און עס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען נאָך געסט. די געסט האָבען זיך פאַרשפּעטיגט, די ווירטין פון הויז איז געווען פאַרנומען מיט איהרע קליינע קינדער, און די זון האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, דער טיש איז נאָך ניט פאַרטיג, די אַנדערע אורחים זיינען נאָך ניטאָ. דער גאַסט־געבער וועלכער האָט געהאַט דעם כבוד צו האָבען ביי זיך דעם זיידען צו־גאַסט איז געווען זעהר נערוועז. די „סעודה" דאַרף מען דאָך עסען „בעוד יום" און די צייט געהט באַלד פאַרביי. דער זיידע האָט באַמערקט די נערוועזיטעט און ער זאָגט צו איהם:

— עס איז אַ רחמנות אויף דיין ווייב, זי איז געווען פאַרנומען מיט די קינדער, זי איז נאָך ניט גאַנץ פאַרטיג, זי וועט אויך האָבען פאַרדרוס אויב מען וועט געהן צום טיש אָהן די איינגעלאַדענע געסט. לאָמיר שטילערהייד זיך וואַשען צום עסען, מיר וועלען נעמען אַ „כזית" און מיר וועלען דאַמיט יוצא זיין די „סעודה", נאַכהער מאַכט ניט אויס אויב מען וועט עסען שפּעטער...

און אויך אין גרעסערע זאַכען האָט ער דאָך ניט פאַרזעהן די אומשטענדען אין וועלכע מען געפינט זיך. זייענדיג אַמאָל אין פּעטער־בורג און האַלטענדיג דאָרט שבת, זיינען געזעסען צוזאַמען מיט איהם זיינע אייגענע און באַקאַנטע. אַזוי שנעל ווי עס איז געוואָרען נאַכט, האָט ער געזאָגט „נו, מען דאַרף דאַווענען מעריב". ניט לאַנג מאַרי:ך געווען אין „שמונה עשרה", אַזוי שנעל ווי ער האָט געענדיגט, האָט ער געהייסען ברענגען וויין און געמאַכט „הבדלה". די שנעלקייט מיט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וועלכע דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען איז געווען אויפפאַלענד. די יעניגע וועלכע האָבען געוואוסט ווי ער איז געוואוינט צו דאַוונען מעריב מוצאי שבת, זעהר שפּעט, האָבען ביי איהם געפרעגט, וואָרום ער אײלט זיך אַזוי. דאַרויף איז געקומען די אונערוואַרטעטע תשובה:

— וואָס מיינט איהר, דאָ איז נאָוואָרידאָק? דאָרט, אין נאָוואָרידאָק האָט מען צייט, דאַריבער מאַכט ניט אויס אַז מען נעמט אָן אַלע חומרות פון „תוספות שבת” און בכלל וואָס מעהר און וואָס לענגער דער „תוספות” איז, אַלץ בעסער. אָבער דאָ איז פּעטערבורג, יעדער איז פאַרנומען, יעדע ווײלע איז טייער, טאָר מען ניט מחמיר זיין מעהר ווי דער דין איז. על פּי דין איז איין מינוט אויך „תוספות שבת”, און עס וואָלט געווען אַן עוולה אַז צוליב מיר זאָל איך מאַכען שווער פאַר אַנדערע.

דער גייסט פון פאַרשטעהן אַנדערע, אַפילו אַמאָל ווען דער פאַרשטעהן האָט איהם שטאַרק פאַרדראָסען, האָט איהם שטענדיג באַהערשט. ער האָט אויך אַמאָל געמוזט מחמיר זיין אין אַ פּערזענליכע אַנגעלעגענהייט ווען דאָס איז איהם געווען זעהר שווער, נאָר על פּי דין האָט ער ניט געהאַלטען פאַר מעגליך צו האַנדלען אַנדערש. אין נאָוואָרידאָק האָט דאַן געלעבט דר. א י י נ ה אָ ר ן, וועלכער איז געווען זעהר פרום. ווי מען האָט דערצעהלט האָט ער געדאַווענט יעדען טאָג אין אַן אַנדער בית המדרש כדי מען זאָל איהם ניט קענען געפינען ווען מען רופט איהם און ניט שטערען איהם אין זאָגען תהלים נאָכ'ן דאַוונען. ווען מען האָט איהם גערופען צו קראַנקע פרויען האָט ער געוויזען באַזונדערע „צדקות” ביים אונטערזוכען... דער זיידע האָט זעהר געשעצט דעם דר. איינהאָרן אַלס פרומער איד און אויך אַלס דאָקטאָר, דאַביי האָט ער איהם אָבער ניט געשטיצט אין געוויסע פעלע, ערקלערענדיג, אַז ווען אַ דאָקטאָר איז פרום מוז ער דאַצו אויך זיין אַ תלמיד חכם צו וויסען וואָס ער מעג ניט טאָן און וואָס ער מעג יא טאָן. ווען ניט, קען אַ דאָקטאָר מיט פרומקייט מאַכען, פון שטאַנדפּונקט פון דין, מעהר פעהלער ווי נוצען...

זייענדיג אין פּעטערבורג זיינען צו איהם אָפט געקומען אייניגע יונגע לייט וועלכע זיינען ניט געווען זהיר אין מצוות. עס איז געווען נאָך פּסח צייט, האָט אימיצער איהם, דעם זיידען, אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ער האָט זיי, די יונגע לייט, געדאַרפט פרעגען וואו און ווי האָבען זיי געהאַלטען פּסח. דאַרויף האָט ער געענטפערט:

— ניין, איך וויל ניט פרעגען מיט אַבזיכט. אויב זיי האָבען

קולא׳ס און חומרות

געהיט אלץ כדין איז געווים גוט. טאמער חלילה ניט, וועלען זיי מיר זאגען א ליגען, וואס וועל איך האבען דערפון? און אויב זיי וועלען מיר זאגען דעם אמת — וועל איך האבען קריינקונג און מעהר וועל איך ניט קענען ריידען מיט זיי, וועלען זיי נאך מעהר אפגעווייטערט ווערען.

דאס האט געשטאמט פון אויסרעבענונג, דאס וואס מען רופט „ערום ביראה" און אויך פון איינגעבארענע גוטסקייט. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער איז געווען אמאל א „נוח לבעוס", ווייל זיין נאטור איז געווען א האסטיגע, איז ער אבער געווען זעהר גוט צו יעדען און האט יעדען איינעם מיט וועמען ער איז געקומען אין באריהרונג ליב געהאט. עס איז געווען אין נאווארידאק א בעל הבית, א גרויסער משכיל פון די יחסנ׳ישע משפחות, דעם זיידענ׳ס א שכן, און דער זיידע האט געוואוסט אז ער איז זעהר ניט פרום. זייענדיג אבער אין דער זעלבער צייט א געבילדעטער מענש און באזיצענדיג א פיינעם כאראקטער פלעגט דער זיידע מיט איהם אפט פארברענגען. דער זיידע האט אמאל געזאגט:

— איך האב אפשר געדארפט איהם פיינט האבען, אבער איך קען ניט.

אין יענער צייט האט געלעבט אין נאווארידאק א חשוב׳ער בעל הבית נחמן צבי געצאוו, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און א מאדערנער שריפטשטעלער. זיין ספר „על נהרות בבל" איז גוט באקאנט. ביי געוויסע פראבלעמען אין דעם אידישען לעבען וועלכע דער זיידע האט געהאט אן אנדער מיינונג, האט געצאוו געהאט אויף איהם א השפעה. און דער זיידע פלעגט זאגען:

— ווען איך בין אפילו ניט מסכים, ווי קען מען געצאוו׳ן אפזאגען?

און ווען עס איז געווען א ציוניסטישע שמחה — און נאווארידאק איז בכלל געווען ציוניסטיש געשטימט — און געצאוו איז געקומען איהם איינלאדען, האט דער זיידע די איינלאדונג אנגענומען. מיט דעם ציוניזמוס איז דער זיידע ניט געווען אין גאנצען איינפארשטאנען, איבערהויפט האט ער ניט געגלויבט אין דעם פאליטישען אויסגאנג פון ציוניזם. ווען מען האט אמאל באריהרט די פראגע פון דער רעליגיעזער זייט, אז דורך דעם וואס מען וועט מוזען טרייבען באהנען, שיקען טעלעגראמעם א. ד. גל., קען קומען צו „חלול שבת", האט ער דארויף באמערקט:

— דאפיר האב איך קיין מורא ניט. אויב מיר קומען אוים צוויי טויזענד יאהר אין גלות און עס זיינען געפונען געווארען עצות על פי

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דין ווי ניט נכשל ווערען אין חמץ בפסח, נעמען רבית א. ז. וו., וועלען מיר אין ארץ ישראל געווים געפינען דעם ריכטיגען וועג אין איינקלאנג מיט די דינים פון דער תורה.

ווי געוועהנליך איז דער זיידע געווען א מחמיר אין „קריאת שמע בזמנה" און „תפלה בזמנה". און זייענדיג אליין א גרויסער מתמיד און א זריז, אויפשטעהן זעהר פריה, האָט ער ניט געקענט דולדען ווען אימיצער אין זיין הויז איז געשלאָפען שפּעט. ער פלעגט זיך זעהר ערגערען אז אימיצער איז געזעסען שפּעט אין אבענד, ווייל דאָס קען ברענגען דאצו אז מען זאָל מאָרגען שפּעט אויפשטעהן. איינער פון זיינע אייניקלאך, נאָך א גאנץ יונגער אינגעל, איז אוועק צו א חנוכה אבענד, אראנזשירט ביי די ציוניסטען אין נאָווארידאָק, און דאָרט האָט מען איהם „מכבד" געווען מיט א רעדע, און ער האָט זעהר גוט גערעדט. דאָס איז געווען די ערשטע רעדע וועלכע דער באטרעפענדער האָט גע־האַלטען. נאטירליך נאָך אזא אבענד און אזא „ערפאָלג" איז דער „רעדנער" איינגעשלאָפען עטליכע שעה אין טאָג אריין. אויף מאָרגען באגעגענט דער זיידע דעם אייניקעל מיט די ווערטער:

— נו, נו, איך האָב דיר שוין געוואָלט געבען א חלק פאַר שלאָפען אזוי שפּעט, אָבער איך האָב געהערט פון דיין נעכטיגער „דרשה", מוז איך מוחל זיין. נו, מאך איצט ניט קיין שהיות מעהר...

און אזוי איז געווען זיין דרך אויך אין דברי תורה. מיט דעם גאנצען כעס, אמאָל, ווען מען האָט געוואָלט זאָגען ניט ווי ער, האָט ער געקענט נאכהער מודה זיין, אפילו צו דעם קלענסטען, אפילו צו אן אייניקעל:

— דו ביזט גערעכט, איך האָב איבערגעשריבען אנדערש ווי פריהער, איך האָב אומזיסט געבייזערט זיך.

ווייל אזוי שטאַרק ווי עס איז געווען זיין פעהיגקייט, אזוי שטאַרק איז געווען זיין ווילען צו געפינען דעם אמת, מעג דאָס זיין אויף וועלכען וועג עס איז. און זוכענדיג דעם אמת, האָט ער זוכה געווען דאצו, סיי אין זיינע חומרות און סיי אין זיינע קולא'ס, אז הלכה כמותו...

מ.

צווישען גבירים

א געוויסע צייט איז אויסגעקומען צו טרעפען זיך מיט א לעבען וועלכע איז געווען ביז דאן אונבעקאנט. לעבענדיג אין וואלאזין, אין ווארשא אין א האלב וואלאזינער סביבה און אין דער ישיבה אין טעלז, אין בריסק, לעבען רבי חיים סאלאווייציק, אין נאווארידאק ביים זיידען דעם „ערוך השלחן", איז געווען א נייעס צו קומען אין דער שטעדטעל בערעזין, מינסקער גובערניע, א שטעדטעל וועלכע איז געווען באריהמט מיט איהרע גבירים פאר צוויי־דריי דורות. די שטעדטעל בערעזין איז געווען באקאנט דורך איהרע משפחות: זעלדאוויץ, וועלכע שטאמט אורשפרינגליך פון דארט, לוריא, פינעס און אנדערע, וועלכע זיינען צוערשט „אנגעקומען" אלס איידעמס און דארט געבליבען און פארצווייגט זיך מיט פיעל קינדער און גרויסע געשעפטען. דער הויפט געשעפט אין בערעזין, דאס הייסט, דער גבירישער געשעפט, איז געווען האלץ. דער געגענד וואו בערעזין געפינט זיך איז געווען פול מיט וועלדער און האבענדיג דארט א גרויסען טייך וועלכער שווימט אריין אין דעם באריהמטען דניעפר, האט מען געהאקט די וועלדער און אפגעשיקט די האלץ מיט'ן וואסער אין די גרויסע שטעדט: יעקאטערינאסלאוו, קרעמענטשוג, כערסאן א. ד. גל. די וועלדער האבען אפיציעל ניט געהערט צו אידען, ווייל לויט די רוסישע געזעצען דאן, האבען אידען ניט געטארט האבען „אונבאוועגליכע גיטער" אויף זייער נאמען. דאריבער האבען די אידען געקויפט נאר דעם זכות צו האקען די בוימער אויף א באשטימטע רייהע יאהרען. ווען איינער האט געקויפט די לאנד אויך, ווייל אנדערש האט דער פארקויפער ניט געוואלט, האט מען אפיציעל געמוזט מאכען דאס אויפ'ן נאמען פון א ניט־אידען, אמאל א משרת, א קליינער בעאמטער ביי דעם אידען. דער האלץ־געשעפט איז געווען פון די רייכסטע געשעפטען וועלכע אידען האבען געהאט אין יענער עפאכע. דערווארט „האלץ סוחר" האט באדייטעט, אז דער מאן באזיצט גרויסע קאפיטאלען. ווייל אום צו זיין א האלץ־סוחר האט מען נויטיג געהאט צו אינוועסטען גרויסע סומען ביים „קויפען דעם וואלד", ד. ה. ביים קויפען דעם זכות צו האקען די האלץ, דאן האט געקאסט רעכט פיל דער פראצעס פון האקען די בוימער,

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פאַרבאַרייטען זיי צום אָפּשיקען אויפ'ן וואַסער, און דאַן ערשט ווען מען האָט אָפּגעשיקט, האָט דאָס געדויערט חדשים ביז די סחורה איז אָנגעקומען אויפ'ן באַשטימטען פּלאַץ און ערשט דאַן זיינען פאַרביי וואָכען און חדשים ביז מען האָט פאַרקויפט און ביז מען האָט דאָס געלד געקראָגען פון די קויפער. ווי אַלע געשעפטען איז אויך דער האָלץ-געשעפט געווען פאַרבונדען מיט פאַרשידענע אומשטענדען, ניט שטענדיג זיינען געווען די מקחים פון די סחורה, אָנקומענדיג אויפ'ן פּלאַץ, די זעלביגע. עס האָט געטראָפען אַז עס איז געקומען צופיל מיט אַמאָל, אָדער אומגעקערט, דער געברויך פאַר בוי-מאַטעריאַל, ד. ה. צום אַלעם ערשטען האָלץ, איז ווייניגער ווי מען האָט ערוואַרטעט. עס האָט אויך ניט אויסגעפעהלט פון צייט צו צייט באַנקראָטען פון די קויפער און עס איז פאַרלאָרען געגאַנגען דעם פאַרקויפערס פּרנסה מיט'ן קרן צוזאַמען. טראָץ דעם אָבער איז געווען דער ריוח פון האָלץ-גע-שעפט על פּי רוב זעהר גרויס, און די קלענערע סוחרים זיינען געווען קליינע גבירים, די גרויסע סוחרים זיינען געווען גרויסע גבירים, אַמאָל פאַררעכענט אַלס האַלבע אָדער גאַנצע מיליאָנערען.

די שטעדטעל בערעזין האָט געהאַט אייניגע גרויסע סוחרים, פילע וועלכע האָבען געהערט צו מיטעלע און קלענערע, און נאָך מעהר זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען געלעבט „ארום די גבירים", ד. ה. זיי זיינען געווען בעאַמטע, צושטעלער און פאַרקויפער פון געוויסע פּראָ-דוקטען וועלכע האָבען אַ שייכות צו דעם געשעפט. יעדענפאַלס איז בערעזין געשטאַנען אונטער דעם מזל פון האָלץ-געשעפט. איז געווען אַ גוטער יאָהר פאַר דעם געשעפט איז אין שטעדטעל געווען פרעהליך, איז געווען ניט קיין גוטער יאָהר, האָבען אַלע אין שטעדטעל געליטען, ווער מעהר, ווער ווייניגער, ווער דירעקט און ווער אינדירעקט. דאָס אינטערעסאַנטע איז געווען דער איינפלוס פון די דאָרטיגע גבירים ניט נאָר אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען נאָר אויף אַלע געביטען פון דער אידישער עקזיסטענץ דאָרט. דאַמיט האָט זיך בערעזין אויסגעצייכענט פון אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך. די גאַס וואו די גבירים האָבען געוואוינט האָט געהייסען „די גאָלדענע גאַס". דער בית המדרש וואו זיי האָבען געדאַוועט, האָט מען גערופען „דער גבירישער בית המדרש". האָט מען געדאַרפט נעמען אַ רב איז געווען די ערשטע שאלה: „וואָס זאָגען די גבירים אויפ'ן רב?" איז געווען אַן אַלטע, אָפּגעלאָזענע, האַלב-חרוב'ע תלמוד תורה, האָט מען געוואַרט ביז אַ געוויסע רייכע משפחה האָט אויפגעבויט אַ נייע תלמוד תורה, האָט אָנגעשטעלט נייע

צווישען גבירים

לעהרער און האט איבערגעגעבען די פיהרערשאפט פון דער תלמוד תורה צו ווענען זיי האבען געוואלט. דאס מיינט ניט צו זאגען, אז די גבירים אין בערעזין האבען „געהערשט" אויף די ניט־גבירים, אדער געוואלט הערשען. אדרבא, מיט אלע מאכט וועלכע די גבירים האבען געהאט זיינען געווען די בעסטע פארהעלטניסע צווישען „די גאלדענע גאס" און „דער גבירישער בית־המדרש" פון איין זייט, און די גאנצע שטעדטעל פון דער אנדער זייט. די וועלכע האבען נויטיג געהאט צו קריגען א טובה, א שטעלע, א גמילת חסד, אדער אמאל א נדבה, האבען זיך געפרעהט ווען זיי האבען געקראגען, און די גבירים וועלכע האבען געגעבען זיינען געווען צופרידען ווען זיי האבען געגעבען. אבער, קוקענדיג פון דער זייט, האט געשיינט אזוי ווי מען זעהט פאר זיך צוויי־ערליי מענשען, איינע, וועלכע זיינען געשאפען געווארען מהנה צו זיין און די אנדערע וועלכע זיינען געבארען געווארען הנאה צו האבען... עס קען זיין, און אין דעם פאל פון בערעזין אין יענער צייט איז געוויס דער פאל אזוי, אז די וועלכע זיינען מקבל די טובה זיינען ניט בעסער און ניט ערגער ווי די וועלכע טוען די טובה. עס פארדריסט אבער דאך ווען מען זעהט פאר זיך א צוטיילונג פון מענשען וועלכע געהט איבער פון דור צו דור.

פון דער אנדער זייט אבער האט מען געמוזט צוגעבען אז אויב עס איז שוין יא אזוי די וועלט־ארדנונג עס זאלען זיין מענשען וועלכע זאלען זיין רייכער און דאדורך מעכטיגער אלס אנדערע, איז בעסער ווען עס ווערט א טראדיציע פון רייכקייט און דאדורך ארבייט זיך אוים א געוויסע אריסטאקראטיע אויך אין גוטען זינען פון דעם באגריף. דאס האט מען געקענט זעהן לעבענדיג צווישען די „בערעזינער גבירים". ניט אלע פון זיי זיינען געווען אינטעלעקטועל, אבער זיי אלע, די אלטע ווי די יונגע, האבען געהאט רעספעקט און געוויסער מאסען ליבע פאר א תלמיד חכם און פאר מענשען מיט קענטניסע. די עלטערע פון די גבירים האבען געפונען פאר נויטיג צו האלטען „רביים" און צו לערנען יעדען טאג געוויסע שעורים, די אינגערע האבען געזוכט צו קויפען ספרים, ביכער און בילדען ארום זייערע הייזער אינטעליגענטע קרייזען. זיי, די גבירים, האבען אויך פארשטאנען דעם ווערט פון יחוס און ווען זיי האבען זיך געקענט משדך זיין מיט ווענען עס איז פון דער גרויסער רבנ'ישער וועלט, האבען זיי, די רייכע און די שטארקע, ניט נאר זיך „איינגעקויפט" אין יחוס, נאר אויך געזוכט צו פארדינען מיט פארשידענע צדקה ומעשים טובים צו קענען זיצען צוזאמען מיט

זייערע מחותנים. פון דעם ארט שדוכים איז ענטשטאַנען אַמאָל אַ טיפּ פון „תורה גגדולה במקום אחד". אַזאַ טיפּ איז געווען אין טיפּ פון „תורה וגדולה במקום אחד". אַזאַ טיפּ איז געווען אין בערעזין רבי חיים לוריא, אַ שווערסטערם אַ זוהן פון רבי יעקב מאיר פּאַדווע, בריסקער רב. שטאַמענדיג פון די יחסנ׳ישע פאַמיליע לוריא אין פּינסק און זייענדיג אַן איידעם ביי די זעלדאָוויצעס, האָט ער פאַראייניגט אין זיך אונגעהייערע פרומקייט, שטאַרקע אהבת תורה ניט נאָר צו שטיצען אַנדערע זאָלען לערנען, נאָר אויך אַליין גזעזסען און געלערנט, אַמאָל אַליין און אַמאָל מיט אַ רבי׳ן, ווי אויך אַ גביר׳ישע ברייטהערציגקייט פאַר צדקה אין יעדער פאָרם.

איז געקומען פּסח און מען האָט געוואוסט, אַז ס׳איז שווער פאַר הונדערטער אָרימע פאַמיליעס צו טראָגען די הוצאות פון פּסח, האָט רבי חיים לוריא געקויפט פּסח׳דיגע מעהל ביליג און „פאַרקויפט" צו קאָסט פּרייז און ווען מען האָט געקענט, האָט מען געגעבען אויף באָרג און פאַרגעסען אויפצומאָנען... האָט ווער עס איז נויטיג געהאַט אַ גמילת חסד, האָט מען געגעבען ענטוועדער דורך מזומן אָדער דורך גאַראַנטיע אין אַזאַ פאָרם עס זאָל וואָס ווייניגער קענטיג און פיהלבאַר זיין די טובה. מען האָט אָפט געגעבען געלד און „צעטלען" צו איינעם אַ בעל טובה, ניט פון די „הויכע פענסטער", כדי עס זאָל גרינגער זיין צו איהם צוצוקומען און קריגען אַ הלואה ווען מען באַדאַרף. און דאָס, וואָס עס איז געטאָן געוואָרען ביי אַזאַ אידען ווי ר׳ חיים לוריא, זיצענדיג לעבען „שטענדער" און לערנענדיג, אָדער „רעדענדיג אין לערנען" מיט אַ רב, מיט אַן אורח, מיט אַ שטאָדטישען תלמיד חכם, האָבען געטאָן אַנדערע גבירים ביי זייערע וואָכעדיגע באַשעפטיגונגען. אָבער אין אַלעם דעם האָט זיך געפיהלט ניט נאָר אַ רייכע האַנט, נאָר אויך אַ פיהלענדיג האַרץ, אַ שטילע אידעלקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעאַרבייט אין פאַרלויף פון צוויי-דריי דורות.

דער אָרט לעבען אין בערעזין איז געווען דאַן זעהר טראַדיציאָנעל. דער „גביר׳ישער בית מדרש" איז געווען דריי מאָל אַ טאָג באַזוכט צום דאַווענען און צו די פאַרשידענע „שעורים" אין משניות, אין „עין יעקב" א. ד. גל. ניט ווייניגער ווי אַנדערע שוהלען, וואו עס זיינען ניט געווען קיין גבירים... דער אונטערשיד איז נאָר געווען, וואָס אין אַנ־ דערע שוהלען רעדען די דאַוונער וועגען דער „ביטערער פרנסה" און יעדערער האָט צו דערצעהלען זיין פּעקעל צרות, האָט מען ביי די גבירים אין שוהל ניט געהערט פון יעדען איינציגען איבער זיינע פאַרדינסטען.

צווישען גבירים

און פארלוסטען — דאס האט מען איןביידע פאלען מורא געהאט צו פארטרויען איינער דעם אנדערען... — נאר מען האט גערעדט וועגען רעגען און שניי, „הויכע וואסער” און „נידריגע וואסער”, ווייל דאס אלעס איז געוועזן נוגע צום האלץ געשעפט. צופיל רעגען, איז דער וועג שלעכט, קען מען ניט פאהרען אין וואלד און ארבייטען דארט; ווייניג שניי, איז ניט גוט ארויסצופיהרען דאס געהילץ פון וואלד; „נידריגע וואסער” — שווימט דאס האלץ לאנגזאם און קומט אן שפעט אין באשטימונגס ארט א. ד. גל. דער שמש פון דעם „גבירישען בית מדרש”, א פרעהליכער קבצן, א קלוגער איד, פלעגט זאגען:

— איך פארשטעה ניט, די גבירים האבען שטענדיג זארג: דא איז זיי צופיעל רעגען, דא איז צו ווייניג רעגען; דא איז צופיעל שניי, דא איז צו ווייניג שניי, און געלד האבען זיי. איך בין שטענדיג צופרידען, עס פעהלט מיר ניט קיין רעגען, עס איז מיר ניט קיין שניי, און קיין געלד האב איך ניט...

עס איז געווען נאר אן אונטערשיד פון דעם „גביר'שען בית מדרש” צו אלע אנדערע שוהלען. מען האט דארט קיין „עליות” ניט פארקויפט, ווייל ווער קען דען איבערשטייגען מיט געלד, ווען אלע זיינען, אדער מען מיינט אז זיי זיינען, האלבע אדער גאנצע מיליאנערען? און ווען מען זאל מכבד זיין נאכ'ן כבוד נאך, וועלכער שמש אדער חזן וועט ריזיקירען אפצושאצען ווער עס איז מעהר און ווער ווייניגער נכבד ביי אזעלכע גבירים? דעריבער זיינען אלע גלייכגעשטעלט געווארען און מען האט געגעבען די „כבודים” נאכ'ן עלטער נאך... עס איז גרינגער געווען פאר די „כלי קודש” פון דעם „גביר'ישען בית מדרש” צו וויסען גענוי די יאהרען פון זייערע בעלי בתים, אלס צו ספעקולירען מיט זייער כבוד...

דאס האט אבער ניט געשטערט צו דער עקזיסטענץ פון גוטמוטיגקייט און טיילווייז אינערליכער גלייכהייט צווישען די רייכע און די ארימע. איינער פון די „בערעזינער גבירים”, וועלכער פלעגט קויפען ספרים פון צייט צו צייט, האט איינגעהאנדעלט ביי א מוכר ספרים א ספר, וועלכער איז געווען פאררעכענט פאר א יקר המציאות און האט באצאהלט פאר איהם אכט רובעל. דער קונה האט זיך דערוואוסט, אז דעם ספר האט מען איבערגעדרוקט און ער איז איצט ניט ווערטה מעהר ווי א רובעל מיט צוואנציג קאפיקעס. טרעפט ער דעם מוכר ספרים און פרעגט איהם פאר וואס האט ער ביי איהם גענומען אזוי טייער, ווען דער ספר איז היינט פיעל ביליגער. ענטפערט דער מוכר ספרים גאנץ גלייכגילטיג:

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

— געווים האָב איך אָן אייך געשמאַק פאַרדינט. אָבער דער ספר בעצם איז דאָך ווערט דאָס געלט. דאָס וואָס מען האָט איהם איבערגעדרוקט, איז דאָס פון די קבצנים'ס וועגען ניט פאַר די גבירים...

מיט אַלעם דעם, וואָס עס האָט זיך געפיהלט אַזאַ שטאַרקייט און מאַכט אין א י י ן גרופּע פון מענשען, האָט דאָס אָבער דורך דעם געמיינזאַמען טראַדיציאָנעלען לעבען ניט געפיהרט דערצו, אַז דער כח זאָל ווערען אויסגענוצט צום בייזען, אָדער אפילו, אַז דער סאָציאַלער אונטערשיעד זאָל פיהרען צו ניט האַרמאָניע אין קהל'שען אָדער אין כלל לעבען. יענע צייטען זיינען געווען די שטאַרקסטע חלומות־יאָהרען פון הערצל'ס עפּאָכע. עס איז דאָן געווען ווען הערצל האָט אונטערהאַנדעלט מיט'ן פּאַפּסט פון איין זייט, מיט קייזער ווילהעלם און דעם סולטאַן פון דער אַנדערער זייט און מאַנכע האָבען געגלויבט, אַז אָט־אָט איז דער „טשאַרטער" א פאַרטיגע זאַך. און אַז דער „טשאַרטער" וועט זיין, איז די אידישע אויסלייזונג אויף דעם שוועל — אין דעם האָט קיינער ניט געצווייפעלט. די ציוניסטישע „ממשלה" אויף דעם טייל רוסלאַנד, וואו בערעזין געפינט זיך, איז געווען ביי דעם „מורשה" דר. ב ר ו ק פון ה אַ מ ל י ע, וועלכער איז געווען ניט נאָר א שטאַרקער ציוניסט, נאָר אַן ענטוזיאַסט ביי דער נאַטור. ווען עס איז געווען אַ גוטע ידיעה פון ו ו י ע ן, וואו עס איז געווען דאָן די ציוניסטישע פיהרערשאַפט, און דערצו האָט מען, ווי געוועהנליך, געבעטען געלד, „שקלים" אָדער „אַקציעס" פון קאָלאָניאַל באַנק, האָט דר. ברוק איבערגעגעבען די ידיעות אין די פאַרשיעדענע שטעדט און שטעדטלאַך אין זעהר האָפנונגספולע ווערטער און האָט געשילדערט די פּאָליטישע לאַגע אין אַזעלכע ליכטיגע פאַרבען, אַז מען האָט געמיינט באמת, אַז די ימות המשיח זיינען שוין דאָ. איין מאָל איז אָנגעקומען א צירקולאַר, געשריבען מיט ר ו י ט ע טינט און עס איז געווען פערלאַנגט, אַז מען זאָל די ידיעות, וועלכע זיינען דאָרט געווען, פאַרטיילען צווישען די ציוניסטען אַזוי שנעל ווי מעגליך. דער טאָן פון צירקולאַר און די רויטע טינט דערצו האָבען געמאַכט דעם רושם ווי א קאָמאַנדיר רופט סאָלדאַטען צום קריג. דאָן נאַטירליך מוזען די אָפיציערען אויספילען זייער חוב בשלימות. און ווען עס ווערט אָנגעזאָגט, אַז די ידיעות זאָל מען פאַרטיילען אַזוי שנעל ווי מעגליך, מיינט דאָס, אַז מאָרגען פריה מוזען אַלע דערפון וויסען. זיינען די ציוניסטישע „אָפיציערען", ד. ה. די בעאַמטע פון דער ציוניסטישער אגודה, פון די גבירים אַזוי גוט ווי פון די ניט־גבירים, אונטער דער פיהרערשאַפט פון דעם פאַרזיצענדען, אַן אָרימען לעהרער,

דריי הונדערט פיר

צווישען גבירים

געזעסען א גאנצע נאכט און איבערגעשריבען דעם צירקולאר אין צעהנ־דליגער עקזעמפּליארען, כדי מען זאָל וויסען די ידיעות אזוי שנעל ווי מעגליך. עס האָט זיך פאַרוואָלט איינעם פון די דארטיגע ציוניסטישע פיהרער, אזא וועלכער איז געשטאַנען זעהר נאָהענט צו די „גבירים″, ברייגנען א באַריהמטען מטיף, ער זאָל רעדען וועגען ציוניזם. עס איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסע הוצאות נאָך דאַמאלסדיגע פאַרהעלטניסע. די סומע איז אָבער זאָפאָרט געשאַפען געוואָרען. ניט קוקענדיג וואס דער מטיף האָט געזאָגט עטליכע דרשות טאָג נאָך טאָג, איז דער בית מדרש וואו ער האָט גערעדט שטענדיג געווען פול באַזוכער. אויך אַלע „גבירים″ זיינען געקומען. איינער פון זיי, דער איינציגער, וועלכער איז ניט געווען פאַררע־כענט אלס ציוניסט, האָט נאָר געפרעגט דעם יעניגען עסקן, וועלכער איז געווען דער אויפטהוער פון ברייגנען דעם מטיף:

— גוט, דער מטיף רעדט שעהן און איך האָב הנאה איהם צו הערען, אָבער פון וואַנען נעהמט זיך צו אייך אזא טיפע אמונה, אז איהר וועט אויספיהרען? אפשר וועט איהר ניט אויספיהרען און עס וועט זיין, ווי איך גלויב, גארנישט מיט גארנישט פון אייער גאנצער ארבייט.

האָט ער באַלד געקראָגען א תשובה:

—מיר גלויבען, און איהר גלויבט. מיר גלויבען, אז מיר וועלען יאָ אויספיהרען. איהר גלויבט, אז מיר וועלען ניט אויספיהרען. אונ־זער גלויבען איז אָבער דער שטאַרקערע, ווייל איהר אליין ווילט אויך, אז אונזער גלויבען זאָל פערווירקליכט ווערען.

אזוי ווי עס איז ניט געווען קיין „אָנגעבלאָזענקייט″ פון די גבירים צו די אנדערע שטאָדטישע אידען, ווי מען זעהט דאָס ביי די יעניגע, וועלכע ווערען רייך פּלוצלונג און דאדורך שטאָלצירען זיי ניט נאָר מיט זייער געלט, נאָר זיי זיינען פיעל מעהר שטאָלץ אויף זייער איינגערעדטער חכמה און איינגעבילדעטער בריה׳שקייט; אזוי האָט מען געפיהלט אַ גע־וויסע „נידערטעניגקייט″ פאר א גרויסען מענשען, א גרויסען תלמיד חכם. און ניט נאָר א צוטיילונג פון כבוד, וואס עס קאָסט ניט פיעל, נאָר מען האָט זיך גערעכענט מיט דער תורה און מיט דער מיינונג פון א גדול בתורה אין ריין פּראַקטישע זאכען, ווען עס האָט זיך זאָגאר געהאנדעלט וועגען גרויסע געלד סומען. איינער פון די על־טערע און רייכסטע פון די גבירים איז געשטאָרבען פּלוצלונג און עס איז געבליבען א ירושה פון אייניגע הונדערט טויזענד רובעל. די פאַ־מיליע איז געווען ניט קיין איינהייטליכע, קינדער פון צוויי פרויען, אייניקלעך פון פארשטאָרבענע קינדער א. ד. גל. קיין פאָרמעלע צוואה

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

איז ניט געווען, נאָר א קליין צעטעלע האָט מען געפונען, אין וועל־כען עס זיינען געווען געוויסע אָנצייכנונגען, אָבער דערויף פאַרלאָזען זיך האָט מען ניט איינגאַנצען געקענט און די יורשים האָבען ניט געוואָלט. איז באַשלאָסען געוואָרען ביי אַלע אינטערעסאַנטען, אַז מען זאָל די גאַנצע זאַך איבערגעבען צו א באַריהמטען רב און ווי ער וועט זאָגען זאָלען אַלע איהם אויספאָלגען. מען האָט אויסגעקליבען רבי מאיר סלוצקער, וועלכער איז געווען מיט יאָהרען צוריק רב אין בערעזין. מען האָט גע־בראַכט רבי מאיר'ן אין בערעזין מיט זעהר גרויס כבוד, מען האָט איהם געשטעלט צו פערפיגונג א הויז, מיט דינערשאַפט, מיט אַן עקיפּאַזש און פערד און אַלערליי באַקוועמליכקייטען, וועלכע מען האָט געקענט דאַן און דאָרט האָבען. ער, רבי מאיר, פון זיין זייט, האָט באַוויזען ביי דעם פסק גרויס חכמה און פיעל טאַקט. און ארויסגעגעבען דעם פסק, ווי ער איז געווען געפעלען די יעניגע, וועלכע האָבען געוואוסט גענוי די יסודות, אויף וועלכע דער פסק איז געבויט, איז ער דאָך פאַר די אינטערעסאַנטען געווען ניט איינגאַנצען ווי זיי האָבען גע־וואָלט. ניט קוקענדיג, וואָס צווישען זיי, צווישען די יורשים, זיינען גע־ווען אַזעלכע, וועלכע זיינען ניט געווען דאָס, וואָס מען רופט: פרומע אידען, און זיי האָבען געקענט געפינען וועגען ווי צו קעמפען פאַר זייער רעכט, האָבען זיי דאָך אָנגענומען רבי מאיר'ס פסק. עס איז גע־וועזען אַן אַרט פון אַריסטאָקראַטיע ביי די גבירים, וועלכע זיינען ער־צויגען געוואָרען אין רייכטום און אין טראַדיציאָנעלען יודענטום, צו בייגען דעם קאָפּ פאַר גייסטיגע מענשען.

די פראַגע פון געלט און מאַכט קען בלייבען ניט געלייזט. אָבער אַז אין דעם אידישען לעבען איז חרוב געוואָרען א געוויסער ווערטה, וואָס גביר'ישע משפחות מיט פיינע טראַדיציע זיינען אין די לעצטע יאָהרען אונטערגעגאַנגען, אין דעם איז קיין ספק ניט.

מא.

דער גרויסער שווייגער

איינער פון די גדולי ישראל אין דעם פאריגען דור, וועלכער איז ניט געגוג אבגעשאצט געווארען אין זיין צייט און ניט גענוג באוואוסט אין דעם איצטיגען דור, איז רבי ר פ א ל ש פ י ר א, וועלכער האט זוכה געווען צו זיין, אלס דעם טאטענ'ס ז"ל איידעם, דער צווייטער ראש ישיבה אין וואלאזין, ווען זי איז געווען אין איהר גלאנץ און איז ווידער גע־שטאנען בראש פון דער ישיבה, נאכדעם ווי מען האט זי אפיציעל פון דער רעגירונג געשלאסען, און מען האט זי געעפענט ניט אפיציעל בנוגע דער רעגירונג, אבער אפיציעל גענוג אז זי איז ווידער געווארען, דורך דעם נאמען און די השפעה פון רבי רפאל'ן, וואס זי האט בעדארפט זיין, די גרויסע וואלאזינער ישיבה.

אין דער צווישען־צייט, פון רבי רפאל'ס ארויסגעהן פון וואלאזין מיט א יאהר פופציג צוריק, ווען זיין ארט אלס צווייטער ראש ישיבה האט פארנומען זיין איידעם, רבי חיים סאלאווייציק, ביז זיין קומען צוריק אין וואלאזין מיט צוואנציג יאהר שפעטער בערך, איז ער געווען א רב אין צווי שטעדט, צוערשט אין נ א וו א א ל ע ק ס א נ ד ר א וו ס ק און נאכהער אין ב א ב ר ו י ס ק. אין באברויסק זיינען אייגענטליך געווען, זייט יאהרען און יאהרען, צווי רבנים, א חסידישער און א מתנגדישער, און רבי רפאל איז נאטירליכערווייזע געווען דער מתנגדישער רב, אדער ווי חסידים רופען, דער „כולל'שער" רב. דער חסידישער טייל איז אין באברויסק שטארקער געווען אין מנין און אין בנין, ווי דער מתנגדישער. פון דעסטוועגען איז רבי רפאל געווען, אין א געוויסען זין, דער רב פון באברויסק, ווייל אלע קלאסען אידען האבען זעהר געהאלטען פון איהם און אנערקענט זיין גרויסקייט און זיין פרומקייט.

די גרויסקייט פון רבי רפאל אזוי גוט ווי זיין צדקות איז געווען ניט גרינג צו ערקענען, ווייל זעהר ווייניג מענשען האבען געזעהן פון איהם מעשים אדער געהערט פון איהם דברי תורה אדער דברי חול. אין דער גרויסער לומדישער וועלט האט מען געוואוסט פון זיין גאונות דורך זיין באטייליגונג אין דעם טאטענ'ס ז"ל „העמק שאלה" צום „שאלתות". אין דעם „העמק שאלה" זיינען דא זעהר פיעל „הערות", וועלכע „ערלויכטען די אויגען" מיט זייער בקיאות

און טיעפקייט. און דאן זייענדיג אין וואָלאָזין האָט מען געהערט זיינע „שעורים" וועלכע האָבען איהם געמאכט א גרויסען נאָמען אין דער וועלט. פון זיין תורה, סיי בכתב און סיי בעל פה, האָט מען גע־זעהן ווי גרוים די ידיעות זיינע זיינען אין בבלי און ירושלמי, אי־בערהויפט אין מפרשים, באזונדערס „ראשונים". די ידיעה זיינע איז גע־ווען איבערראַשענד מיט די פינקטליכקייט, ער האָט געוואוסט ניט נאָר וואָס עס שטעהט, נאָר ווי עס שטעהט. זיין בקיאות איז געווען ווי ער איז איצט אוועקגעגאנגען פון דעם אָרט וואס ער האָט ציטירט. אין דערזעלבער צייט איז ער אָבער ניט געווען דאָס וואס מען רופט, א „טרוקענער" בקי, וועלכער ווייסט אפילו געגוי אלץ וואָס עס שטעהט, אָבער ער אליין האָט, אזוי צו זאגען, דאמיט קיין אינערליגע שייכות ניט. די באצייכנונג „בקי" אין דער ישיבה'שער וועלט, האָט ניט געזאָגט זעהר פיל. אויף אנדערע בקיאים פלעגט מען זאָגט: „אלקים הבין דרכה והוא ידע את מקומה", אנדייטענדיג אז מעהר ווי דעם אָרט וואו דער מאמר אָדער די סוגיא געפינט זיך וויים ער ניט, דאָס אינערליכע פון דעם וואס עס שטעהט, איז איהם פרעמד. אמת'ע בקיאים זיינען געווען די, וועלכע האָבען געוואוסט און פארשטאַנען און דורכגעטראַכט דעם אינהאַלט פון דעם אַלעם וואס זיי האָבען געלערנט און געדענקט. דאַן נאַטירליך איז די כמות פון דעם וויסען גליך געווען דעם איכות, דען אויב אימיצער קען טיעף לערנען אין איין אָרט, וועט ער ממילא ניט בלייבען ביי אויבערפלעכליקייטען אין אן אנדער פּלאץ. ניט אומ־זיסט דערצעהלט מען, אז ווען איינער וועלכער איז געווען בעקאנט אלס א זעהר „וואסערדיגער" למדן, מען האָט געוואוסט אז דאָס וואס ער ווייסט איז אויך קיין רעכטען וויסען ניט, איז געקומען צו א באריהמ־טען גאון און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאר איהם אז ער וויים גאַנץ ש"ס, האָט דער גאון איהם געזאָגט:

— איך האָב א ראיה פון א מפורשה גמרא אז איהר קענט ניט לערנען.

פרעגט איהם דער „בקי" איבערראשענד:

— וואו איז די גמרא?

— יעדער בלאַט גמרא וואס איהר וועט עפענען...

און אזוי איז אין דער ווירקליכקייט. אָדער מען ווייסט ריכטיג אלץ וואס מען לערנט, אדער מען וויים ערגעץ ניט.

רבי רפאל האָט געהערט צו די גרויסע מענשען, ניט נאָר וועלכע וויסען אלץ וואס זיי לערנען, נאָר ער האָט אויך געשאַפען אן אויסגעהאַל־

טענע שיטה אין זיין בקיאות. אין זיינע חדושי תורה איז געווען דאָמי־נירענד דער וועג אין לערנען, וועלכען מען רופט „לשיטתיה", ד. ה., דורכפיהרען אן אנאלאָגיע צווישען פארשידענע הלכות און מיינונגען פון איין תנא אדער אמורא, און באווייזען אז די אלע הלכות און דעות האָבען אן אינערליכע אָנגעהעריגקייט איינע מיט'ן צווייטען, דאָס צוויי־טע מיט'ן דריטען, א. ז. וו.

אין וואָלאָזין איז אומגעגאנגען א וויץ: מען טרעפט רב חסדא'ן אויפ'ן וועג, פרעגט מען איהם: „וואוהין געהט איהר, רבי חסדא?" ענטפערט ער: „רבי רפאל האָט מיך געבראכט אהער, ער שלעפט מיך פאר א לשיטתיה"...

דען רבי רפאל איז געווען א מייסטער, מען קען זאָגען, א קינסט־לער אויף דעם געביט. און דער געביט איז ניט קיין לייכטער. ער איז זעהר פארפיהרעריש. וועלענדיג באווייזען אז געוויסע „מאמרים" האָבען א שייכות צווישען זיך, ווען אויסערליך זיינען זיי ווייט איי־נער פון די אנדערע, קען מען קומען צו אבסורדען, אדער ווי מען זאגט דאָס צווישען ישיבה־לייט: „צוזאמענפיהרען א וואנט מיט א וואנט". אויף דעם פעלד זיינען „געשטרויכעלט" געוואָרען באריהמטע גאונים און פאריגע דורות וועלכע האָבען מיט זייערע ספרים זיך ערוואָרבען אונ־שטערבליכקייט, און דאָס וואָס זיי האָבען געשריבען וועגען צוזאמענ־נעהמען געוויסע ענינים איז געבליבען ניט מעהר ווי א שעהנער שפיעל... פון דער אנדער זייט אָבער, ווען מען וויל שאַפען א באשטימטען אידעען־גאנג צווישען געוויסע דינים פון איין מענשען, קען מען מיט שטאר־קע לאָגיק און פיעל וויסען בויען פיעל קאָנסטרוקציעס. מיט א שארפען אנאליטישען בליק קען מען אמאָל באווייזען א באהאלטע־נעם פארבאנד צווישען אויסדרוקען און געדאנקען פון א געוויסע פערזאָן, אפילו ווען די פערזאָן וועלכע האָט געזאָגט האָט אליין ניט געפיהלט דעם אנהאנג צווישען דעם. אין דעם אונטערבאוואוסטזיין איז דאָ אמאָל מעהרער אויסגעהאלטענקייט ווי אין דעם קלאָרען באוואוסטזיין. און דאָס וואָס מען רופט אויסגעהאלטענקייט, קאָנסעקווענץ און געדאנקען, איז דאָס וואָס הייסט אין דער לומדישער טערמינאָלאָגיע: לשטתיה.

און דארויף, ווי געזאָגט, איז רבי רפאל געווען א ספעציאליסט. אוי־סער זיינע בקיאות וועלכע איז געווען זעהר קלאָהר און עקזאקט, און אוי־סער א שארפען קאָפ, האָט ער אויך געהאט א קריטישען בליק. דאָס האָט ער גע'ירשנ'ט פון זיין גרויסען פאָטער, רבי ליב'לע קאָוונער. רבי ליב'לע איז געווען א תלמיד מובהק פון רבי מנשה איליער,

פון וואלאזין ביז ירושלים

וועלכער איז באקאנט ניט נאר צווישען לומדים, נאר אויך באוואוסט אין דער העברעאישער ליטעראטור מיט זיינע קריטישע און טיף-לאגישע מיינונגען און באמערקונגען.

ווי שוין דערמאנט, זיינען געווען ווייניג מענשען וועלכע האבען געקענט רבי רפאל׳ן, אויסער די וועלכע האבען געהערט זיינע „שעורים" אין וואלאזין, אדער האבען געקענט זיינע „הערות" אין „העמק שאלה". דען זאנסט איז ער געווען א זעלטענער מענש מיט זיין שווייגען. מען האט פון איהם זעהר זעלטען געהערט אויסרעדענדיג א ווארט. זיינער א זוהן האט אויף איהם געזאגט:

— דער טאטע שווייגט, רוהט זיך אפ, און שווייגט ווייטער...

עס האבען געקענט זיצען מעהרערע מענשען, רעדען, דיסקוטירען, און ער, רבי רפאל, האט געהערט און . . . געשוויגען. ווען ער האט מאנכעס מאל רעאגירט אויף עטוואס, איז דאס אויך געווען מעהר מיט א וואונק אלס מיט א ווארט, און ווען שוין יא א ווארט, איז דאס געווען:

— הומם, הומם... און מען האט געדארפט פארשטעהן, וואס דאס מיינט.

מען האט געמיינט אז ער שווייגט צוליב גלייכגילטיגקייט אין דעם וואס עס געהט אן ארום איהם. אנדערע האבען דאס צוגעשריבען צו צדקות. ער האט מורא ארויסצורעדען אן איבריגען ווארט. דאס איז אבער ניט געווען דער פאל. ער האט אלץ געהערט, גוט צוגעהערט, ער האט א לעבהאפטעס אינטערעס גענומען אין אלץ וואס עס איז ארום איהם פארגעקומען. ער האט זיך אויך אינטערעסירט מיט וועלט פאסירונ-גען, נאר ער האט געשוויגען מיט אבזיכט. ער אליין האט דאס אם בעסטען כאראקטעריזירט זאגענדיג:

— מען מיינט איך קען ניט ריידען, דער אמת איז אז איך קען שווייגען...

דער שווייגען ביי רבי רפאל׳ן איז ניט געווען קיין נעגאטיווע ערשיינונג, ניט ריידען, עס איז געווען פיעל מעהר א פאזיטיווע זאך. ער האט געשוויגען...

אויך ניט אלע מאל האט ער געשוויגען. ווען ער איז געווען אויג אויף אויג מיט איינעם וועלכער איז געווען נאהענט צו איהם, האט ער באוויזען אז ער קען ניט נאר שווייגען, נאר אויך ריידען. זייענ-דיג א געוויסע צייט אין באברויסק אין זיין הויז, האט מען געהאט דאס פארגעניגען צו הערען רבי רפאל׳ן ריידענדיג. און דאס איז גע-

דריי הונדערט צעהן

דער גרויסער שווייגער

ווען א פארגעניגען ניט נאָר צוליעב דעם וואס עס האָט אויסגעקוקט ווי א וואונדער, דער מענש וועלכער שיינט צו זיין בטבע א ניט-ריידענדיגער, און עס געהען אוועק טעג און וואכען אז קיינער הערט פון איהם קיין ווארט ניט, ווערט פלוצלונג א פאָנטאַן פון רייד און זיצט שעה'ן לאַנג און רעדט אין לערנען, און רעדט מילי דעלמא גלייך מיט אלעמען און אמאָל נאָך מעהר פון אלעמען. עס איז געווען א פאַרגעניגען ניט נאָר צוליעב דעם, נאָר צוליעב דאָס רעדען אַן און פאַר זיך, און דאביי די אומגעבונג ווען „דער גרויסער שווייגער" האָט גערעדט און דער שטענדיגער נסתר איז אויף א ווייל'ע נתגלה געוואָרען.

דאָס פלעגט זיין נאָך האַלבע נאַכט, ווען אלעס אין הויז און אין שטאָדט איז שאַ, שטיל, אבסאָלוט רוהיג, נאָר ער, רבי רפאל, איז אויפגעשטאַנען פון זיין צייטוויילינגער שלאָף „דורכזיצען" די נאַכט און לערנען. דען צו אלע זיינע גרויסע כשרונות איז ער אויך געווען אַן אונגעוועהנליכער מתמיד, אין דעם געוועהנליכען ישיבה'שען זין פון דעם באַגריף, לערנען פיעל ביינאַכט. און לעבען איהם זיצט נאָך איינער — ניט מעהר ווי איינער, דען זאָנסט בלייבט ער ווידער ביים שווייגען... און דער איינער איז פיעל, פיעל אינגער, אבער גענוג נאָהענט אין פאַרוואַנדשאַפט און אין גייסט אז ער זאָל קענען פרעגען, וועלען וויסען און מאַכען ריידענדיג... גאַטירליך הויבען זיך אָן אלע אזעלכע „שמועסען" מיט תורה ענינים, א קשיה, א תירוץ, און מעניין לעניין פאַרציהט מען א געשפרעך לאַנג, לאַנג, וועגען פאַרשידענע זאַכען, פאַרשידענע מענשען, און מען הערט נייעס. די נייעס באַשטעהט דאַרין וואס מען זעהט א קוואַל פון געדאַנקען און מען הערט מיינונגען אונערוואַרטעט. ווען מען רעדט למשל וועגען איינעם פון די גאָר גרויסע מחברים, זאָגט רבי רפאל, אזוי ווי פאַרבייגעהענדיג: „הומם, הומם, וואו איז דאָ זיין תורה?" דער צוהערער בלייבט ערשטוינט און זאָגט: „וואָס הייסט וואו? עס זיינען דאָ דריי חלקים פון זיין באַריהמטען ספר". דאַרויף ענטפערט רבי רפאל מיט א לייכטען שפּאָס:

— יאָ, די ספרים זיינען זיינע, אבער די תורה — איך וועל דיר ווייזען פון וואַנען עס איז גענומען...

און ציטירט שטיק ביי שטיק, סימן ביי סימן, דאָס שטעהט דאָ, און דאָס איז גענומען פון דאָרט, א. ז. וו.

דער יונגער צוהערער הערט אויס מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די אונגעהויערע בקיאות וועלכע ווערט דאָ געוויזען אפילו אין „אחרונים" ווען אויך דער ווערטה פון דעם גרויסען מחבר און זיינע חשוב'ע ספרים

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ווערען דאדורך ניט ווייניגער, דער שמועס ציהט אָבער ווייטערדיגע באַמערקונגען וועגען ספרים און וועגען מחברים, וועגען רבנים און וועגען עסקנים און וועגען אמאָליגע אספות און נאָך און אינטערעסאַנטע ענינים. דאביי דערצעהלט רבי רפאל אן אינטערעסאנטע געשיכטע פון א דור און מעהר פריהער. די געשיכטע באציהט זיך אויף א גרויסע אספה אין וועלכער זיין פאָטער, רבי ליבלי קאָוונער, האָט זיך באטייליגט. עס איז געווען א צייט פון גזרות און מען האָט נויטיג געהאט פיעל געלד, איז באשלאָסען געוואָרען אז מען זאָל ארויפלייגען א חוב אויף יעדע פּאָר פּאָלק צו געבען א געוויסע סומע פאַר דעם צוועק, און ווער עס וועט ניט געבען זאָל זיין אין חרם. רבי ליבלי קאָוונער האָט געזאָגט, אז מחיב זיין צו געבען די נויטיגע סומע געלד דארף מען יע, אָבער אין חרם לייגען דעם וואָס גיט ניט, דארף מען ניט, און האָט מאָטיווירט מיט געוויסע טעמים. די מערהייט פון דער אספה האָט זיך ניט אָנגעשלאָסען אָן זיין מיינונג און איז באשטאַנען דארויף אז מען זאָל דורכאויס אויך דעם חרם באשליסען. דאן האָט רבי ליבלי אויפמערקזאם געמאכט די פאַרזאַמעלטע, אז עס איז „עשרת ימי תשובה" און עס איז דאָ א מנהג אז אין די טעג נוצט מען ניט קיין חרם. דאָס האָט געווירקט און די גזרה פון חרם איז בטל געוואָרען. ווען רבי ליבלי איז געקומען פון דער אספה — האָט רבי רפאל, זיין זוהן, ווייטער דערצעהלט— האָט ער געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געהאלטען אז מען דארף מחרים זיין, וואָלט איך דאָס געטאָן אפילו יום כפור צו נעילה, אָבער איך האָב נאָר געזוכט דעם חרם אָפּצושאַפען, און דעסוועגען האָב איך דעם טעם פון עשרת ימי תשובה גענוצט ווען די מעהר וויכטיגע טעמים האָבען ניט געווירקט...

און רבי רפאל האָט, דערצעהלענדיג ווייטער פארשידענעס אויסגעפיהרט:

— איז ניט בעסער אז מען שווייגט, אז מיט ריידען קען מען ניט איבערצייגען די וואָס פארשטעהען אנדערש?

דען דאָס שווייגען איז געווען ביי רבי רפאל'ן ניט נאָר א נאַטור, נאָר א שיטה. ער האָט געקוקט זעהר אָפט פון אויבען ארונטער און האָט געהאלטען אז עס איז בעסער ניט צו פארלירען קיין רייד.

אין איינעם פון די נאָך האלבע־נאַכטיגע שמועסען האָב איך איהם געפרעגט וואָס איז אייגענטליך די ארבייט פון א רב, אויסער נאַטירליך, וואָס ער דארף זיצען און לערנען. און האָב איהם דערצעהלט אז אויף דערזעלביגער שאלה האָט רבי חיים סאָלאָווייציק געענטפערט:

דריי הונדערט צוועלף

דער גרויסער שווייגער

— א רב דארף זעהן אז אלע שטאָדטישע עניגים, ווי צדקה אנ־שטאַלטען, קהל'שע זאכען, איבערהויפּט תּלמוד תורות, א. ד. גל., זאָ־לען זיין גוט געפיהרט, שאלות פּסק'ענען קענען די דיינים און מורי הוראה אויך.

דער ז י י ד ע, דער „ערוך השלחן", האָט געזאָגט זיין מיינונג:

— א רב דארף פּסק'ענען שאלות, זיצען אין דין תורות. דאפיר איז ער א רב, אז „כל דבר הקשה יביאו אליו", אפשר וועט ער בע־סער וויסען, ווי דער דיין. אָבער די שטאָדט זאכען — דאָס איז א זאך פאר „סבאָרשטשיקעס".

און דארויף איז געשטעלט געוואָרען דיזעלבע פראגע רבי רפאל'ן: „וואס דארף א רב טהאָן?" און ער האָט געענטפערט אויף זיין שטייגער:

— הומם, הומם, גאר נישט...

דאָס איז אויך געווען א טייל פון זיין שיטה, מען דארף קענען שווייגען, ניט ריידען, „טהאָן גאָר נישט"...

מב.

רבנישער אויטאָריטעט

ר ב י ר פ א ל ש א פ י ר אָ האָט קיין מאָל ניט געהערט צו די רייכע רבנים. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס באָבּרויסק, וואו ער איז געווען רב, איז געווען אין זיינע צייטען אַ געשעפטס-שטאָדט און דאָרטען זיינען געווען פיל רייכע אידען, פאַרהעלטניסמעסיג פיל מעהר ווי אין אַנדערע שטעדט, סיי מיט זייער צאָהל און סיי מיט זייערע קאַפּיטאַלען, האָט דאָך רבי רפאל מיט זיין פאַמיליע געפיהרט אַן אָרימען לעבען אפילו בערך צו אַנדערע רבנים וועלכע זיינען ניט געקומען צו זיין מדרגה. דאָס איז געווען טיילוויז דאַדורך, וואָס דאָרט אין שטאָדט איז געווען נאָך אַ רב, דער חסידישער, וועלכער איז געווען אַן „אייניקעל" פון דער ליבאַוויטשער „גזע" און אַליין אויך אַ האַלבער „רבי", און די גרעסטע טייל גבירים זיינען געווען „חסידים", איז פאַר דעם מתנגדישען רב ניט געבליבען פיל... טיילוויז איז דאָס אָבער געווען רבי רפאל'ס „שולד". דורך זיין שטענדיגען שוויגען און צוריקגעהאַלטענקייט, און ווי פיל מענשען האָבען געמיינט, גלייכגילטיגקייט צו וועלטליכע ענינים, האָבען די ברייטע מאַסען פון דער באָברויסקער אידישער באַפעלקערונג איהם כמעט ווי ניט געקענט. דער „המון", און אפילו פיל פון די חשוב'ע „בעלי בתים", האָבען געהערט און געוואוסט פון רבי רפאל'ס גאונות, פון זיין צדקות אָבער אַלס רב האָבען זיי איהם כמעט ווי ניט געוואוסט. מען איז דערפאַר געקומען צו איהם ווענינ מיט דין-תורות, מיט „אַפּמאַכונגען" א. ד. גל. און האַלטענדיג רבי רפאל'ן פאַר אַזא צדיק, אַז ער איז ניט „פון דער וועלט", האָט מען אויך ניט געקלערט אַז ער און זיין פאַמיליע האָבען נויטיג געלד... ער אַליין, רבי רפאל, האָט געווים ניט גערעדט דעריבער, ער איז באמת געווען אַ מסתפק במועט, און זיין משפחה איז אויך ניט געווען אַנדערש. זעלטען ווען מען טרעפט אַ פאָטער זאָל האָבען קינדער אַזוי גלייך צו איהם, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי רבי רפאל'ן — אַלע מתמידים, אַלע צוריקגעצויגענע, אַלע שוויינערס. זיצענדיג ביי רבי רפאל'ן אין הויז האָט מען ווירקליך געקענט מיינען, אַז ער האָט מיט דער שטאָדט גאָר קיין שייכות ניט. מען האָט ניט געפיהלט, ווי אין אַנדערע רבנישע הייזער, אַ צענטראַלען פונקט פון דעם אידישען שטאָדטישען און כלל-לעבען. ביי רבי



רבי רפאל שאַפּירָא

רבנישער אויטאָריטעט

רפאל׳ן האָט מען געפיהלט ווי אין אַ געצעלט פון אַ קדוש, אַ יושב־אוהל וואָס ער אַליין איז אי דער צענטער אי די סביבה... מיט אַלעם אַרום האָט דאָס גאָר ניט צו טאָן. אין דער ווירקליכקייט איז רבי רפאל יאָ געווען אינערליך פאַראינטערעסירט אין וועלטליכע פּראָבלעמען. ער האָט אויך געהאַט זיין מיינונג, און גראָד אין פּאָזיטיווען זינען, וועגען חבת ציון און ציוניזם. ווען איינער פון די באַריהמטע רעדנער פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, ווי ער האָט דאַן געהייסען „מטיף לאומי״ איז דורכגעפאָהרען באָברויסק און האָט דאָרט גערעדט, איז רבי רפאל געווען פון די ערשטע צו קומען הערען און האָט אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט די גאַנצע דרשה.

ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער, רבי רפאל, איז געווען אַ „נסתר״ און עס האָט געשיינט אַז די באָברויסקער אידען שטעהען אין אַ געוויסע ענטפערנונג פון איהם, איז געווען אַ פאַל וועלכער האָט באַוויזען, ווי גרויס עס איז דער כבוד, וועלכען רבי רפאל האָט אין זיין שטאָדט. דאָס איז געווען ביי אַ חתונה פון זיינע אַ טאָכטער. דער חתן איז געווען איינער פון די באַריהמטע וואָלאָזינער ישיבה־לייט, איצט איז ער פון די גרויסע רבנים אין ליטא, און האָט שוין קינדער רבנים — איינער פון זיי איז באַריהמט אַלס רב און עסקן אין אַמעריקע. די חתונה איז געווען פאָרבאַרייטעט ניט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע רבנישע חתונות. עס איז ניט געווען אין דער נאַטור פון רבי רפאל׳ן און פון זיינע בני בית צו מאַכען גרויסע הכנות און „פאַראַדען״, כדי צו פאַרשאַפען גלאַנץ און באַריהמטקייט. דאָס איינציגע מיט וואָס די חתונה האָט זיך געזאָלט אויסצייכענען איז געווען דאָס וואָס דער טאַטע ז״ל — דער כלה׳ס זיידע — איז געוועזען אַנוועזענד אַלס מחותן. דאָס האָט נאַטירליך געבראַכט דערצו, אַז צעהנדליגע רבנים פון דער גאַנצער סביבה זאָלען קומען צו פאָהרען און הונדערטע מענשען זאָלען באַלאַגערען די הויז און די גאַס וואו דער טאַטע ז״ל איז געזעסען און געגאַנגען. עס האָט זיך אָבער באַוויזען, אַז רבי רפאל אַליין איז אויך פיל מעהר פּאָפּולער ווי מען האָט געקענט מיינען. די שטילע פאַמיליען־שמחה האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פאָלקס־פרעהליכקייט, און ניט נאָר פון דעם המון, נאָר אויך פון דער „אַריסטאָקראַטיע״. אין באָברויסק זיינען געווען אין יענער צייט אידישע אַריסטאָקראַטען אין דעם פולשטענדיגען זינען פון דעם באַגריף, עס זיינען געווען גאַנצע משפחות — ווי די עטינגערס, קאַצענעלנסאָנס, עפּשטיינס א. ד. גל., וועלכע האָבען גע׳שם׳ט מיט זייער „גדולה״, ווער מיט יחוס,

ווער מיט תורה, ווער מיט חסידות, ווער מיט פקחות און צו אלעם דעם אויך מיט געלד. די יחסנ׳ישע משפחות האבען אויך פארשטאנען צו שאפען אויסערליך א געוויסען „דרך ארץ“ ארום זיך. זיי זיינען גע־גאנגען שעהן געקליידעט, געפאהרען אין אייגענע קארס, ווי מען האט דאס דארט גערופען א „ווייעזד“, מיט צוויי פערד געשפאנט און אמאל אויך מיט א לאקעי, אויסער דעם פוהרמאן, גערעדט בנמוס, גע־מאכט יעדענפאלס דעם איינדרוק פון העכער ווי געוועהנליך. בראש פון די אלע אין „הלכות אריסטאקראטיע“ איז געשטאנען דארט אין באב־רויסק ב ו ע ז ר א ב י נ א ו ו י ץ. דער מאן האט געקענט דינען אלס א טעמא פאר אידישע ענערגיע און אידישע אומוואנדלונג פון אונטען ארויף און פון אויבען ארונטער. בועז ראבינאוויץ האט ניט געהאט קיין יחוס הינטער זיך, ער איז אויך ניט געווען באדייטענד מיט עטוואס גייסטיגעס. איהם איז אבער געלונגען צו פארשאפען זיך א גרויסען קאפיטאל, אדער — ווער ווייס? — מאכען גלויבען אין זיין גרויסען רייכטום, און האט פארשטאנען אויסצונוצען זיין עקאנאמיש גוט אנגעשטעלטע לאגע, פאר א גרויסען און שעהנעם סאציאלען לעבען. ביי איהם אין הויז האט מען געלעבט אויסערגעוועהנליך רייך. דאן האט מען דאס באצייכענט מיט דעם נאמען „קייזערליך“. ווען ער איז ארויסגעפאהרען אין זיין קארעטע, האט מען ווילענדיג־ניט־ווילענדיג געמוזט זיך אפשטעלען קוקען. עס האט איהם אויך געדינט זיין פאר־נעמעם אויסזעהן: שעהן געוואקסען, אן איידעלע געזיכט און געקליי־דעט מיט גרויס עלעגאנץ, דערצו האט ער נאך געהאט אויף זיך עטליכע מעדאלען, וועלכע האבען געגלאנצט פון דערווייטענס.

בועז ראבינאוויץ האט פארשטאנען צו פארשאפען זיך גרויסקייט אויך מיט אנערקענונג פון דער רעגירונג און ניט נאר פון דער רוסישער נאר אויך פון פרעמדע מלוכות. ער איז געווען א פערסישער קאנסול. אויף זיין הויז, אדער גענויער געזאגט, אויף זיין פאלאץ, איז געשטאנען דער פערסישער גערב און אין א יומא דפגרא איז געהאנגען די רוסישע פאהן און אויך די פערסישע. וואצו האט פערסיען נויטיג געהאט א קאנסול גראד אין דער פראווינץ־שטאדט באברויסק? בלייבט א קשיא. אבער בועז ראבינאוויץ, צו זיין ראליע, האט דאס מסתמא נויטיג געהאט און האט דאס געקראגען. עס מוז אבער געזאגט ווערען, אז אויך אין אידישע אנגעלעגענהייטען האט פארשטאנען בועז ראבינאוויץ זיך אויס־צוצייכענען. ניט נאר וואס ער און זיין פרוי זיינען געווען זעהר פרום, נאר ער האט די פרומקייט געמאכט פאר א שטאלץ, און דאס איז געווען

רבנישער אויטאָריטעט

אין יענע אומשעטנדען אַ מין „קידוש השם". עס איז געווען אַ באַזונדער „מנין" אידען, וועלכע ראַבינאָוויץ האָט אויסגעהאַלטען, אום ער זאָל האָבען אין זיין שוהל, וועלכע איז געווען אַ טייל פון זיין הויז, אַ שטענדיגע מעגליכקייט צו דאַוונען בצבור. ער האָט אויך אויסגעהאַלטען אַ רב אויף זיין אייגענעם חשבון, און אין באָברויסק האָט מען געוואוסט ניט נאָר פון אַ „חסידישען רב" און „מתנגדישען רב", נאָר אויך פון „ראַבינאָוויצעס רב". די פרוי ראַבינאָוויץ, ווען זי איז געפאָהרען, האָט זי מיטגענומען מיט זיך צוועלף לייכטער אום ערב שבת ליכטצו־צינדען, ווי זי איז געוואוינט צו־הויז. צו אַלעם דעם האָט בועז ראַבינאָוויץ געגעבען צדקה אויף אַלע אידישע זאַכען. אַזוי איז געוואָרען דער נאָמען בועז ראַבינאָוויץ באַקאַנט אַלס דער אמת'ער אידישער אַריסטאָקראַט. זיינע קינדער, וועלכע זיינען געווען מאָדערן ערצויגען, זיינען אויך געגאַנגען אַ געוויסע צייט אין זיינע וועגען און יעדערער פון זיי איז געווען אַ פאַרקערפערונג פון אידישער אַדעליגקייט.

דאָן ווען עס איז געווען די חתונה פון רבי רפאל'ס טאָכטער, איז כמעט ווי אונערוואַרטעט, געוואָרען אַ צוזאַמענקונפט פון אַלע באָברויסקער גבירים, „אַריסטאָקראַטען". עס זיינען געקומען צום הויז וואו די חופה איז געווען, קאַרעטען נאָך קאַרעטען. עס זיינען אָנוועזענד געווען אַלט און יונג, מענער און פרויען פון די רייכסטע לייט אין שטאָדט, און עס האָט געמאַכט אַ גאַנץ אונגעוועהנליכען איינדרוק, ווען לעבען די רבנים מיט די שטריימלאך, מיט די זיידענע קליידער, זיינען געווען צעהנדליגע מענשען מיט אָפיציעלע אויסגעשניטענע פראַקען, מיט ווייסע האַנדשוה, און לעבען די רבי'צינס מיט זייערע שבת'דיגע מלבושים, אין פאַריקען, און אַנדערע מיט אַלטמאָדישע באַפּוצונגען, זיינען געזעסען יונגע פרויען אין דעם לעצטען פאַסאָן געקליידעט. די כלה איז געזעסען ווי אין אַ בלומען־גאָרטען פון די פילע און טייערע בלומען וועלכע די יונגע לייט און יונגע פרויען האָבען איהר געבראַכט. עס איז געווען דאָס אינטערעסאַנטסטע, אַז גראָד ביי רבי רפאל'ן, דעם צוריקגעצויגענעם פון צוריקגעצויגענע, איז אַ פאַמיליען־שמחה ווי ביי איינעם פון די מאָדערנע צווישען די מאָדערנסטע... דאָס אַלעס האָט נאַטירליך ניט געשטערט אַז דער חתן זאָל זאָגען תורה, וועלכע ניט נאָר די גבירים נאָר אויך געוועהנליכע לומדים האָבען ניט באַלד פאַרשטאַנען צוליב די טיפקייט און שאַרפקייט. די חתונה האָט געלאָזען אַ טיפען רושם פאַר אַ צייט שפּעטער, עס איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד" אין פולען זינען.

עס האָט אָבער אויך באַוויזען, אַז דעם אמת'ן גרויסען מענשען,

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מעג ער זיין ווי ווייט פון דער וועלט, פארשטעהט מען דאָך, פריהער אָדער שפּעטער, איהם אָפּצושאַצען און צוטיילען דעם כבוד וועלכער קומט איהם. אפילו די מענשען וועלכע זיינען דאָך אייגענטליך גאָר קיין מבינים ניט, קומט צו צו זיי אונבאוואוסטערהייט דער ריכטיגער געדאַנק צו וויסען ווער איז ווער...

די חתונה, ביי וועלכע, ווי דערמאָנט, דער טאַטע ז״ל האָט טייל גענומען, איז אויך געבליבען אין זכרון צוליב נאָך א פאַל, וועלכער באַווייזט וואָס עס מיינט און עס דאַרף מיינען „אמונת חכמים״, אפילו צווישען די חכמים אליין... עס איז געוועזען אין באָברויסק א פרוי אַן עגונה, וועלכע האָט געזוכט צו קריגען א היתר, זי זאָל חתונה האָבען. די „שאלה״ איז געווען זעהר א שווערע און די אומגליקליכע פרוי האָט דעם היתר ניט געקענט באַקומען. געוועהנליך האָט געדאַרפט צום אַלעם ערשטען באַשעפטיגען זיך דערמיט רבי רפאל, אַלס אָרטיגער רב. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס רבי רפאל איז ניט געווען פון די מחמירים, האָט ער דאָך ניט געפונען פאַר מעגליך דעם היתר צו געבען. מיטפיה־לענדיג אָבער מיט דער שווערער לאַגע פון דער אומגליקליכער עגונה, האָט רבי רפאל געגעבען אַן עצה דער פרוי, זי זאָל וואַרטען ביז דער טאַטע ז״ל וועט קומען צו דער חתונה, פיליכט וועט ער מתיר מאַכען. אזוי ווי די שאלה איז געווען פון דעם הלכה שטאַנדפּונקט א פּאַרוויקעלטע, האָבען די רבנים און די לומדים אין באָברויסק און די אומגעבונג זיך אינטערעסירט וואָס דער טאַטע ז״ל וועט זאָגען און ווי וועט ער פסק׳ענען. די אַלע האָבען אָבער געהאַט אַן ענטוישונג, דען דער טאַטע ז״ל האָט זיך געפיהלט ניט שטאַרק גענוג פיזיש און האָט ניט איינגעוויליגט איבער־צונעמען די אַנגעלעגענהייט. ער האָט גע׳עצה׳ט דער פרוי, זי זאָל זיך ווענדען אין קאָוונא צו ר ב י י צ ח ק א ל ח נ ן, וועלכער איז דאַן געווען דער אַנערקענטער פוסק. דאַמיט האָט זיך בשעת מעשה די זאַך גע־ענדיגט. מיט יאָהרען שפּעטער, אין איינעם פון די שמועסען מיט רבי רפאל׳ן, ווי געוועהנליך, נאָך האַלבע נאַכט, ווען אַלעם אַרום האָט גע־שוויגען און רבי רפאל האָט גערעדט... האָט ער, רבי רפאל, קריטיקירט געוויסע מענשען און ענינים, הינגעוויזען צווישען אַנדערעס אויף א תשובה אין „עין יצחק״ פון רבי יצחק אלחנן׳ען וועגען אַן עגונה. אין דער תשובה איז רבי יצחק אלחנן מתיר אַן עגונה אויף א יסוד פון א רש״י אין יבמות. רבי רפאל, רעדענדיג וועגען דעם, האָט באַוויזען אַז דער היתר אויף דעם גרונד פון דער רש״י איז ניט אויסגעהאַלטען און האָט באַמערקט דערביי, אַז טעותים איז א נאָרמאַלע ערשיינונג. „אַט

זעהסטו — האָט ער געזאָגט — אַזאַ „משיב" ווי רבי יצחק אלחנן קען אויך מאַכען אַ טעות".

אַזוי ווי דערמאָנענדיג זיך עטוואָס וויכטיגעס האָט ער צוגעגעבען:

— דאָס איז אייגענטליך די זעלבע שאלה וועלכע דער טאַטע ז"ל האָט אָפּגעשיקט דאַן, ביי דער חתונה, צו רבי יצחק אלחן'ען, און דאָס איז דער פּסק.

דאָס האָט מיך שוין אינטערעסירט פון אַ גאַנץ אַנדער שטאַנד־פּונקט. הייסט דאָס, אַז ניט נאָר עס האַנדעלט זיך וועגען אַ טעות אָדער ניט קיין טעות, נאָר דאַ איז אַן ענין, וועלכער איז נוגע איהם, רבי רפאל'ן, אַלס הלכה למעשה. ווייל די שאלה איז דאָך געקומען פון זיין שטאָדט. האָב איך דאַרום געפרעגט רבי רפאל'ן:

— אויב דאָס איז טאַקע די זעלבע שאלה, און איהר געפינט אַז רבי יצחק אלחנן'ס פּסק איז ניט אויסגעהאַלטען, ווי איז אייער פּראַקטישע שטעלונג דערצו?

דאַרויף איז געקומען די אונערוואַרטעטע און אויטאָריטאַטיווע אַנטוואָרט:

— איך האָב אַליין דעם היתר רבי יצחק אלחנן'ס אונטערגעשריבען און מתיר געווען די עגונה לשוק. דען אויב רבי יצחק אלחנן'ס ראיה, אַלס אַ יסוד צום היתר, איז מיר ניט געפעלען, בין איך זיכער אַז דער היתר איז אַ ריכטיגער. „חזקה על חבר", און מען קען זיך פאַרלאָזען אויף רבי יצחק אלחנן'ען אַז עס וועט פון איהם קיין מכשול ניט ארויסגעהן. איז פון דער רש"י ניט קיין ראיה, איז מסתמא דאַ אַ ראיה פון אַן אַנדער אָרט. אַז רבי יצחק אלחנן איז מתיר — איז מותר!

דער געשפּרעך האָט באַוויזען וואָס עס מיינט אַזוי צו זאָגען „פרייע קריטיק" פון איין זייט און „אמונת חכמים" פון דער אַנדער זייט — איינס טאָר ניט שטערען דעם אַנדערען.

עס האָט זיך דאַן דערמאָנט, אַז אויך ביי ר ב י ח י י ם ס אָ־ לאָ וו י י צ י ק האָט פּאַסירט דאָס זעלבע. דאָס איז געווען ווען רבי חיים סאָלאָווייציק האָט זיך משתמט געווען פון פּסק'ענען שאלות און דאַן איז געווען אַ באַזונדער דיין אין בריסק, ר ב י פּ י י וו ע ל, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט עניני גיטין, האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אַנדער דיין פון בריסק האָט קריטיקירט רבי פּייוועלען פאַר אַ געוויסען גט. די זאַך איז געקומען צו רבי חיים'ן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַליין פּסק'ענען. האָט ער דעריבער געבעטען ביידע דיינים, רבי פּייוועלען און דעם אַנדערען, זיי זאָלען איהם, רבי חיים'ן, געבען זייערע מיינונגען

שריפטליך, און די ביידע שריפטען האָט רבי חיים איבערגעשיקט צו רבי יצחק אלחנ'ען און האָט איהם געבעטען, אז ער זאָל געבען זיין מיינונג ט ע ל ע ג ר א פ י ש, אָדער דורך אַ קורצען בריף, ניט אָנגעבענדיג קיין טעם פאַרוואָס ער פסק'ענט אזוי און ניט אַנדערש. אין דעם בריף האָט רבי חיים געשריבען, אז ער וויל איהם, רבי יצחק אלחנ'ען, ניט מטריח זיין, און דעריבער בעט ער איהם נאָר דעם פסק און ניט די מאָטיוועז. די נאָהענטע צו רבי חיים'ן האָבען אָבער געוואוסט נאָך אַ טעם: ווען עס וועט אָנקומען פון רבי יצחק אלחנ'ען אַ תשובה מיט טעמים, מיט תורה, קען זיין אַז רבי חיים'ן קען עפּעס וואָס ניט געפעלען און ער וועט האָבען פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע צו פאַרלאָזען זיך דאַרויף. ווען אָבער עס וועט קומען דער פסק אַליין, איז רבי יצחק אלחנן גענוג אויטאָריטעט אויך ביי רבי חיים'ן אַז מען קען זיך אויף איהם פאַרלאָזען.

עס איז ניט קיין וואונדער, אַז אין יענע יאָהרען איז געווען גרויס דער אויטאָריטעט און דער כבוד פון רבנות און רבנים, ווען ביי די רבנים אַליין איז געווען אזוי פיל צוטרוי. „כי את מכבדי אכבד" איז אַ פסיכאָלאָגישער כלל...

מג.

„וואו דער גיהנום ברענט“

אויך אין די אַמאָליגע יאָהרען, מיט דרייסיג, פערציג יאָהר צוריק, ווען דאָס אידישע לעבען אין רוסלאַנד איז געווען זעהר קאָנסערוואַטיוו, איז געווען צו אונטערשידען פון די שטעדט און שטעדטלאך וועלכע זיינען *אין* לאַנד, דאָס הייסט ווייט פון באַהן און ווייט פון וואַסער, און די פּלעצער וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער גרויסער וועלט. עס איז ניט געווען צוליב דעם, וואָס אין די ערטער וועלכע זיינען געלעגען „אָן דער זייט“ איז מען געוועזען וועניגער „אויפגעקלערט“ און אין די שטעדט וועלכע האָבען געהאַט אַ באַהן־פּאַרקער, אָדער אַ שיף־פאַרבינדונג איז מען געווען מעהר „פּראָגרעסיוו“. דער פאַל איז געווען רעכט אָפט פאַרקערט. גראָד אין די שטעדט, גרעסערע און קלענערע, וועלכע זיינען געווען דערווייטערט פון דער גרויסער וועלט, און אום צו קומען אין באַריהרונג מיט אַ גרויסע שטאָדט — אָדער ווי עס האָט געהייסען אין פיל ערטער: „קומען אין מקום“ — האָט מען געדאַרפט שלעפּען זיך מיט פערד און וועגען זומער אין די בלאָטעס, און מיט פערד און שליטען ווינטער אין שנעע, גראָד דאָרט איז געווען דאָס לעבען שטילער און רוהיגער, די געשעפטען קלענער און וועניגער און דעריבער האָט מען זיך מעהר אָפּגעגעבען די עלטערע לייט מיט לערנען און די אינגערע מיט השכלה. אין די ערטער וואו די באַהן איז געגאַנגען אָדער שיפען האָבען פאַרקערט, איז מען געווען מעהר פאַריאָגט, די געשעפטען זיינען פאַרהעלטניסמעסיג צו יענע אומשטענדען, געווען געטריבען גרויס און פאַרוויקעלט, און דעריבער האָט מען פון איין זייט וועניגער געלערנט און פון דער אַנדער זייט זיך וועניגער באַשעפטיגט מיט אַזוי גערופענע „אויפקלערונג“. פון דעסטוועגען איז דאָ געווען אַן אונטערשייד צווישען אַ שטאָדט ווייט פון באַהן און אַ שטאָדט, וואו דער באַהן איז געווען. דאָס האָט ניט געהאַט צו טאָן אַזוי פיל מיט דעם *געדאַנקען* פון די מענשען ווי מיט די *געוואוינהייטען*. עס איז אַן אַלטער כלל: קיין זאַך איז ניט אַזוי מסוגל צו העלפען דעם יצר הרע ווי די עבירה אַליין. ניט נאָר דער יצר הרע שאַפט די עבירה נאָר די עבירה ברענגט אָפט דעם יצר הרע... דער „היתר“ פון „עבר ושנה“ איז זעהר שטאַרק.

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דער זיידע מיינער, דער „ערוך השלחן", האָט דערציילט, אַז אין די ערשטע יאָהרען ווען עס איז געוואָרען די באַהן, ווען מ'פלעגט זעהן דעם צוג געהענדיג האָט מען געזאָגט: „אָט קומט דער אפיקורס". מען האָט געפיהלט אינסטינקטיוו, אַז דורכדעם וואָס מען וועט פאָהרען הין און צוריק, מען וועט ניט זיין אַזוי צוגעבונדען צו דעם אָרט וואו מען זיצט, וועלען פיל מענשען זיך אָנהויבען „מקיל" זיין אין איינס און אין דעם אַנדערען, און די „קולא" וועט ווערען אַ געוואוינהייט... דאָס פעסטע רעליגיעזע אידענטום האָט זיך געבראָכען אין רוסלאַנד ניט דורך „פאַלשע אידעען" ווי דער פאַל איז געווען אין דייטשלאַנד און אַנדערע וועסט אייראָפּעאישע לענדער, נאָר דורך נייע געוואוינהייטען, און ניט נאָר דער באַהן־פאַרקער האָט געהאָלפען דערצו, נאָר אויך די סאָלדאַטען־דינסט. עס איז געווען, בערך אין דער זעלבער צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו נעמען סאָלדאַטען אויפ'ן געוויינליכען וועג, ניט כאַפּען קליינע קינדער, און מען האָט אויסגעלייגט באַהן־ליניען אין דעם טייל פון רוסלאַנד וואו אידען האָבען געלעבט — אונגעפעהר פינף און פופציג יאָהר צוריק. די ביידע זאַכען, דער באַהן־פאַרקער און די סאָלדאַטען־דינסט, האָבען געבראַכט דאַצו, אַז מען האָט פאַרלאָזען די היימען אויפ'ן נאָרמאַלען וועג, מען איז דאַדורך אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון דעם היימישען לעבען, פון עלטערנס הויז, פון איינגעבאָרענע און ערצויגענע געוואוינהייטען, און דאָס האָט געווירקט אויף די אומגעשטאַלטונג פון דעם לעבען אפילו ווען מען איז שפּעטער צוריקגעקומען צו דער אייגע־נער סביבה. אין מאַנכע פּלעצער האָט דער באַהן־פאַרקער געווירקט ניט נאָר אינדירעקט, נאָר אויך דירעקט. ווען דער צוג איז דורכגעגאַנגען שבת, האָבען זיך מאַנכע „אכסניות" ניט איינגעהאַלטען פון צו עפענען די טירען פאַר דורכרייזענדע אין דעם טאָג און דאַדורך איז דער „משרת" געוואָרען אַ מחלל שבת בפועל און דער בעל הבית פון דער אכסניא איז געווען כלומר'שט פּאַסיוו, אָבער דער חלול שבת אין זיין הויז און ארום אין גאַס, אָדער אין געסעל, איז דאַדורך ניט קלענער געוואָרען. עס זיינען אויך געווען מאַנכע סוחרים, נאַטירליך ניט פון די „געהויבענע", וועלכע זיינען „צוגעגאַנגען צום סטאַנציע" הערען פון די דורכפאָהרער „ווי שטעהט דאָס מיט'ן מקח פון תבואה", אָדער סתם צו ערפאַהרען „נייעס פון דער וועלט" און ניט מיינענדיג אפשר קיין בייז, זיינען זיי ביסלאַכווייז צוגעוואוינט געוואָרען צו זעהן ווי מאַנכע אידען זיינען מחלל שבת, און פון די געוואוינהייט צו זעהן ביז געוואוינהייט צו טאָן איז ניט קיין גרויסער מהלך... און דאָס זעלבע וואָס דער באַהן־פאַרקער

„וואו דער גיהנום ברענט"

און דער סאלדאטען־דינסט איז געווען בנוגע שבת, איז דאס טיילווייז אויך געווען בנוגע כשרות. עס איז געווען „תחלתו באונס וסופו ברצון"... מאנכע „חשוב'ע" מענשען, איבערהויפט „וואיאזשארען" — סיילסמען — האבען געפיהרט „דאפעלטע בוכהאלטעריע", אין דער היים אנדערש און אונטערוועגנס אנדערש...

וויפיל דער באהן האט געבראכט צו חלול שבת האבען די שיפען דאס געטאן נאך מעהר. דען וואס דער באהן האט געטאן באסור האבען די שיפען געטאן בהיתר. אין די שטעדט און שטעדטלאך וואו שיפען זיינען געגאנגען איז טיילווייז דער שבת ניט געווען געהייליגט. עס איז אפשר ניט געווען אזוי פיעל „חלול שבת" על פי דין, עס איז אבער געווען ח ל ו ל שבת דורכדעם, וואס דער שבת איז געווארען ח ו ל י ן, ו ו א־כ ע ד י ג. אין אזעלכע שטעדט ווי בערעזין אדער באברויסק, וואו שיפען זיינען אנגעקומען אדער אוועקגעגאנגען פרייטאג צו נאכטס, אדער שבת בייטאג, איז געווען א מאדנער געפיהל: מען דאווענט שבת'דיג, מען עסט שבת'דיג, און אינמיטען דאווענען, אדער אינמיטען עסען הערט מען דער „פאראחאד" קומט אדער געהט אוועק, און אין דער רעכטער שבת'דיגער שטימונג ווערט מען וואכעדיג. מען קלערט וועגען דעם וואס איינער פון דער משפחה דארף קומען, אדער א באקאנטער געהט אוועק־פאהרען. — דער ניט זעצען זיך אויפ'ן שיף אדער ניט ארונטערגעהן אום שבת, איז געווען באטראכט פאר א „חומרא יתרה"... — אדער, אין בעסטען פאל, קלערט מען וועגען „סחורה" וועלכע דארף אנקומען אדער אוועקגעשיקט ווערען. געוויס איז דאס אלץ געטאן געווארען דורך א גוי, אבער אויב דער חלול שבת איז ניט געווען מיט די הענט, איז ער געווען זעהר שטארק אין מוח...

עס איז דארום קיין וואונדער ניט וואס אויב קליינע שטעדטלאך בערך זיינען טיילווייז ניט געווען אין רעליגיעזען זין דאס, וואס זיי וואלטען געווען אונטער אנדערע אומשטענדען, ווען זיי וואלטען ניט געהאט קיין גרויסען פאריקער, איז דאס געווען פיל שטארקער קענטיג אין א גרויסע שטאדט ווי א ד ע ס. די שטאדט אדעס, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע און באדייטענדסטע פארט־שטאדט אין רוסלאנד, איז געווען באקאנט אלס זעהר א פרייע שטאדט. מען פלעגט זאגען: „זיבען מייל ארום אדעס ברענט דער גיהנום". אין פילע קרייזען האט מען דאס, וואס אין אדעס איז מען ניט פרום, צוגעשריבען דער השפעה פון געוויסע פערזאנען. עס האט געהייסען, אז דער אדער יענער שריפטשטעלער, אדער עסקן האט „גע'פטר'ט אדעס". עס איז

ניט אויסגעשלאָסען, אַז וועלכע עס איז השפעה פון אַן אינדיווידועלען מענשען אָדער פון אַ גרופּע מענשען האָט געווירקט אין אַ געוויסען זין, אָבער דאָס איז ניט די הויפּט סבה געוועזן פון דער אדעסער „פריי־הייט". אין ו ו א ר ש ע און אין ו ו י ל נ ע זיינען געוועזן ניט ווייניגער, און אפשר מעהר, „משכילים", און מאנכע פון זיי מיט גרויסע נעמען, און זייער השפּעה איז ניט געוועזן אזוי קענטיג. עס איז אויך צו באמערקען, אַז גראַד אין אדעס האָט מען אמוויינינגסטענס געוואוסט, אין די ברייטע אידישע מאַסען, פון די דאָרטיגע „משכילים". די אידען אין אדעס זיינען געוועזן צופּיל פאַריאָגט אין זייערע געשעפטען און טיילוויז אויך אין „עולם הזה", און זיינען איבערהויפּט געשטאַנען פיל מעהר אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער טעגליכער צייטונג ווי פון דעם בעסטען ארטיקעל אָדער רעדע פון אַ אידישען „משכיל". אדעס איז געוועזן פריי רעליגיעז, ווייל זי איז געוועזן אַן „אָפענע" שטאָדט, פיל באַהנען און פיל שיפען, אַ קאָלאָסאַלער פאַרקער ניט נאָר אין לאַנד, נאָר אויך מיט אויסלאַנד, און דאָס אַלץ האָט געמוזט ווירקען, אַז דער שבת איז וואָכעדיג געוואָרען, און ווען שבת איז ניט שבת'דיג זיינען אויך די אַנדערע זעקס טעג ניט אידיש...

וואָס די סבה איז געוועזן, אַ געוויסער איינפלוס אָדער דאָס לעבען פון אַ גרויסער שטאָדט מיט אַן אונגעהויערען פאַרקער, אָדער וואָס עס איז אפשר דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין אָדעס ווי אין אַנדערע שטעדט און לענדער, דאָס וואָס עס איז געוועזן אַ צוזאַמענגעלאָפענע באפעל־קערונג אָהן אַן אייגענע טראַדיציאָן, אָדער ווייל אדעס איז געוועזן פון די נייעסטע און איינגסטע שטעדט אין רוסלאַנד — די טאַטזאַכע איז, אַז ווען מען איז געקומען פון ליטא אָדער פון פּוילען נאָך אדעס האָט מען דערזעהן דעם גיהנום ברענענדיג... דער חלול שבת איז געוועזן זעהר שטאַרק קענטיג דורכדעם וואָס עס איז געוועזן ניט קיין „פּריצות גדר", נאָר כמעט אַ נאָרמאַלע ערשיינונג. די שוהלען זיינען געוועזן אין אדעס שטאַרק באזוכט יעדען פרייטאָג צו נאַכט און שבת אין דער פריה. עס זיינען דאָרט דאַן געוועזן די באַריהמטע חזנים ווי מ י נ ק אָ װ ס ק י, ר אַ ז ו מ נ י א. ד. גל., און זיי האָבען „געצויגען" אַ גרויסען עולם; ניט נאָר די שוהלען, נאָר אויך די שוהל־הויפען און די גאַסען לעבען די שוהלען זיינען געוועזן אָפט איבערפילט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז נאָהענט צו די שוהלען זאָלען זיין אָפען אידישע געשעפטען און אויך די שוהל־געהער זאָלען קויפען צייטונגען — לאָקאַלע רוסישע — און מען זאָל פּיהלען אין דער גאַנצער אומגעבונג, אַז עס איז ניט דער

„וואו דער גיהנום ברענט"

שבת ווי עס דאַרף זיין. עס זיינען זאַגאר געווען פאַלען, ווי מען פלעגט דערצעהלען, אז מאַנכע קרעמער זיינען געזעסען אין זייערע געשעפטען שבת ביים טאָג און צווישען איין קונד און דעם צווייטען האָבען זיי אַריינגעכאַפּט „אַפּזאָגען א פּאָר משניות פון דעם געהעריגן „פּרק", אָדער אין די ווינטער שבתים האָבען זיי אונטערגעהייצט דעם אויוען אום אָנצואוואַרימען זיך אין דער קאַלטער קראָם, און דאַצו האָבען זיי געזאָגט „ברכי נפשי"...

דער חלול שבת איז דאָרט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געזאָגט א וויץ: פרייטאָג צו נאַכטס זאָגט מען אין „שמונה עשרה" „וינוחו ב ה", ווייל דער מאַן בלייבט אין געשעפט און די ווייב צינדט ליכט און די מנוחה ביי א י ה ר. שבת אין דער פריה זאָגט מען „וינוחו ב ו", ווייל די ווייב געהט אין געשעפט און דער מאַן געהט אין שוהל און איז ביי א י ה ם די מנוחה. שבת צו מנחה, ווען דער געשעפט ווערט געשלאָסען און ב י י ד ע געהען אהיים זאָגט מען „וינוחו ב ם"...

און דאָס איז דאָס ערגסטע ווען א צרה ווערט נאָרמאַל, ווען אַן איבעלער צושטאַנד ווערט, אַזוי צו זאָגען, לעגאַליזירט. ווען דער קראַנקער פיהלט ניט זיין קראַנקהייט און דאָס פאָלק פיהלט ניט זיין גייסטיגע ליידען איז דאָס דער שלעכטסטער צושטאַנד.

אינטערעסאַנט איז אָבער געווען וואָס גראַד דאָרט אין אדעס, וואו דער חלול שבת איז געווען אַזוי בולט, איז אין יענער צייט געווען א מחלוקת צווישען רבנים וועגען דעם „ערוב", אויב מען מעג טראָגען אָדער ניט. עס האָט געמאַכט א טראַגי־קאָמישען איינדרוק ווען צוויי רבנים, איינער אַן אַלט־געזעסענער ר ב י ד ו ד ש ל מ ה ס ל ו ש ץ, און איינער וועלכער איז ניט לאַנג געקומען, האָבען געדרוקט חבורים איינער געגען דעם צווייטען. דער ערשטער האָט גע'אסר'ט טראָגען אום שבת אין אדעס און דער צווייטער האָט מתיר געווען. דער וועלכער האָט מתיר געווען האָט געוואָלט באַווייזען „הלכה למעשה", און ארויסגעהענדיג שבת פון שוהל, האָט ער געטראָגען דעם סדור אָדער דעם חומש דעמאָנ־סטראַטיוו מיט ביידע הענט, אַז אַלע זאָלען זעהן. און די אדעסער אידען האָבען זיך אַזוי ווייניג אינטערעסירט מיט'ן אסור אַזוי ווי זיי האָבען ניט געדאַרפט דעם היתר...

בכלל איז געווען א מחלוקת פון רבנים אָדער גענויער געזאָגט, א מחלוקת פ א ר רבנים, אין אדעס א כראָנישע קראַנקהייט. יעדע פּאָר יאָהר איז צוגעקומען א נייער רב, די עלטערע רבנים און זייערע אָנ־העננער האָבען איהם גע'רודפ'ט און גענוצט אַממייסטענס דעם וואָפען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

צו באהויפּטען, אַז דער ניי־אָנגעקומענער רב איז ניט פרום גענוג, דען געוויינטליך איז יעדער רב, וועלכער איז געקומען אין אדעס געווען מעהר אדער ווייניגער „אָנגעשטעקט" מיט „השכלה" און מ'האָט געקענט זוכען חסרונות און כלומר'שט געפינען. ווען עטליכע יאָהר זיינען פאַרבייגעגאַנגען, איז דער נייער רב, אָדער ווי עס האָט געהייסען: „מורה הוראה", גע־וואָרען פון די אַלטע, און ווען אַ נייערער רב איז געקומען, האָט דער „אַלטער" ווידער גע'טענה'ט, אַז דער נייער איז ניט פרום...

אויף איינעם פון די נייע רבנים האָט רבי חיים סאַלאָווייציק גע־שריבען אַ שטאַרקען בריף, אַז מען טאָר איהם ניט אָנערקענען, אויף זיינע „שאלות" זאָל מען זיך ניט פאַרלאָזען א. ד. גל. דער רב, אָדער „מורה הוראה", האָט גראַד געקראָגען די פולע אָנערקענונג מיט אַ כתב, מיט שבירות א. ז. וו. האָט איינער געזאָגט:

— אדעס האָט געזוכט אַ ניט־פרומען רב. זי האָט זיך ניט געקענט צוקלייבען. זי איז „נכשל" געוואָרען מיט „עהרליכע אידען". איצט, ווען עס איז דאָ אַ „הסכמה" פון רבי חיים סאַלאָווייציק אויף דעם באַטרעפענדען רב, אַז ער איז ניט פרום, קען מען זיך דאַרויף פאַרלאָזען און אויפנעמען איהם ווי עס באַדאַרף צו זיין...

ניט נאָר אַ מחלוקת פון רבנים איז דאַן געווען אין אדעס, וואָס עס איז שליסליך געווען אַ לאָקאַלע פראַגע, נאָר אין יענער צייט איז דאָרט אויך געווען אַ שטאַרקער קאַמף וועגען אַ „קאַזיאָנעם רב". ביז דאַן איז געווען דאָרט דער „ראַבינער" באַשטימט פון דער רעגירונג. אין יענע יאָהרען האָט מען אָבער דורכגעפיהרט, אַז מען זאָל קענען וועהלען אַ קאַזיאָנעם רב. די באַדייטענדסטע קאַזיאָנע רבנים פון רוסלאַנד, אריינרעכענענדיג מזא"ה פון מאָסקוואַ, טעמקין פון יעליסאַוועטגראַד און אַנדערע פּאָפּולערע ראַבינערס, זיינען געווען דאָרט קאַנדידאַטען. מען האָט באַטראַכט דאַן די אדעסער שטעלע פאַר איינע פון די גרעסטע אין רוסלאַנד. עס איז געווען ניט נאָר אַ גרויסע און אַ רייכע קהלה, נאָר דער נאָמען אדעס האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. אדעס איז געווען דער שוועל פון ארץ ישראל. פון רוס־לאַנד, פוילען אריינגערעכענט, איז אדעס געווען דער איינציגער אָרט פון וואַנען מען איז אָפּגעפאָהרען אויפ'ן וועג צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל נאָך ארץ ישראל. אויך דער „קאָמיטעט" וועלכער איז דאַן געווען דער אויס־שליסליכער לאָקאַלער אינסטרומענט פאַר „ישוב ארץ ישראל" איז געווען אין אדעס, און דאָרט זיינען אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען פון צייט צו צייט גרויסע אספּות, וועלכע האָבען מיט דער צאָהל פון די מיטגלידער

„וואו דער גיהנום ברענט"

און די פּייערליכקייט געמאַכט דעם איינדרוק כמעט ווי איצט אַ ציוניסטישער קאָנגרעס. עס האָט אויך צוגעגעבען אַ געוויסע וויכטיגקייט צום אידישען לעבען אין אדעס, די ענטוויקלונג דאָרט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, פון דער אַנוועזענהייט פון באַריהמטע שריפטשטעלער ווי „מענדעלע מוכר ספרים", לילייענבלום, „אחד העם" א. ד. גל. אויך די אַלגעמיינע רוסישע פּרעסע דאָרט איז געשטאַנען זעהר נאָהענט צו דעם איינפלוס און מיטאַרבייטערשאַפט פון אידען. דאָס אַלץ האָט געמאַכט די קאַנדידאַטור פון אדעסער „קאַזיאָנע רבנות" באַזונדערס וויכטיג. פון דעם גאַנצען פייער, וועלכער איז געוועזען ארום די פראַגע, איז אָבער מעהר ווי רויך ניט ארויסגעקומען. דורך פאַרשידענע אומשטענדען איז די „ראַבינערייע" געבליבען ביי לאָקאַלע מענשען, און אין פאַרלויף פון איינינע יאָהר האָט די גאַנצע אַנגעלעגענהייט געבראַכט צו ניט ווייניג חלול השם...

איינער פון די לאָקאַלע מענשען, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטעלפּונקט פון דעם קאַמף איז געווען אַ געוויסער דאָקטאָר אַווינאַוויצקי. ער האָט געהערט צו די ערשטע ציוניסטען אין הערצל'ס צייט. ער איז געווען אַן אונרוהיגער כאַראַקטער און דערצו האָט ער געהאַט אַ שאַרפען צונג... ביידע זאַכען ווען זיי קומען צוזאַמען, קענען זיי חרוב מאַכען אי דעם מענשען, אי זיינע אידעען... ער איז אין זיין ציוניזמוס געווען אונצופרידען און האָט געזוכט מאַנכעס מאָל צו ברעכען ניט וויסענדיג ווי צו בויען. ער האָט זיך אויך אַנגעשלאָסען אין אַ געוויסער צייט אַן דעם „מזרחי". ער איז דאָרט לאַנג ניט געבליבן, ווייל אויך צום מזרחי איז געווען זיין שטעלונג ניט פּאָזיטיוו, נאָר שטעהענדיג נעגאַטיוו צו דער קולטור־פראַגע אין ציוניזמוס, האָט ער געוואָלט דורך דעם מזרחי פיהרען זיין מלחמה. נאַטירליך, האָט דאָס ניט געקענט געדולדעט ווערען און ער האָט פאַרשטאַנען אז דאָ איז ניט זיין אָרט. ער, אווינאַוויצקי, האָט מאַנכעס מאָל מיט גוטע כוונות, שלעכט געהאַנדעלט און מאַנכעס מאָל איז ער דורך שלעכטע האַנדלונגען אריינגעצויגען געוואָרען, ווי די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אין שלעכטע כונות...

ווען מען האָט איהם, אווינאַוויצקי'ן, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז ניט אידיש און אויך ניט מענשליך צו רופען אידען „בנים סוררים ומוררים" ווי ער איז געוואוינט געווען צו טאָן, האָט ער דאַרויף געגעבען אַ תשובה ניט פון חרטה, נאָר פון אַן „ערקלערונג":

— ווי דען זאָל איך רעדען צו די אידען ווען איך פאַרלאַנג פון זיי

דריי הונדערט זיבען און צוואַנציג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אז זיי זאָלען קויפען „אַקציעס" פון קאָלאָניאַל באַנק און זיי קויפען ניט? זיינען זיי ניט „בנים סוררים ומוררים"?

עס איז באמת שווער צו דיסקוטירען מיט איינעם וואָס פאַרשטעהט ניט דעם „אלף בית" פון גוטען געשמאַק. דאָס איז אַזאַ ענין וועלכען מען קען ניט באַווייזען. אָדער מען פאַרשטעהט, אָדער ניט, און אויב ניט איז מען אליין אַ קאַליקע און מען פאַרדאַרבט אַנדערע...

אין יענער צייט איז דער ציוניזם אין אָדעס געווען זעהר פּאָפּולער אין אַלע טיילען פון דער געזעלשאַפט. אַ געוויסע שוהל „יבנה" איז געווען וואו דאָרט האָט מען יעדען שבת געהאַלטען ציוניסטישע דרשות. דאָרט האָבען גערעדט די בעסטע לאָקאַלע רעדנער און באַריהמטע דורכ־פאָהרער. עס איז געווען אַנגענעם און אינטערעסאַנט דאָרט צו רעדען, זעהענדיג פאַר זיך אַ גרויסען עולם, די שוהל פאָלשטענדיג איבערפילט, און וויסענדיג אַז צווישען די צוהערער זיינען דאָ די אָנגעזעהענסטע און חשוב'סטע „חובבי ציון". ניט אַלע פון די דאָרט אַנוועזענדע זיינען ווי עס שיינט קלאָר געווען מיט רבנישען יחוס. נאָך מיין רעדען דאָרט אין שוהל — די ערשטע „אָפיציעלע" דרשה פון אַ בימה, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטיקעל איינדרוק, זאָגט איינער צום צווייטען:

— וואָס איז דער וואונדער? ער איז דאָך דעם מ ל ב י ם ' ס אַן אייניקעל!...

עס איז געווען אַנגענעם אַ געוויסע צייט צו זיין אין אָדעס, אין דער געזעלשאַפט פון געוויסע פּערזאָנען, צו הערען אַלטע זכרונות און איינ־דריקען. איינער פון די עלטערע „חובבי ציון", פ ר א נ ק פ ע ל ד, האָט דערצעהלט צווישען אַנדערעס ווי ער איז געווען גראַדע אין ארץ ישראל, ווען ר ב י מ ר ד כ י ג י מ פ ע ל י פ ה איז דורכגע־פאָהרען צום ערשטען מאָל „ראשון לציון", אויף דעם פּלאַץ וועלכען מען האָט דאַן גערעדט אַז די דאָרטיגע קאָלאָניסטען, די ביל"ו, זיינען ניט פרום. ווען רבי מרדכי גימפעל איז דורכגעפאָהרען דעם אָרט האָט ער געהייסען דעם „בעל עגלה" זיך אָפּשטעלען אויף אַ ווייל און האָט גע־זאָגט ווי צו זיך אליין:

— אַ „חצופה" אַן אלמנה. ברוך אתה — — מציב גבול אלמנה!!

דער דערמאָנטער רב, רבי דוד שלמה סלושץ, זעהר אַ קלוגער איד, אויסער זיין חשיבות אַלס אַ רב, האָט איבערגעגעבען פון זיינע יונגע יאָהרען אַ וויץ פון אַ רב וועלכען מען האָט חושד געווען אַז ער איז צופיל מקורב צו די „גבירים" אין זיין שטעדטעל. דער רב זאָל האָבען דערצעהלט:

„וואו דער גיהנום ברענט"

— איך האָב ניט געוואָלט ווערען קיין רב, איך האָב מיר באטראכט, וואצו זאָל איך זיין א רב און דארפען חנפ׳ענען די נגידים אין שטעדטעל? ויהי היום זיץ איך אין מרחץ, זעה איך ווי איינער קומט אריין און דער בעדער שטעלט זיך אוועק פאר איהם. עטוואָס שפעטער זעה איך ווי דער בעדער שטעלט זיך אויף און זאָגט איינעם א ברייטען גוט־מאָרגען. פרעג איך ווער זיינען דאָס די מענשען וואָס דער בעדער טיילט זיי צו אזוי פיל כבוד? ענטפערט מען מיר: דאָס זיינען די שטאָדטישע גבירים. זיי צאָהלען אפילו ניט מעהר באָד־געלד ווי אנדערע, אָבער דער בעדער חנפ׳עט זיי. אויב אזוי, האָב איך מיר געטראכט — האָט דער יונגער רב צוגעגעבען — אויב א בעדער חנפה׳ט אויך גבירים, קען איך דאָך שוין בעסער זיין א רב...

מד.

נייע פּראָבּלעמען

דאָס וואָס עס איז געזעהן געוואָרען און געהערט געוואָרען אין אדעס האָט נאַטירליך וועה געטאָן. עס טהוט איבּערהויפּט לייד ווען מען זעהט ווי דער צווייטער פאַרשוועכט היילגקייטען און דאָפּעלט איז דער וועה־טאָג ווען דאָס געשעהט ניט אין אַ מלחמה־גייסט, וואו יענער וויל עטוואָס אויספיהרען און באַזיגען, נאָר דאָס וואָס עס איז הייליג און מען איז בּערייט דאַרויף מוסר נפש זיין, קומען אַנדערע און צוטרעטען אפילו ניט פיהלענדיג וואס זיי טהוען. דער פאַרדרוס איז נאָך פיעלפאַכער ווען מען קען זיך ניט אבשליסען פון די אַנדערע, נאָר מען באַגעגענט זיך מיט זיי, און מען האָט געמיינזאַמעס מיט זיי. און נאָך מעהר, מען וויל ניט אין הארצען אז זיי, די ברעכער פון דער וועלט און די צושטערער פון דעם גייסט, זאָלען אונטערגעהן, נאָר מען האָפט און מען שטרעבט אז זיי, די שאַרפסטע אידען געגנער, זאָלען צוריקקומען און ווערען נעהנטער. די יסורים זיינען דאָן דאָפּעלט: ניט מען קען גלייכגילטיג צוקוקען, ניט מען קען האַסען... אַזוי וואויל איז צו די, וועלכע מיינען אַז זיי האָבען רעכט זיך אָבּגרענעצען אין גאַנצען פון אַנדערע וועלכע זיינען ניט ווי זיי און זיי זיינען אימשטאַנד צו פאַרטרייבען די געגנער פון זייער הארצען און פון זייער געדאַנקען. אַזוי וואויל צו זיי קערפּערליך, זיי האָבען ניט קיין אינערליכע מלחמה, אָבער עס איז ניט צו מקנא זיין זייער נשמה, די נשמות זייערע זיינען צו'הרג'עטע. זיי האָבען מעהר קיין קאַמף, עס איז אַ בית הקברות ביי זיי אין הארצען.

יעדענפאַלס, די יסורים וועלכע מען איז אויסגעשטאַנען אין אדעס, איז געווען, אַזוי צו זאָגען, פון פּריוואַטען כאַראַקטער, אַ צופעליגער דורכרייזענדער וועלכער האָט מיט קיינעם אָפיציעל ניט צו טהאָן און איז קיינעם ניט שולדיג, קיינער איז איהם ניט שולדיג. גאַנץ אַנדערש איז געווען דער געפיהל קומענדיג אין יעליסאַוועטגראַד, וואו עס איז דאַן געווען רב מיין עלטסטער ברודער רבי חיים ברלין. זייענדיג אַ געוויסע צייט אין מיין ברודער'ס הויז און, ווילענדיג ניט ווי־לענדיג, איז אויסגעקומען מיטצומאַכען רבנישע פּראָבּלעמען פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט ווי מען איז געווען געוואוינט אין וואָלאָזין, בריסק, נאָוואַרידאָק, באַבּרויסק, א. ד. גל. דאָס האָט מען איי־גענטליך געדאַרפט ערוואַרטען, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז יעליסאַוועט־

נייע פראָבלעמען

גראדער רבנות איז ניט גלייך צו אלע אנדערע, אָבער דאָך ווען מען האָט זיך באַגעגנט אויג אויף אויג איז געוואָרען ניט גוט אויפ׳ן הארצען. אזוי איז שוין די וועלט, די גרעסטע פארשטעלונגס־קראַפט קען זיך ניט פאַרגלייכען מיט דער טרוקענער ווירקליכקייט. און ניט נאָר א יונגער מענש פון זיבעצעהן־אכטצעהן יאָהר, וועלכער האָט ביז דאַן געזעהן ווייניג די וועלט, און דעריבער זיינען ביי איהם אזעלכע אנגעלעגענהייטען פון רבנישען כאַראַקטער ווי זיי זיינען געווען דאָרט אין יעליסאַוועטגראַד, געווען ניי, נאָר אויך דער ברודער, רבי חיים ברלין, וועלכער האָט געהאַט הינטער זיך א רייכע קאַריערע פון רבנות־פיהרערשאַפט און ניט פון געוועהנליכע אידישע שטעדט, נאָר אויך פון מאָסקווא, זייענדיג דאָרט רב איינינגע צעהנדליג יאָהר, איז ביי איהם געווען פיעלע זאַכען אונגעוועהנליך.

רבי חיים ברלין, ניט קוקענדיג אויף ברודערשאַפט, און נאָך מעהר, אויף שטאַרקע ברידערליכע ליעבע, איז מיר אויסגעקומען נעהנטער צו באַקענען זיך מיט איהם אין די לעצטע צעהן־צוועלף יאָהר פון זיין לעבען: דער אונטערשיעד פון אונזערע יאָהרען, בערך פופציג יאָהר, און דער צושטאַנד וואָס ער איז געקומען אין וואָלאָזין צו באַזוך אויף קורצע צייטען, האָט געפיהרט דאַצו אַז די באַקאַנטשאַפט איז געווען מעהר א קאָנווענציאָנעלע ווי א אינטימע. עס האָט אויך געבראַכט דאַצו וואָס אין זיין אויסזעהן און אין זיין האַלטונג האָט ער געשיינט צו זיין נאָך עלטער ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט. זיין אויסערגעוועהנליך שעהנע ווייסע באָרד, און דאַצו די זעהר רייכע קליידונג, וועלכע ער האָט שטענדיג באַנוצט, האָבען איהם צוגעגעבען יאהרען און האָבען געמאַכט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט געווען א זיבעציגער, ווען ער איז באמת געווען פיעל אינגער. דאַצו איז ער שטענדיג געווען באַלאַדען מיט צרות, וועלכע קיינער האָט ניט געוואוסט און ניט געפיהלט, אויסער די גאָר אייגענע מענשען פון דער משפחה, און דאָס אַלץ האָט געבראַכט דאַצו אַז עס האָט געפעהלט די נאָהענטע באַקאַנטשאַפט ביז יאָהרען שפּעטער. פון די אינגערע יאָהרען איז נאָר געבליבען דער איינדרוק פון זיסקייט, ליעבליכקייט, ניט ווי פון א ברודער צו א ברודער, נאָר ווי פון אַן עלטערען גרייז־גרויען מענשען צו א קליין קינד. דאָס איינציגע וואָס דערמאָנט ברודערשאַפט איז געווען זיין ווערטעל וועלכע ער פלעגט אָפט זאָגען מיט אַן אויסערגעוועהנליך זיסען שמייכעל: „זאָג מאיר׳ן בשם אחיו אַז ער איז א יקטן״.

דער וואָרט־שפּיעל איז געווען איינע פון פיעלע, דען ווי עס איז לייכט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געווען צו דערקענען שפּעטער, ווען די פאַרהעלטניסע זיינען געוואָרען געהנטער, איבערהויפּט נאָכדעם ווי דער טאַטע ז״ל איז נפטר געוואָרען, זיינען געווען וועניג רבנים וועלכע האָבן געקענט אזוי גוט תורה שבכתב און געקענט אויסנוצען אלערליי וואָרט־שפּיעלען ווי עס איז באַזעסען דער ברודער, ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן. ער איז געווען א פענאָמען אין זיין אָרט. ער איז געווען ניט נאָר זעהר גרויס אלס רב נאָר ער איז געווען א „מושלם", ווי עס איז שווער געווען צו געפינען זיין גלייכען. ער איז באַזעסען א שטאַרקען זכרון און א גרויסע התמדה. ער האָט ביידעם אויסגענוצט ניט נור ווי אנדערע גאונים אין זיין צייט, פּאָר גפ״ת אין אלע צווייגען, נאָר ער האָט אלץ געלערנט, אלץ געלעזען און אלץ געדענקט. זיין תנ״ך ווייסען איז געווען מוסטערהאַפט, קיין פּסוק, קיין וואָרט איז איהם ניט שווער געווען צו ווייסען זאָפאָרט וואו עס איז. ער האָט אויך געוואוסט „תרגומים" א פאָלשטענדיגע ידיעה. יעדער „תרגום" מיט זיינע אייגענטימליכקייטען, מיט זיינע שפּראַכליכע אָבנייגונגען זיינען איהם געווען באוואוסט. ער האָט געקענט אלער האַנד מדרשים, אלערליי תפלות, סליחות, זמירות, פּיוטים, א. ד. גל. א גרינדליכע ידיעה, ווען ער פלעגט זאָגען א „דבר חידוש", א פּשט, אָדער א תקון אין וועלכען עס איז פּיוט אָדער סליחה, געבויט אויף א מאמר חז״ל, אמאָל אויף אן אונבאַקאַנטען מדרש, איז געווען צו באוואונדערען די פּינקטליכקייט און די ריכטיגקייט. ער האָט אויך געלייענט אלעם וואָס עס איז געווען אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור און האָט געוואוסט גוט די קאַראַאימישע דינים און מנהגים, געקענט זייערע ספרים און חבורים. ער האָט אויף דעם געביעט כמעט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין זיין דור. דאצו האָט ער אליין באהערשט דעם העברעאישען, דעם אידישען און דעם אראַמעאישען וואָרט וואונדערבאַר. זיינע רעדעס און דרשות זיינען געווען מייסטערווערק, סיי אין דער פאָרמע און סיי אין אינהאַלט. זיין רעדען העברעאיש און אויך אראַמעאיש — תרגום לשון — איז געווען אזוי שעהן און אזוי פליסענד, ווי ער האָט גערעדט אידיש. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט זיין שרייבען. יעדער בריעף און יעדע „הסכמה" וועלכע איז ארויס פון זיין פעדער — זעהר אָפט אין ריינעם ת ר ג ו ם — האָט פאַרשאַפט א גייסטיגען פאַרגעניגען צו לעזען איינמאָל און נאָך אמאָל און ווידער אמאָל. דאָס אלץ זיינען געווען ביי איהם „פּרפּראות", דען איבער אלעם איז ער גרויס געווען מיט זיין ווייסען ש״ס מיט אלעם וואָס געהערט דאצו און אלץ וואָס ער האָט געוואוסט איז געווען קלאָר און עקזאַקט.

דריי הונדערט צוויי און דרייסיג

נייע פּראָבלעמען

ווען ער האָט עטוואס ציטירט איז דאָס געווען אזוי ווי ער לייענט דאָס פון ספר ארויס. דיזעלבע קלאָרע ידיעות האָט ער אויך געהאט אין „ראשונים" און „אחרונים", און ניט נאָר אין די „באקאנטע" ספרים, נאָר אויך אין די „פארוואָרפענע". ער האָט געוואוסט הונדערטע און הונדערטע „תשובות" פון ספרדים, אדער סתם פון מחברים וועלכע זיי־נען ניט פּאָפּולער. צו אלע גרויסע אייגנשאַפטען איז ער באזעסען א שטארק ענטוויקעלטען חוש פאר ביבליאָגראפיע, און ער האָט זיך איינ־געשאפט זעהר א גרויסע ביבליאָטעק, איינע פון די גרעסטע פּריוואַט־ביב־ליאָטעקען פון יענער צייט, און די אלע טויזענדע און טויזענדע ספרים, גרויסע און קליינע, אלטע און נייע, אפילו אזעלכע וועלכע אנדערע וואל־טען געהאלטען פאר „טרפה פסול", האָט ער אלע געוואוסט און גוט גע־וואוסט. ער אליין איז געווען א לעבעדיגע ביבליאָטעק.

ניט קוקענדיג אויף די גרויסע אונגעוועהנליכע אייגענשאַפטען וועלכע ער איז באזעסען, א רייצענדע פּערזענליכקייט אויסערליך, א גוטען כאַ־ראַקטער אינערליך, א גאון אין תורה, א גדול אויף אלע אנדערע אידישע געביטען, און ניט קוקענדיג וואס נאָך יונגערהייד האָט ער געקראָגען אזא שעהנע און רייכע רבנות ווי מ אָ ס ק ו ו א, און אויך נאָך זיין ארויסגעהן פון מאָסקווא, האָט ער געלעבט זעהר רייך, האָט ער דאָך דורכגעמאכט א שווערען גייסטיגען לעבען, קעמפענדיג מיט פארשידענע אומשטענדען, וועלכע ער האָט ניט געקענט באוועלטיגען אין זיין נאָהענטע אומגעבונג. באַקאַנטע האָבען געזאָגט אויף איהם, אז ער האָט געלעבט אין עושר און אין כבוד און אין . . . יסורים.

א טייל פון דעם „עושר און כבוד און . . . יסורים" איז געווען אין זיינע לעצטע יאהרען, בעפאָר ער איז אוועק אין ארץ ישראל, די רבנות אין י ע ל י ס א ו ו ע ט ג ר א ד. נאָכדעם ווי די ישיבה אין וואָלאָזין האָט זיך געשלאָסען, און דער טאַטע ז"ל איז נפטר גע־ווארען איז דער ברודער, ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן, געווען רב אין ק אָ ב ר י ן. קאָברין איז דאן געווען א חשוב'ע אידישע קהלה. זי האָט אָבער ניט געקענט צופרידענשטעלען איהם, אדער גענויער געזאָגט, זיין פאמיליע, וועלכע איז דאן געווען מיט איהם, און אזוי שנעל ווי עס איז באקאנט געווארען, אז ער איז ווילינ' אָנצונעהמען אן אנדער רבנות, האָבען זיך געמאָלדען דריי גרויסע שטעדט: ס י ע ד ל י ץ, פּ אָ־ נ י ע ו ו ע ז ש, און י ע ל י ס א ו ו ע ט ג ר א ד. יעדע שטאָדט האָט געהאלטען פאר א זכיה און א כבוד צו האָבען ביי זיך אזא רב. ס י ע ד ל י ץ האָט זיך באמיהט און האָט געקראָגען אן ערלויבניש

איהם אויפצונעהמען פאר א רב זאָגאר ווען ער האָט ניט געהאַט דעם נויטיגען עקזאמען, וועלכען יעדער רב אין פוילען האָט געמוזט האָבען. פאניעוועזש האָט געהאַט געדונגען א גרויסע פראכטפאָלע וואָהנונג פאר דעם נייעם רב. און נאָך אלעם דעם האָט אויסגעפיהרט יעליסאוועטגראד, און ער האָט באשלאָסען צו געהן אהין. דארין איז געוועזן מעהר גייסטיגער דראַנג ווי עטוואס אנדערש. אייניגע חשוב'ע בעלי בתים פון יעליסאוועטגראד האָבען ניט אויפגעהערט צו פאָהרען און צו שרייבען צו איהם, אז נאָר ער איז בכח אָפצוראַטעווען דאָרט, ביי זיי אין שטאָדט און אין דער גאנצער אומגעגענד, די אידישקייט וועלכע שטעהט אין אונטערגאנג. זיי, די בעלי בתים, האָבען דאָס געווים ערנסט געמיינט, און ער האָט זיך ניט געקענט פון אזא אָנבאָט צוריקציהען. אין דער רבנישער וועלט און אויך אין אונזער פאמיליע איז מען ניט געוועזן באגייסטערט פאר דעם באשלוס, אז צו דער עלטער זאָל מען געהן אין אזא אָרט וואו אידישקייט איז אזוי אָבגעלאָזען. ער איז אָבער באשטאַנען אויף דאָס זייניגע און האָט געזעהן א נצחון פאר זיין האנדלונג וואס ער האָט אויסגעפיהרט אז יעליסאוועטגראד זאָל נעהמען א דיין און א ראש השוחטים וועמען ער וועט רעקאָמענדירען, און ווען ער וועט קומען אהין זאָל ער שוין געפינען זיינע מיטהעלפער צו מאכען די שטאָדט אידישער. דער ארויספאָהר פון קאָברין אין יעליסאוועטגראד איז געוועזן מיט גרויס פאָמפ, און אין דעם ערשטען אָנהאלטס־פונקט אויפ'ן וועג, אין בריסק, איז געוועזן א מין קבלת פנים און א צאתך לשלום אין הויז פון רבי חיים סאָלאָווייציק. עס זיינען צוזאמענגעקומען די נכבדים פון שטאָדט און מען האָט פארבראכט אייניגע שעה אין דברי תורה און אין שיחת חולין. רבי חיים סאָלאָווייציק האָט זיך פארהאלטען נאטירליך מיט כבוד און מיט טאַקט ווי עס געהערט צו אן עלטערען רב און דאצו דער ווייב'ס א פעטער. נאָכדעם ווי די פייערליכע אויפנאהמע איז געוועזן צו ענדע, האָט זיך געהערט פון אימיצען א שטילע קריטיק מיט איראָניע: וואס איז דאָס פאר א רבנות אין יעליסאוועטגראד? ניטאָ קיין שבת, ניטאָ קיין כשרות, א. ד. גל. דארויף האָט איינער פון די אינגסטע אנוועזענדע געענטפערט:

— געווים, אויב רבנות מיינט עולם הזה, דאן איז נאַטירליך ניט צו פארגלייכען יעליסאוועטגראדער רבנות מיט בריסקער. אין בריסק האָט דער רב פארגעניגען געפינענדיג זיך אין א אידישע סביבה, פיעל תלמידי חכמים, מען קען רעדען און לערנען, מען האָט פאר זיך מענשען מיט וועלכע

נייע פּראָבלעמען

מען קען גוט אויסקומען. דאָס אַלץ איז אין יעליסאַוועטגראַד ניטאָ. אויב אָבער רבנות מיינט ניט עולם הזה, נאָר עולם הבא, איז דאָס וואָס אַ רב אין יעליסאַוועטגראַד קען פאַרדינען צומאַכענדיג א י י ן געשעפט אום שבת, כשר׳נדיג א י י ן פליש־יאַטקע, קען אַ רב אין בריסק קיינמאָל ניט האָבען...

קומענדיג אין יעליסאַוועטגראַד, האָט מען באַלד געזעהן אַז מיט דעם בעסטען ווילען און מיט דעם גרעסטען כח, איז שווער צו איבער־מאַכען דאָס לעבען. מען האָט זיך געטראָפען מיט אַזעלכע אומשטענ־דען וועלכע אפילו אַ גרויסער און ערפאַהרענער רב האָט ניט געוואוסט ווי אומצוגעהן. עס איז געווען אַ גרויסער געשעפט וועלכער האָט געהערט צו אַן אלמנה און איהרער אַ זוהן האָט דאָס געשעפט געפיהרט. וועלענדיג אַז דאָס געשעפט זאָל ווערען געשלאָסען אום שבת, וואָס עס וואָלט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף אַנדערע גרויסע געשעפטען, האָט מען געשיקט רופען די איינהאַבערין פון געשעפט און אויפגעפאָדערט איהר אַז זי זאָל דאָס געשעפט שליסען פרייטאָג אָבענד און שבת. די פרוי האָט אָבער געענטפערט: „שלא ממין הטענה“.

— געוויס, רבי, בין איך מסכים דאָצו. איך בין בעריט אייך צו פאָלגען און פאַרציכטען אויף די פרנסה פון שבת. אָבער מיין זוהן איז אַ גרויסער קאַרטען־שפּילער, און ווען ער וועט פרייטאָג אָבענד און שבת זיין פריי פון געשעפט, וועט ער פאַרשפּילען אין קאָרטען אַזוי פיעל וואָס איך קען ניט טראָגען...

צו אַזאַ מאָטיוו איז מען נאַטירליך ניט געווען פאָרבערייטעט, און וועלכער גרויסער רב פון דעם אַלטען טיפּ קען געבען אַ תשובה אויף אַזאַ טענה? און דאָס איז ניט געווען דער איינציגער פאַל וועלכער האָט באַוויזען אַז דער בעסטער ווילען קען אָמאָל ניט העלפען. עס האָט זיך דאַריבער געפיהלט אין דער גאַנצער אומגעבונג פון דעם ברו־דער אַז טראָץ די ליעבע און רעספּעקט וועלכען ער האָט געהאַט פון אַלע טיילען שטאָדט, איז דאָ ביי איהם אַן אינערליכע אונצופרידענהייט. איבערהויפּט האָט זיך דאָס אַרויסגעפיהלט פרייטאָג אָבענד ווען, געהענדיג אין שוהל, איז ער געגאַנגען א י י ן וועג, און געהענדיג צוריק פון שוהל, אָדער שבת אין דער פריה, איז ער געגאַנגען אַ ן אַ נ ד ע ר וועג, וויל ער האָט ניט געוואָלט און זעעליש נ י ט ג ע ק ע נ ט פאַרבייגעהן די גאַסען וואו די אידישע געשעפטען זיינען געווען אָפען אום שבת, און האָט געמוזט געהן דורך הינטערגאַסען וואו עס זיי־נען קיין געשעפטען ניטאָ. דאַמיט האָט זיך וואַרשיינליך יעליסאַוועט־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גראד אונטערשיידעט פון מאָסקווא מיט יאָהרען צוריק. מאָסקווא האָט דאָך געהאַט אַ אידישען קווארטאל „זאַראַדיע", וואו מען האָט מעהר אָדער וועניגער געפיהלט דעם גייסט פון אַ אידישע שכונה. אין יעליסאַוועטגראַד איז דאָס אויך ניט געווען, אויסער דער שוהל־הויף וואו עס זיינען געווען שעהנע שוהלען און האָבען געמאכט אַן אימפּאָזאַנטען איינדרוק. די אַלע שאלות פון שבת און כשרות, ווי אויך עמי הארץ־ישע פרומקייט און ניט־פרומקייט וועלכע מען האָט אין אדעס געזעהן איינציגווייז, איז אין יעליסאַוועטגראַד, אין דער רבנ׳ישער הויז, גע־ווארען אַ קאָמפּלעקס פון נייע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען געווען איבער־ראַשענד און אין געוויסע הינזיכטען אויך באַלעהרענד. מען האָט דאָרט געקענט לערנען אַז פיעל זאכען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט ווערען געטהאָן ניט פון בייזען ווילען נאָר פון ניט וויסען, און דאַביי איז דער וואָס ווייסט, פאַראורטיילט צום שווייגען און ניט אויפקלעה־רען, דען ביי אויפקלעהרונג קען מען ברייגנען צו אַן ערגערן צושטאַנד ווי אויסצובעסערען דאָס שלעכטע. אין אַזעלכע אומשטענדען דאַרף מען אַמאָל זיך היטען ניט אויסזאָגען דעם באַטרעפענדען אַז ער איז אַ בעל עבירה, דען דאַן קען ער טהאָן נאָך מעהר זאכען וואָס מען דאַרף ניט. ווען ער ווייס ניט און מיינט אַז ער איז פרום היט ער אָם ווייניגסטענס וואָס ער איז געוואוינט צו היטען.

מה.

למעלה מן המקום

מען זאָגט אויף געוויסע מענשען, אז זיי זיינען געבאָרען געוואָרען נים אין דער ריכטיגער צייט, ד. ה., זיי האָבען געלעבט און געווען טעטיג צווישען מענשען און אומשטענדען, וועלכע זיינען נים געווען צוגעפאסט צו זייער כאראקטער און אקטיוויטעטען. אין אנדערע צייטען, וואָלטען זיי, די מענשען, מיט זייערע פעהיגקייטען און אייגענשאפטען פיעל מעהר אויפגעטאָן און באריהמט געוואָרען. אין דער אָבשאַצונג איז דאָ אַ שטאַרקע זייט, ווי אויך אַ שוואַכע. דאָס איז די אַלטע געשיכטע מיט „צדיק בדורותיו", וואָס „יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי". יעדענפאַלס, אויב אַ שבח אָדער אַ גנאי, קען דער מענש זיך נים העלפען. קיינער איז נים קיין בעל דעה ווען ער זאָל געבאָרען ווערען, און עס איז אויך זעהר שווער אומצומאַכען זיך אַליין, אומגעשטאַלטען דעם אייגענעם „איך", וואָרום איז דעם מענשען, וועלכער איז געבאָרען און טעטיג אין דער ריכטיגער צייט, ווען אָבער נים, איז אויך פאַרפאַלען. אנדערש שטעהט דאָס מיט אַזעלכע פערזענליכקייטען, וועלכע וואָס צייט אנבעטרעפט, האָבען זיי זיך נים צו באַקלאָגען, נאָר זיי באַלאַנגען נים אין ריכטיגען אָ ר ט. דאָס מיינט, אז זיי זיינען נים נידעריגער ווי זייער סביבה, נאָר זיי זיינען פיל העכער, און ווייל זיי זיינען העכער, „למעלה מן המקום", קען זיי דער אָרט נים און זיי קענען נים דעם פּלאַץ און מען בלייבט אַ מין תלוי ועומד...

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מיין ברודער, ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן, אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען. אַמקענטיגסטען איז דאָס געווען ווען ער איז געווען רב אין י ע ל י ס א ו ו ע ט ג ר א ד. ער האָט געהאַט אַלע מעגליכקייטען און פעהיגקייטען צו זיין אַ וועלט־רב ווי איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט. ער איז צו יונג אוועקגעגאַנגען פון דעם ישיבה-לעבען, ער איז אַלט געווען בערך זיבעצעהן יאָהר ווען ער האָט חתונה געהאַט אין שקלאָוו אין איינע פון די גרעסטע יחסנ׳ישע משפחות, די צ י י ט ל י נ ס, און דאַדורך האָט ער נים דורכגעמאַכט דעם „פּת במלח תאכל" מיט די אַלע אַנדערע „הדורים", וועלכע געהערען צו דעם לעבען וועלכער איז געווען באַגרינדעט אויפ׳ן „אָדם כי ימות באוהל"... אָבער זיצענדיג כל ימיו

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

על התורה ועל העבודה, ווי נאָר וויניגע, און אויפפאַסענדיג ת ו ר ה אין דעם ברייטסטען זינען, און באַזיצענדיג דאַצו אַ צוויבערהאַפטע צוציהונגס־קראַפט אין רעדען און אין שרייבען, אין אויסזעהן און אין אונטערהאַלטונג, איז ער געווען מסוגל צו שטעהן בראש פון די גרעסטע אידישע קהלה און ווערען אַ צענטער פון רבנישע אַנגעלעגענהייטען, גייסטיגע אַזוי גוט ווי וועלטליכע. עס קען זיין אַז דער קאַמף־גייסט, וועלכער איז נויטיג היינט פאַר „מדברנא דאומתיה", אפילו אין בעסטען פאַל, האָט איהם געפעהלט. ער איז געווען צו גוט און צו רוהיג אום אימיצען צו וועה טאָן. דאָס וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער באַהאַלטען פאַר זיך, האָט מען געטאָן ווי ער וויל — איז גוט, אויב ניט, האָט ער פאַרשמערצט און קיינעם דערפון ניט דערצעהלט, אַפילו ניט זיינע נאָעהנטסטע. אָבער אין יענע צייטען, מיט צעהנדליגע יאָהרען צוריק, איז דאָך אַן אָפענסיווע אַקטיוויטעט ניט געווען אומבאַדינגט נויטיג פאַר אַ רב. מען האָט ניט געוואַרט, אַז דער רב זאָל ב אַ־פ ע ה ל ע ן, מען האָט געזוכט צו פאַרשטעהן וואָס דער רב וויל און מען האָט געזוכט איהם צו ג ע פ ע ל ע ן . . . דאָס אַלץ איז אָבער נאַטירליך דאָרט, וואו מען ווייס וואָס דער רב איז און וואו זיין גרויס־קייט איז צו ערקענען.

מען דערצעהלט, אַז ווען ער, ר ב י ח י י ם ב ר ל י ן, איז געווען רב אין מ אָ ס ק ו ו א, אָדער עטוואָס שפּעטער, האָט מען איהם אָנגעבאָטען די שטעלע פון אַ „רב הכולל" אין נ י ו י אָ ר ק, און ער האָט ניט אָנגענומען. עס איז קיין ספק ניט, אַז זיצענדיג אין אַ פּלאַץ וואו עס איז דאָ, און אויך אין יענע צייטען געווען, הונדערטע און טויזענדע לומדים, משכילים, אינטעליגענטע אידען, וואָלטען זיי אַזאַ רב ווי ער שטאַרק אָנערקענט און הויך געשעצט. מען וואָלט באַגייסטערט געוואָרען פון זיינע פיל־פאַרביגע ידיעות, ניט נאָר לומדישע, נאָר אויך היסטאָ־רישע, ליטעראַרישע א. ד. גל. ווען מען זיצט אָבער אין אַ שטאָדט, וואו לומדים זיינען זעהר וועניג, משכילים כמעט ווי גאָרניט און עס פעהלט איבערהויפּט גייסטיגע אינטערעסע ביי דעם מעהר איינפלוסרייכען עלע־מענט, פיהלט מען זיך אָפּגעזונדערט און מען האָט פאַרדרוס וואָס מען איז געקומען ניט אין ריכטיגען פּלאַץ. מען איז אויף קיינעם ניט אין כעס, מען וואַרפט די שולד אויף זיך אַליין, אָבער דאָס ענדערט ניט די לאַגע פון זיין „חוץ למקום"...

עס איז געווען דאָפּעלט באַדויערליך וואָס אויך מיט די פּערזאָנען, מיט וועמען ער האָט געדאַרפט שטעהן אַם נאָהענטסטען און איז ווירקליך



רבי חיים ברלין

געווען מיט זיי, אלס רב, אין שטענדיגע באריהרונג און אין די בעסטע באציהונגען, זיינען זיי, אלס מענשען און אלס אידען, געווען הימעל־ווייט איינער פון דעם צווייטען. אין יענער צייט איז געווען א „קאזיאָנער רב" אין יעליסאַוועטגראַד, דער באַקאַנטער ציוניסטישער פיהרער וולאדימיר טיעמקין. באמת איז געווען טיעמקין מעהר ווי א געוועהנליכער „ראַבינער". זייענדיג אליין אויפגעוואַקסען און ער־צויגען אין יעליסאַוועטגראַד, און שפּילענדיג א באדייטענדע ראָליע אין דעם אידישען נאציאנאלען לעבען, אויך זייענדיג פריהער דער פּארטרעטער פון די „חובבי ציון" אין ארץ ישראל, וואו ער האָט, טראָץ אלע פעהלערען, זיך ערוואָרבען א נאָמען — איז ער געווען ביי די יעליסאַוועטגראַדער אידען א „ליבלינגס קינד" און זיי האָבען שטאָלצירט מיט איהם. מען האָט איהם געקענט ליב האָבען און פאָרעהרען. ער איז געווען א מענש מיט טעמפּעראַמענט, ער האָט געהאַט פאַרשטענדנים און ווילען צו העלפען אן איינצעלנעם מענשען ווי אויך כלל־ישראל, דערצו איז ער געווען זעהר א שעהנע ערשיינונג: הויך געוואַקסען, א דיקע שוואַרצע באָרד, שעהנע אויגען, און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען רעדען איז געווען שווער ניט צוצוהערען. ער האָט גערעדט, אין יענער צייט, נאָר רוסיש, זיין ווערטער־שאַץ און זיין אויסשפּראַכע האָט געקלונגען זעהר אנגענעם. ווען אפילו אוועקגעהענדיג נאָך זיין רעדען איז געווען שווער צו זאָגען עטוואָס פּאָזיטיוועס, וואָס ער האָט געזאָגט, — עס איז געווען מעהר בלומען ווי אינהאלט... ניט ווייל ער האָט ניט ארויסגעזאָגט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, פּאַרקערט, ער איז געווען זעהר אן עהרליכער און אויפריכטיגער מענש, עס האָט איהם אָבער געפעלט מאַטעריאל צו באַ־גרינדען זיינע אידעען אויסער שעהנע פראַזען. ניט קוקענדיג דאַרויף איז ער דאָך געווען פאַררעכענט אלס איינער פון די בעסטע און שטאַרק־סטע רעדנער. עס איז געווען א פאַל, ווען איינער פון די רייכסטע אידען און אָנגעזעהענסטע מענשען אין יעליסאַוועטגראַד איז גע־שטאָרבען, עס איז געווען א גרויסע לויה, אין שוהל האָט דעם הספד געזאָגט דער ברודער, רבי חיים ברלין, נאָכדעם איז מען געגאַנגען אויפ'ן בית הקברות און דאָרט האָט געזאָגט א הספד טיעמקין. שטעהענדיג דאָרט, אויפ'ן בית הקברות, ווען טיעמקין האָט גע־רעדט, האָט אָנגעפאַנגען צו רעגענען, קיינער איז אָבער ניט אוועקגע־גאַנגען, מען איז געבליבען הערען. אויך דער ברודער איז געבליבען שטעהן. ווייסענדיג, אז ער פאַרשטעהט ניט קיין רוסיש, די שפּראַך וועלכע טיעמקין האָט גערעדט, האָט מען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט,

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אז עס איז ראַטזאַם אַוועקצוגעהן און ניט שטעהן אין רעגען. דאַרויף האָט ער געענטפערט:

„איך פאַרשטעה ניט וואָס ער רעדט, איך האָב אָבער הנאה צו הערען ווי שעהן יעדער וואָרט געהט אַרויס".

צו האָבען אַזאַ הסכמה פון אַזאַ וואונדערבאַרען רעדנער ווי דער ברודער, האָט געמיינט זעהר פיל...

זיי ביידע, דאָס הייסט דער רב און דער „קאַזיאָנער רב", זיינען געשטאַנען זעהר גוט. טיעמקין האָט געהאַט גרויס דרך ארץ און יעדע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייט וועלכע עס האָט נויטיג געהאַט זיין הילף, אַלס דער אָפיציעלער פאַרטרעטער ביי דער רעגירונג, האָט ער זאָפאָרט גע־געבען מיט דעם גאַנצען הארצען, ווען אפילו ער אַליין איז געוועזען זעהר ווייט פון פרומקייט... ער איז געווען עהרליך גענוג צו פאַרשטעהן, אַז ער האָט צו טאָן מיט איינעם פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט, און ער האָט זיך פאַרהאַלטען מיט גרויס רעספּעקט, ניט קוקענדיג וואָס ער אַליין, טיעמקין, איז שוין דאַן אויך געווען פון די באַריהמטהייטען. ווי געזאָגט, זיינען געווען די אָפיציעלע פאַרהעלטניסע גוטע, אָבער דאָס אינטימע מענשליכע האָט ניט געקענט זיין. ווייל טיעמקין איז געווען אַ קינד פון זיין אומגעבונג: הונדערט פּראָצענטיג אַ גוטע הארץ, אַ וואַ־רימער איד, אָבער זעהר ווייט פון וויסען עפּעס פון אידישקייט. עס זיינען אומגעגאַנגען פיל לעגענדען אין יעליסאַוועטגראַד וועגען טיעמ־קין'ס „לומדות". מען האָט דערצעהלט, אַז אַ מאַן איז געקומען צו איהם פאַרשרייבען זיין ניי־געבאָרענעם קינד, פרעגט איהם טיעמקין ווי וויל ער דאָס קינד געבען אַ נאָמען. ענטפערט איהם דער פאָטער: ד ן. ווערט טיעמקין זעהר אויפגערעגט און שרייט:

— דאָס איז ניט אידיש. דאָס איז רוסיפיקאַציע. איצט וועט איהר אַ נאָמען געווען אייער קינד ד ן, און אַ צווייטען קינד וועט איהר אַ נאָמען געבען ו ו אָ ל ג אַ . . .

דער כעס איז געווען אַ „גערעכטער", ווייל טיעמקין האָט ניט גע־וואוסט פון דעם אידישען נאָמען דן, נאָר ער האָט געמיינט, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם רוסישען טייך ד אָ ן, דאָן, נאַטירליך, קען אויך זיין ו ו אָ ל ג אַ...

מען פלעגט נאָכדערצעהלען, אַז ווען עס איז געווען אַ געוויסען ערב שבועות, פיל מענשען פאַרזאַמעלט ביי איהם, ביי טיעמקינ'ען, און האָבען געפאָדערט פון איהם געוויסע זאַכען, איז ער בייז געוואָרען און גע'טענה'ט, אַז ער קען ניט טאָן אַלץ היינט, ווייל ער מוז נאָך געהן צו „כל נדרי"...

דריי הונדערט פערציג

למעלה מן המקום

עס מוז אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז די אַלע וועלכע האָבען דער־צעהלט די אַנעקדאָטען, האָבען גערעדט וועגען איהם מיט ליבע, וויייל הארץ און געפיהל, איבערגעבענהייט און ערנסטקייט צום כלל ווי צום פרט האָט ער געהאַט מעהר ווי פיל אַנדערע פון זיין בארוף... אויך דער ברודער, רבי חיים ברלין, האָט געוואוסט ווי איהם צו שעצען, און ווען עס איז געווען טיעמקין'ס א יובילעאום האָט ער איהם געשיקט א שעהנעם גראַטולאַציאָנס־בריף מיט „פרטים" פון יאָהר און פון נאָמען, ווי זיין שטייגער איז געווען. און אַזוי ווי עס איז געווען דער „קאַזיאָנער רב" אַזוי זיינען אויך געווען פיל פון די „חשוב'ע בעלי בתים" דאָרט אין יעליסאַוועטגראַד. איינער פון די אָנגעזעהענסטע אידען דאָרט איז אַמאָל געקומען צום ברודער מסר'ן אויף א געוויסע פרוי, וואָס מען מיינט, אַז זי איז פרום, און ער, דער דערצעהלער, האָט אַליין געזעהן ווי זי האָט גענעהט אום פורים...

אינטערעסאַנט און טראַגיש איז געווען ווען עס פלעגט זיין אַן אסיפה ביים ברודער אין הויז און עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די „יקירי קרתא", אַמאָל אויך טיעמקין צווישען זיי, און מען איז געזעסען אין דעם גרויסען צימער, וואו די ביבליאָטעק איז געווען, און קיינער פון די אַנוועזענדע האָט קיין חשק ניט געהאַט ארויסצונעמען דעם אָדער יענעם ספר, און אפילו קיין פארשטענדניס ניט געהאַט צו באַוואונדערען די וויכטיגקייט און די רייכקייט פון דער וואונדערבארער ביבליאָטעק. דער וועלכער באזיצט אַזא אוצר פון די טייערסטע ספרים, אין אַלע טיילען פון העבראַאיקא, פיהלט זיך ביי אַזא פאַל ווי א קינסטלער וואָס זעהט פארבייגעהן מענשען לעבען זיין קונסטווערק און קיינער פון זיי שטעלט זיך ניט אָפּ א קוק צו געבען, אויב שוין ניט באַוואונדערונג אויסצודריקען... דער געפיהל שאַפט ניט גרינגשעצונג צו די וועלכע פארשטעהען ניט, — קען מען דען זיין בייז אויף איינעם פארוואָס ער איז ניט אַנדערש ווי ער איז? — נאָר עס פיהרט צו א באַדויערען אויף זיך אַליין, וואָרום איז מען ניט אין ריכטיגען פּלאַץ...

דער גוטער ווילען און דער שלעכטער ווילען איז געווען אויך ביי די מאַסען פון דער אידישער באַפעלקערונג דאָרט. ביי דער איצטיגער צייט איז דאָס פיליכט מעהר ניט קיין נייעס, אַז אין א געוויסען פּלאַץ באַשטעהען די מעהרסטע „שאלות" פון ענינים וועלכע זיינען פארבונדען מיט הלכות אבלות. ווייל פון דער גאַנצער תורה איז געבליבן דאָס אַם מעהרסטענס פארשטענדליכע, אַן אַנגעלעגענהייט, וועלכע אין דער ווירקליכקייט איז דאָס אַמווייניגסטענס באַגרינדעט, ענינים פון

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

„קדיש“ און נאָך אַנדערע זאַכען וואָס האָט צו טאָן מיט'ן טויט. דאָן אָבער, פאַר איינעם וועלכער קומט ערשט פון ישיבות און פון „רעדען אין לערנען“ מיט די גדולי הדור, איז דאָס געווען ווי אַ דונער־שלאָג, באַקענענדיג זיך מיט אַזעלכע מינים פון „פרומקייט“ און „אידישקייט“.

עס איז געווען דער פאַל, ווען דער ברודער, רבי חיים ברלין, האָט געפיהלט ניט איינגאַנצען געזונט און אוועקגעהענדיג אין זיין שלאָף־צימער, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל בלייבען זיצען און אויב עס וועלען קומען „שאלות“ זאָל איך פסק'ענען. ער האָט מיך באַרוהיגט, אויסהערענדיג מיין שרעק, ווי קאָן איך, אַזוי יונג, שטעלען אויף זיך און זאָגען „כשר“ אדער „טרפה“, און האָט מיר געזאָגט אַ קאָמפּלימענט, אַז מען קען זיך פאַרלאָזען א. ד. גל. ווילענדיג, ניט ווילענדיג בין איך געווען געצוואונגען דאָס אָנצונעמען. איך האָב נאָר געשטעלט אַ תנאי, אַז אויב עס וועט קומען א „דבר הקשה“ וועל איך איהם שטערען פון זיין רוה און קומען איהם פרעגען. זייענדיג באַרייט פאַר די שווערע אויפגאַבע, קומט אריין די ערשטע „שאלה“. היות, פרעגט אַ פרוי, ווי זי איז אין אבלות, ווייס זי, אַז מען טאָר ניט אָנטאָן קיין נייע קלייד, אַזוי ווי אָבער די קלייד איז אַ שוואַרצע איז זי געקומען פרעגען, צי אַ שוואַרצע קלייד טאָר מען אויך ניט, צי מען מעג יאָ... צו אַזאַ „שאלת חכם“ איז געווען שווער צו זיין פאַרבאַרייטעט און עס וואָלט אויך ניט געהאָלפען פרעגען דעם גרעסערען אויטאָריטעט, דעם ברודער אַליין...

די איינציגע אידען וועלכע האָבען יאָ געהאַט אַ רוח־תורה, און אַמאָל מעהרער ווי דאָס, זיינען געווען די שוחטים, די מלמדים און אַנדערע אידען פון „נידעריגען קלאַס“, ווי ס'האָט געהייסען אין דער גע־וויינליכער שפּראַך־אומגאַנג. ד י אידען זיינען געווען די איינציגע וועלכע האָבען באמת הנאה געהאַט פון זייער רב, און צו יעדער געלעגענהייט האָבען זיי געזוכט „צו שעפּען וואַסער פון דעם פרישען קוואַל“ און הערען פונ'ם רב וואָס מעהר תורה. אַמבעסטענס איז דאָס געטאָן גע־וואָרען שבת נאָך מנחה, ווען מען האָט „געפּראַוועט שלש־סעודות“. דאָן האָט דער ברודער געזאָגט נאָכאַנאַנד, עס זיינען ווירקליך „פּערל געגאַנגען פון זיין מויל“. ער האָט זיך גליקליך געפיהלט, ווען אַמ־ווייניגסטענס איין מאָל אַ וואָך זיינען דאָ עטליכע אידען וועלכע ווילען הערען אַ אידיש וואָרט...

אַ שטיקעל הנאה האָט אויך דער ברודער געהאַט ווען מען האָט אין זיין צייט געעפענט אין יעליסאַוועטגראַד אַ קינדער־שולע, וואו מען האָט געלערענט העבּרעאיש אַלס אַ מוטער־שפּראַך, ווי עס

למעלה מן המקום

האָט דאָן געהייסען „עברית בעברית". צום ציוניזם בכלל און צו די פאַרשידענע ערשיינונגען, וועלכע זיינען געוועזן פאַרבונדען מיט'ן ציוניזם, האָט ער קיין שטעלונג ניט גענומען. ער האָט מאַנכעס מאָל געשריבען אַ גוט וואָרט און אַמאָל זיך אויסגעדריקט גענען. ער איז אין זיין נאַטור געוועזן מעהר פּראַקטיקער ווי טעאָרעטיקער. קאָנקרעטע זאַכען האָבען איהם מעהר באַאיינפלוסט ווי האַפנונגען און ערוואַרטונגען און דעריבער האָט זיך זיין שטעלונג געענדערט נאָך די אונמיטעלבאַרע אומ־שטענדען וועלכע ער האָט באַגעגענט.

די העבּרעאישע שולע, וועלכע האָט זיך געעפענט אין יעליסאַוועטגראַד, איז איהם ניט געוועזן אין גאַנצען צום האַרצען, צוליב דעם גייסט וועל־כער האָט דאָרט געהערשט, צוליב מאַנכע לעהרער א. ד. גל. ער פלעגט מאַנכעס מאָל רופען די שולע „עברית בעברית" — „עבירות בעבירות". פון דעסטוועגען, ווען עס זיינען געקומען צו איהם אַמאָל איינינע תלמידים און גערעדט מיט איהם העבּרעאיש, „לשון קודש", איז ער געוועזן זעהר צופרידען און האָט אויסגעדריקט די צופרידענהייט. זיין חוש פאַר פּראַקטישקייט האָט איהם אויך פאַראויסגעזאָגט אַמאָל אין אַן ענין פון אַ דין. עס איז אין יענער צייט ארויסגעגאַנגען אַ שמועה אַז מען טאָר ניט עסען קיין סאַרדינען. דאָס האָט געשטאַמט פון דעם וואָס דער דאַמאָלסדיגער פּאָלטאַווער רב, רבי א ל י' ע ק י ב א ר א ב י נ א װ י ץ, דער רעדאַקטאָר פון „ה פ ל ס", האָט אָפּגעדרוקט אין זיין זשורנאַל אַ בריף פון אַ בעמיקער, אַז די פּעטס פון סאַרדינען זיינען פון ק ע צ י ש ע מוחות. די ידיעה האָט פילע איבערראַשט און מאַנכע האָבען אויפגע־הערט צו עסען סאַרדינען. דער ברודער אליין האָט אויך מעהר ניט גע־געסען, ער האָט אָבער ערלויבט אין הויז און אויך אַנדערע וועלכע האָבען איהם געפרעגט, אַז זיי זאָלען יאָ עסען, וויל, נאָך זיין מיינונג, איז דאָס אַ זאַך פון אונמעגליכקייט, אַז די פּעטס זאָל זיין גראָד פון מוחות פון קעץ...

דער גאַנצער „חשש" איז שנעל פאַרגעסען געוואָרען און קיינער האָט דאָס מעהר ניט דערמאָנט. וואַרשיינליך האָט געשטאַמט דעם פּאָלטאַווער רב'ס „ידיעה" פון דעם וואָס מען האָט איהם געשריבען „ק א ט ט א ן אויל", און נאָכקוקענדיג אין ווערטערבוך האָט ער אויס־געפונען, אַז קאַט איז אַ ק א ץ . . .

ווי עס שיינט דאַרף מען האָבען צו פּסק'נען שאלות ניט נאָר „ביל־דונג", נאָר אויך פּראַקטישען פאַרשטאַנד...

דאָס פאַרשטעהן פון פּראַקטישקייט האָט געפיהרט דערצו, אַז ניט

דריי הונדערט דריי און פערציג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זייענדיג אָפיציעל פארבונדען מיט דער באַוועגונג פון „חבת ציון אדער ציוניזם, האָט דער ברודער פארלאָזען רוס־לאנד, וואו אלע זיינע קינדער און קינדס־קינדער האָבען געלעבט און איז אוועק קיין י ר ו ש ל י ם, וואו ער איז געוואָרען, ניט ווילענדיג און ניט שטרעבענדיג, דער ניט־געקרוינטער פיהרער, דער אנערקענטער רב און ער האָט דאָרט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען אין עושר און אין כבוד אָהן יסורים.

דאָרט, אין ארץ־ישראל און אין ירושלים, איז ער געווען אויפ׳ן ריכטיגען אָרט.

דריי הונדערט פיר און פערציג

מו.

פאָגראָם שרעקען

עס זיינען געוועזען צייטען פון שרעק. צו דער מדרגה אז דער טראָהן פון ניקאָלאי דעם צווייטען זאָל זיך טרייסלען איז נאָך געוועזען ווייט, אזוי אַם ווענינגסטענס האָט דאָס אויסגעזעהן. מען האָט ניט געקענט פאָראויסזעהן אז אין גאַנצען וועט דויערען א יאָהר אָדער צוויי און עס וועט קומען א מאָמענט ווען דאָס גאַנצע לעבען אין דער גרויסער רוסלאַנד וועט זיך אָפּשטעלען, און דער קיסר וועט זיין אזוי דערשראָקען, אז ער וועט מוזען ענדערען דעם רעזשים.

דאַן, אין דעם אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, האָט נאָך געשיינט, אז די רוסישע רעגירונג זיצט פעסט אין זאָטעל. דאָס איינציגע וואָס עס איז דאַן געוועזען צו דערקענען אין דער לופט, איז אז א שטורעם איז נאָהענט, און צו פּאָליטישע „שטורעמס" איז מען אין רוסלאַנד גע־ווען געוואוינט. פון די יאָהרען פון אלעקסאַנדער דעם ערשטען, ווען עס איז געוועזען דער אויפשטאַנד פון די „דעקאַבריסטען", איז ניט געוועזען קיין איין רוסישער קייזער וועלכער איז געזעסען רוהיג. אָדער מען האָט איהם, דעם רוסישען קייזער, געזוכט צו הרג'ענען, אָדער מען האָט איהם גע'הרג'עט. דער אונטערשיד איז נאָר געוועזען אין דער גרויס פון דעם שטורעם, אַמאָל איז ער געוועזען גרעסער אין שטח און שטאַרקער אין אינהאַלט און אַמאָל קלענער און שוואַכער. יענע יאָהרען, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, איז דער שטורעם געגאַנגען זעהר הויך. די צייטונגען האָ־בען געליאַרעמט, די „אדעליגע", די גרויסע גוט־באַזיצער און מיט זיי אויך די גרויסע רוסישע געשעפטסלייט, האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די „בונטאָוושטשיקעס", אין זייערע רעדען און אין זייערע רעזאָלוציעס ביי פאַרשידענע אנגעלעגענהייטען, און אויך אין זייערע „אונטערטעניגסטע" פאָרשטעלונגען צום קייזער האָט מען געהערט רעדענס־אַרטען און פאַר־לאַנגען וועלכע מען איז פריהער ניט געוואוינט געוואָרען.

דעם אָנקומענדען שטורעם מיט אַלע זיינע שרעקען האָבען אַם שטאַרקסטען געפיהלט די אידען. דער איד אין רוסלאַנד איז געוועזען געגליכען צו דעם קראַנקען, וועלכער פיהלט דעם שלעכטען וועטער נאָך איידער ער קומט. די אידען אין רוסלאַנד האָבען ניט נאָר איבערגעלעבט פּאָגראָמען, וועלכע האָבען אויפגערודערט די וועלט, נאָר זיי האָבען אויך

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

איבערגעלעבט פּ אָ ג ר אָ ם - ש ר ע ק ע ן, וועלכע זיינען אָפּט גע־בליבען נאָר ביים שרעק. די גרויסע וועלט האָט דערפון ניט געוואוסט, קיין מיטלייד געפיהל האָט קיינער ניט אויסגעדריקט — עס איז דאָך ניט מעהר געווען ווי אַ פאַלשער אַלאַרם! — און באַקאַנטע גויים האָבען נאָך אונטערגעלאַכט: אידען זיינען שרעקעדיגע... אין דער אמת'ן, איז די שרעקען פאַר פּאָגראָמען, דער „פּאָרבאַרייטען" זיך צו אַ פּאָגראָם, ניט וועניגער מאוים'דיג, אויך אַמאָל ניט וועניגער שעדליך, ווי דער פּאָגראָם אַליין.

נאָך די „גרויסע פּאָגראָמען" אין די אַכציגער יאָהרען, זיינען אַוועק־געגאַנגען אַ רייהע יאָהרען ווען דאָס וואָרט „פּאָגראָם" איז ניט געווען אַזוי אַקטועל. אין אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר דעם ד ר י ט ע נ ס ממשלה האָט מען בלומרשט געזוכט איינצוהאַלטען דעם ווילדען גייסט פון די פּאָגראָמשטשיקעס, און אין נ י ק אָ ל אַ י דעם צ ו ו י י־ט ע נ ס רעגירונג, אפילו ווען מען האָט שוין געוואוסט דעם ביטערען טעות וועלכען מען האָט געמאַכט אין איהם, און מען האָט איהם שוין אַנערקענט אַלס אַ שרעקליכען רעאַקציאָנער בכלל און שונא ישראל בפרט, האָט מען דאָך אויף פּאָגראָמען ניט געוואָרט. דאָס אונערוואַרטעטע איז אָבער געקומען, צוערשט די שרעקען דאַפיר און נאָכהער די פּאָגראָמען אַליין, אין אַ פיל שרעקליכערער פאָרם ווי עס איז געווען פריהער. ק י־ש י נ ע ו, ש ע ד ל ע ץ, ב י אַ ל י ס ט אָ ק, ה אָ מ ע ל, שוין ניט דערמאָנענדיג די מאַסען פּאָגראָמען אין 1905.

אין אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט — ווען מען האָט געהאָפּט אויף אַ נייע ערא פון פּראָגרעס און פרייהייט — איז נאָך געווען די צייט פון די פּאָגראָם ש ר ע ק ע ן, די פּאָגראָמען אַליין זיינען גע־קומען שפּעטער.

די ערשטע ערלעבניש פון דעם מין, זעהן ווי טויזענדער מענשען זיינען אונבאַהאָלפען, ווי מענער, פרויען און קינדער לויפען ארום פון איין אָרט אין צווייטען, און ווייסען ניט וואו איז בעסער און וואו איז זיכערער, און ווי אַ גאַנצע פאָלק אין קאָלעקטיווען זין און אין אינדיווי־דועלען, ווערען געגליכען צו אַזאַ אָביעקט וואָס יעדערער קאָן טאָן דער־מיט וואָס ער וויל — די ביטערע ערלעבניש איז מיר אויסגעקומען צו זעהן אין י ע ל י ס אַ ו ו ע ט ג ר אַ ד. יעליסאַוועטגראַד איז געווען דאָס וואָס מען רופט אַ „מקום מוכן לפורעניות", ווייל ביי די ערשטע פּאָגראָמען אין די אַכציגער יאָהרען איז ד י שטאָדט געווען די לײדענדע אַם שטאַרקסטען. די עלטערע אידען וועלכע האָבען דאָרט דאַן געלעבט,

פּאָגראָם שרעקען

האָבען זיך נאָך געקענט דערמאָנען און דערצעהלען ווי א פּאָגראָם זעהט אויס, אָבער די אינגערע האָבען דאָס נאַטירליך ניט געזעהן. און ווען איינער קומט פון ליטא, וואו מען זעהט „גויים" בכלל ווענִיג, און וועגען פּאָגראָמען חלומ'ט מען ניט, איז אזא ערשיינונג ווי עס איז דאָן געזעהן געוואָרען אין יעליסאַוועטגראַד, אזוי ערשיטערענד, אז מיט צעהנדליגער יאָהרען שפּעטער געפינען זיך ניט גענוג ווערטער דאָס איבערצוגעבען. ווי עס איז געוועזען דער „מנהג" ביי פּאָגראָמען, איז דאָס געוועזען פאַרבונדען מיט א רוסישען „יומא דפגרא". סתם אזוי, פון העלער הויט איז דער רוסישער פויער אויך ניט געוועזען מסוגל צו געהן און ראַבירען און שלאָגען זיין באַקאַנטען אידען, זיין אייגענעם שכן. דארין איזי דאָך א פּאָגראָם שווערער צו מאַכען ווי א מלחמה. אין א קריג צווישען צוויי פעלקער, ערצעהלט מען די מאַסען, אז „דער שונא" א ווילדער, א שרעקליכער, ער איז גאָר ניט מענשען גלייך. אזוי האָט מען זיך געפיהרט אין די עלטסטע מלחמות אין „נאַטירליכע" אומשטענדען, און אזוי איז געוועזען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען יעדעס לאַנד האָט איהרע סאָלדאַטען „אויפגעקלערט" וואַרום זיי דאַרפען פאַרטיליגען זייערע געגנער. יעדער סאָלדאַט זעהט פאַר זיך א פרעמדען מענשען, וועלכען ער האָט פריהער ניט געקענט, ער הערט א פרעמדע שפּראַך וואָס ער ווייס ניט וואָס דאָס מיינט, און יעדערער פון די צוויי קעמפערישע צדדים לאָזט זיך דעריבער איינריידען, אז ע ר איז דער מענש און אויף דער אנדער זייט איז די חיה און „מען דאַרף" איהם אונטערברייננגען. גאַנץ אנדערש איז דאָס ביי א פּאָגראָם. מען האָט זיך ניט באַמיהט צו ברייננגען פּאָגראָמשטשיקעס פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, מען האָט דאָס געטאָן פיל איינפאַכער, מען האָט געהעצט יעדען פויער אין זיין שטאָדט אָדער אין זיין דאָרף, אז ער זאָל ראַבירען זיין נאָהענטסטען אידען. און דער פויער ווי איינפאַך און פרימיטיוו ער איז, ווי נאַטור־ווילד ער איז, מוז ער זיך דאָך פרעגען: „פאַרוואָס דערזעלבער איד וועלכען איך זעה יעדען טאָג, האַנדעל מיט איהם אין יעדער צייט, מיר רעדען זיך צוזאַמען און מיר קענען זיך אייניאַנדער, פאַרוואָס זאָל איך פּלוצלונג געהן איהם שלאָגען און ראַבירען?" און דאַרום איז געוועזען דער בעסטער מיטעל אויסניצען דעם פויער ווען ער איז „בגילופין", ווען ער איז פרעהליך „לכבוד יום־טוב", אָנגעטרונקען איבער'ן מאָס, דער קליינער ענגער שכל טיף פאַרדונקעלט. און דאַן איז איבערהויפּט מעהר קיין קשיות ניטאָ. עס דאַרף נאָר דער ע ר ש ט ע ר וואַרפען א שטיין, ברעכען א פענסטער, א הויכען געשריי געבען און דער פּאָגראָם איז געמאַכט.

דריי הונדערט זיבען און פערציג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אויך דאָן אין יעליסאַוועטגראַד איז ארוים די שמועה אום שבת, אַז מאָרגען, זונטאָג, וועט זיין אַ פּאָגראָם. פון וואַנען אַזעלכע שמועות געהען ארוים — קען מען קיינמאָל ניט וויסען. דאָס איז אַ מין סטיכישער פּראָצעס וואָס קיינער קען ניט קאָנטראָלירען און קיינער קאָן ניט אָפּלייקענען. און ווען מען זאָגט, אַז עס וועט זיין אַ פּאָגראָם — מעג מען גלויבען. דען, פאַרוואָס זאָל ניט זיין? עס איז אין רוסלאַנד געווען אַ שפּריכוואָרט: ווען אַ גוי טרעפט אַ אידען און ער שלאָגט איהם ניט, איז אַ סימן אַז דער גוי איז אַ פּוילענצער, דען אויב ניט פאַרוואָס זאָל ער איהם טאַקע ניט שלאָגען?... באַזונדערס ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פּאָגראָם וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט פּאָליטיק. דען דאָס איז מעהר קיין סוד ניט געווען, אַז יעדער פּאָגראָם איז „געמאַכט" געוואָרען וואו עס איז, נ י ט וואו ער האָט אין דער ווירקליכקייט אויסגעבראָכען, קען מען דאָך געווים גלויבען, אַז די שמועה איז אַן אמת'ע. וואָס טוען אידען? מען מאַכט „הכנות"... מען לויפט אין די „הויכע פענסטער" בעטען שוץ ביי די העכערע בעאַמטע, מען זוכט „ליתר בטחון" אַוועקצושיקען די ווייב מיט די קינדער, מען קלערט וואו איז דער בעסטער אָרט צו באַהאַלטען זיך. פון זעלבסט-שוץ איז נאָך דאַן קיין רייד ניט געווען, און ווי קען מען זיך שיצען ווען מען ווייס אַז אויף דער אַנדער זייט שטעהען אַ ל ע, די פּאָליציי און סאָלדאַטען אריינגערעכענט, און דאָ שטעהען נור די ביסעל אידען?... עס איז חושך אין יעדען אידענס הויז, אין רב'ס הויז פיהלט מען זיך נאָך שרעקליכער, עס איז דאָ די צרת הפרט און די צרת הכלל. דער „קאַזיאָנער רב", אין דעם פאַל ט י ע מ ק י ן, לויפט פון איין בעאַמטען צום צווייטען, ער ניצט זיין גאַנצע רעדענס-קראַפט, ער וויל ווירקען מיט זיינע גוטע לאַנג-יעהריגע באַציהונגען, אָבער די תשובות זיינען איבעראַל שאַבלאָנע, סטערעאָטיפּישע: „עס וועט גאָר ניט זיין", „מיר וועלען היטען די אָרדנונג", און אַמאָל קומט נאָך צו אַ באַמערקונג: „די אידען דאַרפען זיך בארוהיגען, זאָלען זיי ניט ארויסרופען קיין פּאַניק". די באַמערקונג האָט אַלערליי „פּשטים". אויב מען וויל איז דאָס זעהר איינפאַך געמיינט, אידען זאָלען זיך ניט שרעקען אומזיסט. אויב מען פאַרשטעהט אָבער די כונה הינטער די ווערטער הייסט דאָס, זאָלען די אידען אכטונג געבען, אַז מען זאָל נ י ט ו ו ע ל ע ן זיי שלאָגען, זאָלען די אידען זיך ניט מישען וואו מען דאַרף ניט וועט זיי זיין וואויל און גוט... פון די אַלע תשובות ווערט ניט גרינגער אויפ'ן הארצען. און אויב דער פּאָגראָם וועט זיין אָדער ניט, ד י ס י מ נ י ם פ ו ן א פּ א ג ר א ם זיינען שוין דאָ. אויפ'ן

פּאָגראָם שרעקען

וואָקזאַל, אין אַלע צימערען, ביז צו די טרעפּ זיינען אויסגעלייגט און אויסגעזעצט פרויען מיט קינדער, אַלע פאַראומערט, פאַרוויינט, הונגעריג, דורשטיג, ווער עס האָט אַ קישען הינטער זיך און ווער עס ליגט אויפ'ן איינפאַכען דיל, ווער עס האָט אַ גרעסערען פּעקעל מיט זיך און ווער עס האָט זעהר ווייניג. מען מוז טראָגען די קליינע קינדער אויפ'ן האַנד און עס איז נישטאָ קיין כח נאָך פּעקלאך מיטצונעמען. ווער עס האָט מיטגענומען אייגענע שפּייז, און ווער עס מוז אָנקומען בעטען פאַר דאָס קליינע קינד אַ ביסעל מילך, אַ ביסעל וואַסער.

דאַן ווערט די שאלה: וואוהין זאָל מען פאָהרען? מען האָט גע־מיינט צו פאָהרען אין ז נ א מ ע נ ק ע — הערט מען אָבער, אַז דאָרט איז שוין אויסגעבראָכען דער פּאָגראָם; ווער עס האָט געהאַט די אַבזיכט פאָהרען צו אַ קרוב אין ק ר ע מ ע נ ט ש ו ג, איז דאָ אַ „ידיעה", אַז דאָרט „ריכט מען זיך" אויף אַ פּאָגראָם; האָט אימיצער געקלערט פאָהרען אין א ד ע ס, זאָגט מען, אַז פון דאָרט לויפט מען אהער, ווייל דאָרט איז אונרוהיג... וויל מען פאָהרען אין אַ דאָרף, זאָגען אַנדערע אַז אין שטאָדט איז זיכערער ווי אין דאָרף. אין שטאָדט קען מען זיך באַ־האַלטען, אין דאָרף ווייס יעדער גוי וואו מען איז... איז דאָ אַ מיינונג, אַז יעדענפאַלס מוז מען פון דאַנען אַנטלויפען אפילו אויב מען זאָל דאַרפען אַ פּאָר טעג אַרומפאָהרען אויפ'ן באַהן. באַהויפּטען „געניטע מענשען", אַז אויפ'ן באַהן איז די גרעסטע סכנה, אויף יעדער סטאַנציע איז דאָ אַ געפאַהר פאַראומגליקט צו ווערען...

איז דען ניט דער שרעקליכער פּסוק „והיו חייך תלוים לך מנגד ופחדת לילה ויום ולא תאמין בחייך" אַ שוואַכער משל צו דער שוידער־האַפטער ווירקליכקייט?!

און עס געהט פאַרביי דער זונטאָג, אַ טייל פון דעם מאָנטאַג. עס איז ניטאָ קיין פּאָגראָם. די גויים פון שטאָדט און פון דאָרף האָבען זיך שוין אויסגעניכטערט און קיינעם ניט באַפאַלען, קיינעם ניט ראַבירט. עס איז אין שטאָדט אַלץ ווי געוועזן. הויבען אָן די פרויען מיט די קינ־דער, מיט די זעקלאך און מיט די פּעקלאך, אריינקומען צוריק מיט דער באַהן. די מענער וואַרטען זיי אָפּ און אויפ'ן הארצען איז רוהיגער: „ד ע ר ו ו י י ל איז אַלץ כשורה", און מען פאָהרט אהיים צובראָכענע, אויסגעמאַטערטע, ניט דערעסענע, ניט דערשלאָפענע. און די מאַסען ניט־אידען פון דער באַהן און לעבען דער באַהן שמייכלען אונטער, ז י י האָבען געוויס גאָר ניט צוגעלייגט. ווער עס האָט נאָך פאַרדינט ארויפּ־טראָגענדיג די פּעקלאך, ארונטערטראָגענדיג די פּעקלאך, און ווער עס

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

האָט סתם הנאה: „אי ניט געשלאָגען און אי יענעם טוט וועה"... און דער ביטערער געלעכטער, אמאָל אפילו פון ניט קיין שונא, געהט דורך טיף, טיף אין האַרצען און עס ברענט פאַר די אויגען די קללה: „והיית לשמה, למשל ולשנינה"...

דאָס איז געווען די ערשטע ערפאַהרונג פון פאָגראָם שרעקען, ליידער ניט די לעצטע. דעם צווייטען מאָל איז דאָס ניט געווען אַזוי שטאַרק. מען האָט דעם פאָגראָם ניט „געוואַרט" אויף מאָרגען, עס איז ניט געווען קיין באַשטימטער טאָג, עס איז נאָר געווען אַן אַלגעמיינער שמועס, אַז „עס געהט עפּעס זיין"... און „מען דאַרף זיך היטען"... דאָס איז געווען אין יענער צייט, נאָר אין אַן אַנדער טייל לאַנד אין דער רוסישער מדינה. עס איז געווען אין דער שטעדטעל, אָדער ווי עס איז געווען אָפיציעל, דער דאָרף מ א ז ש י ק, איבערגעמאַכט אויף מ ו ר א ו ו י ע ו ו א, לכבוד דעם „באַריהמטען" מוראַוויאָוו וועלכער האָט „באַרוהיגט" די רוסישע ליטא פון דעם פּוילישען אויפשטאַנד. די שטעדטעל מאַזשייק איז געווען אַ מין „קליין אַמעריקאַ". מיט אייניגע צעהנדליג יאָהר צוריק האָבען אידען אָנגעהויבען צו קומען אַהין; נאָכדעם ווי דאָרטען איז געוואָרען אַ מיטעל־פּונקט פון צוויי גרויסע באַהן־ליניעס, און האָבענדיג אַ גרויסען פּראָווינץ מיט גוט־באַפּעלקערטע שטעדט אַלס הינטער לאַנד, איז דאָרט געוואָרען אַן אָרט פון פּרנסה. ווי דער שטייגער זיינען דאָרט געקומען די מעהר פעהיגע מענשען מיט אַ מעהר ענטוויקעלטען חוש פאַר נייע אונטערנעמונגען און זיי האָבען דעריבער באַשלאָסען „עמיגרי־רען" פון זייערע שטעדטלאך אַרום און אויפבויען נייע היימען מיט נייע געשעפטען. מען איז צוערשט געקומען אַליין, די פאַמיליעס געלאָזען אין זייערע פריהערדיגע ערטער, און אויב עס געלינגט דאָרטען צו מאַכען געלד, איז מען געפאָהרען „אויף יום טוב אַהיים", ביז מען האָט אָנגעהויבען גוט צו פאַרדינען און מען האָט געבראַכט די פאַמיליען און זיך איינגעאָר־דענט אין דעם נייעם אָרט. די אָנגעקומענע אידען האָבען על פּי רוב דאָרט מצליח געווען און פילע פון זיי זיינען געוואָרען זעהר רייך.

דאַדורך וואָס די דאָרטיגע געשעפטען זיינען געווען פאַרבונדען מיט די באַהן־צוגען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען, און די צוגען זיינען געקומען און אָוועקגעפאָהרען אין מיטען נאַכט אַזוי גוט ווי ביי טאָג, איז דאָרט אין דער קליינער שטעדטעל מיט גרויסע גע־שעפטען ניט געווען קיין אונטערשיד פון טאָג ביז נאַכט. שטענדיג גע־אַרבייט, שטענדיג פאַרהאָרעוועט און שטענדיג געקלערט: ווי מאַכט מען מעהר געלד?... עס זיינען דאָרט געווען אידען סוחרים, גרויסע

פּאָגראָם שרעקען

לומדים, אינטעלעקטועלע מענשען, אָבער דער דאָרטיגער לעבען אין שנעלען טעמפּאָ, מיט גרויסע פאַרבינדונגען, מיט שטענדיגע טעלעגראַמעס שיקען און קריגען, מיט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ אין פאַרשידענע שפּראַכען, האָט געשאַפען אַ מין „אַמעריקאַנער גייסט" פון „האַרי־אַפּ", אין גענענזאַץ צו דעם רוהיגען, שטילען לעבען ביי אידען אין ליטווישע שטעדט און שטעדטלאַך. איינער פון די דאָרטיגע חשוב׳סטע אידען, מיין שווער, ר ב י ט ו ב י ה ר אַ ב י נ אָ ו ו י ץ, וועלכער האָט ניט פאַרפּעהלט איין טאָג, אין דעם גרויסען טומעל, צו לערנען מיט נאָך איינעם, יעדען פאַרטאָג, האָט געהאַלטען פאַר נויטיג, אויסמאַכענדיג יעדען פריהמאָרגען זיין אַרבייטס פּלאַן פאַר׳ן טאָג און אויפשרייבען דאָס אויף פּאַפּיר, צו פאַרצייכנען אויך „מנחה דאַווענען". דען אויב מען זאָל ניט פאַרשרייבען קען דאָס אויך פאַרגעסען ווערען... און אין דער שטעדטעל הערט זיך פּלוצלונג אַז, „מען זאָגט, מען האָט געהערט, עס איז דאָ אַ שמועה, עס געהט זיין אַ פּאָגראָם". דער אָרט איז אפילו ניט „מסוגל" דאַצו. די פּויערים דאָרט זיינען „ניט געוואוינט דאַצו", אָבער דאָך קען מען ביי די צייטען גלויבען אויף אַלץ... מען קוקט צוזאַמען, מען קלייבט אויס אַ פּאָר מענשען „וועלכע קענען רעדען מיט נאַטשאַל־סטוואָ" און מען פאָהרט אין ש אַ ו ו ע ל צום איספּראַווניק, כלומר׳שט בעטען איהם, ער זאָל אָפּלייקענען די פאַלשע קלאַנגען „וועלכע עס שטער־רען צו די רוהיגקייט פון די אונטערטאַנען" און אין דער אמת׳ן וויל מען פון איהם הערען און פיהלען צי וויים ער ניט פון די „פאַלשע קלאַנגען" נאָך בעפאָר זיי האָבען געקלונגען... דער איספּראַווניק, אַ הויכער גרויסער מאַן, אויסגעפּוצט מיט אַ פּאָר מעדאַלען, נעמט אויף די דעלעגאַציע און, דער ערשטער סימן איז צום גוטען; ער גיט די האַנד און בעט זיצען... מען דערצעהלט איהם, אַז אַ פּאָגראָם אין מאַזשייק וואָלט מאַכען אַ חורבן פון קאַפּיטאַלען און דאָס הייסט, אַז די אידישע סוחרים — און קיין אַנדערע סוחרים אויסער אידען זיינען דאָרט ניטאָ — וועלען ניט קענען מעהר אַרויסנעמען זייערע „פּאַפּירען" און באַצאָהלען די רעגירונג זייערע אָפּצאָהלונגען פאַר דעם נעקסטען יאָהר א. ד. גל. דער איספּראַווניק „פאַרשטעהט" דאָס, און בארוהיגט. קיין פּאָגראָם אזי ניט געווען, מען איז אָפּגעקומען מיט שרעק, אָבער די קללה בלייבט:

„והפקדתי עליכם בהלה"...

דריי הונדערט איין און פופציג

מז.

מאָדערנע לומדים און אייגענאַרטיגע לומדות

אין דעם באגריף פון יענער צייט איז געווען לומדות און פרומקייט אידענטיש. מען האָט ניט געקענט זיך פאָרשטעלען איינער זאָל לערנען און דאביי ניט זיין זעהר רעליגיעז. מען האָט זיך געקענט פארשטעלען א פרומען איד וועלכער קען ניט לערנען, ווען אפילו די פרומקייט פון אזעלכען איז אונטערגעשטעלט אונטער א פראגע־צייכען. „ולא עם הארץ חסיד" איז געווען אן אנערקענטער כלל אין לעבען. פון דעסטוועגען האָט מען דאָך געקענט שאפען א מין פשרה פון „עמי הארצישע פרומ־קייט". עס איז אפילו אין תוך גענומען, ווי מען זאָגט, „קאַלטע פייער", דען פרומקייט מיינט דאָך צו וויסען און פאַרשטעהן ווי און ביי וואָס פרום צו זיין, אָבער דאָך האָט מען זיך אָפּגעפערטיגט דאמיט און מען האָט אָקצעפּטירט אז ווען מען היט אפילו מען וויים ניט וואָס צו היטען, איז דאָך בעסער ווי גאָרניט.

אין רבנ׳ישע קרייזען איז אומגעגאנגען א מעשה פון איינעם א באקאנטען רב וועלכער האָט זיך דערוואוסט אז צווישען זיינע בעלי בתים איז דאָ א פשוט׳ער איד, א פרומער, וועלכער האָט אן אייגענאַרטיגע פרומקייט. ער שטעהט אויף יעדען טאָג גאנץ פריה און נעמט ארויס זיין דיקען סדור, מישט אויף דעם ערשטען בלאַט און זאָגט כסדר בלאַט ביי בלאַט, פסוק ביי פסוק, ווי עס שטעהט, ביז ער ענדיגט דעם סדור. ער זאָגט אַלערליי שמונה עשרה׳ס, וואָכעדיגע, שבת׳דיגע, ימים נוראים־דיג,ע, יום טוב׳דיגע, אַלץ ווי עס שטעהט, ער איז מבטל חמץ, ער איז מקדש די ווייב, ער מאכט א ברכה אויף א דונער ער זאָגט נאָכאנאנד אָהן אויפהער. דער רב האָט איהם געשיקט רופען און האָט זיך גע־בייזערט אויף איהם, גע׳מוסר׳ט איהם מיט שארפע ווערטער, אז ער איז עובר פיל עברות זאָגענדיג אזוי פיל ברכות לבטלה, ער איז מוציא שם שמים ניט ווען מען דאַרף, און דער רב האָט איהם, דעם בעל הבית, אָנגעזאָגט, אז ער זאָל דאָס מעהר ניט טאָן. דער בעל הבית, דער זאָגער, האָט אָבער געענטפערט דעם רב גאַנץ קאַלטבלוטיג:

— רבי׳ניו זאָל מען אזוי ניט שמייסען פאר נ י ט ד ע ר ז אָ ג ע ן ווי מען וועט ניט שמייסען פאר א י ב ע ר ז אָ ג ע ן...

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאר „עמי הארצישע פרומקייט", אָבער

מאדערנע לומדים און אייגענארטיגע לומדות

דאך איז דער מענש סוביעקטיוו ווירקליך פרום און דאס האט מען אנערקענט. דאס געגענטייל אבער א למדן וועלכער זאל זיין ניט פרום איז געווען עטוואס אונפארשטענדליכעס, כמעט ווי א קיילעכדיגער פיר־עק... מען האט ניט געקענט גלויבען אז אזוי וואס קען גאר זיין במציאות. מען פלעגט אפילו דערצעהלען אויף איינעם אין פ י נ ס ק, אויף אן אנדערען אין ל י ב ו י, אז „ער זיצט און לערנט אהן א היטעל”. דאס האט אבער געקלונגען אזוי אונגלויבליך אז מען האט געמיינט עס איז ניט מעהר ווי א לעגענדע. אין דער אמת'ן זיינען אזעלכע טיפען געווען א גרויסע זעלטענהייט נאר אין דעם אידישען תחום. מען האט אבער געקענט טרעפען לומדים וועלכע האבען זייער לומדות ניט פארבונדען מיט פרומקייט אין די גרעסערע שטעדט וואו עס זיינען געווען אידען ניט גאנץ טראדיציאנעל און האבען דאך געלעבט דורך און דורך אידיש אין גייסט. אלס א כאראקטער־טיפ פון דעם ארט לומדים איז געווען דער באקאנטער ר א ב י נ ע ר מ ז א”ה פ ו ן מ א ס ק ו ו ע.

מ ז א”ה איז געווען נאך די היינטיגע באגריפען א טראדיציאנעלער איד און אויך אין יענער צייט איז ער געווען זעהר אנגעזעהן מיט זיינע פעהיגקייטען און לייסטונגען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, אבער דאן איז ער געווען פארעכענט אלס א זעהר מאדערנער מענש, וואס עס האט געמיינט צו זאגען, ווייט פון דעם געוועהנליכען טיפ פון א פרומען אידען. דאביי אבער ווען מען איז געקומען צו איהם אין הויז האט מען געפונען ניט נאר א ווארעמע אידישע אטמאספערע, נאר אויך א געוויסען קרייז פון לומדים, און מען איז אפט ארייגעצויגען געווארען אין א לומדישען שמועס, ווען אויך ניט די לומדות וועלכע מען איז געוואוינט אין ישיבות און אין דער רבנישער אומגעבונג.

איבערהויפט איז די גאנצע אידישע קהלה אין מ א ס ק ו ו א געווען מיט דרייסיג־פערציג יאהר צוריק א װאונדערבאר שעהנע אידישע געמיינשאפט. עס איז שווער צו געפינען א פארגלייך אין דער לעצטער צייט פון דער אידישער געשיכטע און געווים אינ'ם געגענווערטיגען אידישען לעבען צו דעם וואס מאסקווא איז דאן געווען. געזעצליך אין דער דאמאלסדיגער רוסלאנד איז געווען מאסקווא אויסערהאלב דעם „אידישען תחום”, און ווען א איד איז דארט געקומען ניט זייענדיג א „יחסן”, אלס א סוחר פון דער „ערשטער גילדיע”, אדער א געענדיגטער פון א הויכען לעהראנשטאלט, האט ער דורכגעמאכט א שווערען פעקעל מיט צרות צו געפינען וואו צו וואוינען, וואו צו שלאפען, אדער ווי מען האט דאס קורץ גערופען: „וואו צו גנב'ענען זיך” — און פון דעסטוועגען האט מען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

שטענדיג געטראָפען אין מאָסקווא פיל רבנים, מחברים, משולחים און אַלערליי „דוחאָוונע" אידען. ווייל עס איז נאָך ניט געווען אַזא אידישע קהלה וואו עס איז ארויסגעגאַנגען אזוי פיל צדקה מיט אזא פריינדליכקייט און כבוד ווי דער פאַל איז געווען ביי די מאָסקווער גבירים. און גבירים זיינען דאָרט געווען פיל און גרויסע. עס זיינען געווען אידען האַלבע מיליאָנערען, גאַנצע מיליאָנערען, און פילפאַכע מיליאָנערען. די מיליאָנען האָבען אָבער מערקווירדיגער ווייזע ביי די מאָסקווער אידען ניט פאַר־שטיינערט זייער הארץ און ניט אויסגעלאָשען זייער נשמה, אומגעקערט, כמעט יעדער מאָסקווער גביר איז געוואָרען, וואָס מעהר געלד ער האָט געמאַכט, מעהר איד און שעהנער אין זיין כאראַקטער. געווים זיינען דאָרט אויך ניט געווען אַלע אידען גלייך, געווען פרימערע און וויניגער פרום, גרעסערע לומדים און קלענערע, משכילים אין פולען און אין בעסטען זינען פון דעם באגריף און איינפאַכע מענשען, אָבער אַלע צוזאמען האָבען געהאַט געמיינשאַפטליכע כאראַקטער־שטריכען: כבוד התורה, איבערגעבענהייט צו טראַדיציאָן, זעהנזוכט צו אידישע פרייהייט אין גלות, און איבערהויפּט צו דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, און ועל כולם, ברייטהארציגקייט און ליבענסווירדיגקייט צו יעדען אידען, און באזונדערס צו באַריהמטע אידישע פערזענליכקייטען.

איז געקומען אַן אַלטער רב מיט אַ ספר, אַ ראש ישיבה וועגען זיין ישיבה, אַ רעדאַקטאָר זוכען הילף פאַר זיין צייטונג, אָדער אַ רעדנער וועגען ציוניזמוס, יעדער איינער האָט זיך געפיהלט אין מאָסקווא ווי צווישען זיינע אייגענע, און יעדער איינער איז אוועקגעפאָהרען צופרידען. ער האָט שטענדיג געקראָגען מעהר ווי ער האָט ערוואַרטעט.

אָבער ניט נאָר אין דער הינזיכט איז די מאָסקווער יודענהייט געווען אויסגעצייכענט פון אנדערע שטעדט, זי האָט געמענגט דינען אַלס אַ מוסטער אין פילעם אנדערע פאַר אַלע גרויסע שטעדט אין דעם אידישען תחום וועלכע האָבען לײַדער דעם מוסטער ניט נאָכגעפאָלגט, אויסער גאַנץ קליינע אויסנאַמען... מאָסקווער אידען האָבען ניט יוצא געווען זייער חוב מיט העלפען אנדערע, נאָר זיי אַליין, די גבירים בכבודם ובעצמם, זיינען געזעסען און געלערענט, מאַנכע האָבען אפילו געשריבען חבורים, אנדערע ווידער וועלכע האָבען געהאַט אַ נייגונג צו ליטעראַטור האָבען זיי אַליין געשריבען, אַליין געשאַפען, ניט צופרידען געווען דאַמיט וואָס זייער געלד העלפט און אנדערע זאָלען טאָן די ארבייט.

געווען אַ איד וואָלף ווישניאַק, האָט ער געשריבען אַ

דריי הונדערט פיר און פופציג

מאָדערנע לומדים און אייגנאַרטיגע לומדות

ספר, געבויט אַן אַנשטאַלט אין ארץ ישראל און מען האָט ניט געקענט דערקענען אין איהם אַז ער איז אַ גרויסער גביר וואָס זאָל זיך אַנדערש האַלטען ווי אַן אַנדער מחבר. די פאַמיליע פערסיץ האָט אָנגע־פאַנגען צו ווערען אַ מין נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, געהאַט גרויסע גע־שעפטען און געזוכט איינצואָרדנען ווי ווייט מעגליך דורך זייערע געשעפטען, אַ באַריהמטען שריפטשטעלער, אַ באַקאַנטען כלל־טוער, אַ חשוב'ען פרומען אידען א. ד. גל. די הויז פון זעליג פערסיץ איז געווען כמעט אַ אידישער מוזעאום, אַ גרויסע ביבליאָטעק, דעם זוהן יוסף האָט מען געשיקט לערנען אין א ישיבה, אין דער זעלבער צייט ווען ער איז אויך געווען אַ סטודענט אין דער אוניווערסיטעט. דאַצו האָט מען געגעבען צדקה מיט דער פולער האַנד און מ'האָט בכלל אָפּ־געהיט מצוות ווי יעדער פרומער איד אין אַ קליין שטעדטעל, אַמאָל נאָך מיט מעהר זהירות, ווייל פרומקייט איז געוואָרען אַ יחוס, אַ שיטה אין לעבען.

ס'אזי דאָרט אויך געווען אַ איד ווי רבי ברוך פריידענ־בערג, אַ מאָסקווער סוחר, וועלכער זיצט שטענדיג און לערנט, לערנט ניט ווי א בעל הבית, נאָר ווי א למדן, מחדש חדושי תורה, לאָזט נאָך זיך אַ ספר וועלכער ווערט געדרוקט נאָך זיין אָפּלעבען, און דאָס אַלץ שטעלט איהם ניט צופרידען. ער געהט צו די עלטערע יאָהרען נאָך ארץ ישראל, ניט אומזיסט איז ער אַמאָל געווען פון די ערשטע און חשוב'סטע „חובבי ציון". און דער רב וויסבערעם איז אויך געוואָרען אַ רב אין מאָסקווע נאָכדעם ווי ער איז דאָרט געווען יאָהרען־לאַנג אַ סוחר. דער אינטערעסאַנטסטער פון די אַלע טיפּען איז געווען רפאל גאָץ. ער איז געווען ניט נאָר איינער פון די רייכסטע אידען אין מאָסקווא, אַלס אַן איידעם פון וויסאָצקי, און אַ שותף אין דער גרויסער, באַריהמטער טהעע־פירמע, און ניט נאָר אַ פרומער איד אַ למדן, וועלכער „זיצט און לערנט", נאָר אויך אַ איד וועלכער קלערט וועגען פלענער ווי צו פאַרשפּרייטען תורה. וויסאָצקי'ס הויז האָט אין זיך געהאַט עטוואָס אויסגעצייכענטעס פון געוועהנליכע אידישע הייזער, אפילו רייכע און געבילדעטע. איז דאָס געווען א צופאַל אדער עס איז געווען אַ מין ירושה פון דעם אַלטען וויסאָצקי? די טאַטזאַכע איז, אַז מען האָט געקלערט וועגען כלל־זאַכען. ניט יעדעס מיטגליד פון דער פאַמיליע האָט געקלערט די זעלבע געדאַנקען און געהאַט דעם זעלבען „כלל" אין זיינע אויגען. דער אַלטער וויסאָצקי איז געווען דער טיפּישער „חובב ציון" מיט באַפּוצונג פון העברעאישע השכלה, די איידעמס,

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גאָווראָנסקי און גאָץ האָבן געהאַט מעהר אין זינען ענינים פון תורה, און די איינקלאַך זיינען אַוועק אויפ׳ן וועג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער קומענדיג אין באַריהרונג מיט וועמען עס איז פון דער פאַמיליע, אפילו מיט די מיטגלידער וועלכע זיינען ניט געווען באַקאַנט אין דער גרויסער עפענטליכקייט, האָט מען געפיהלט אַן אָנגענעמען געפיהל, מען האָט געזעהן פאַר זיך מענשען וועלכע האָבן געהאַט עפּעס מעהר ווי געלד... רפאל גאָץ האָט געזוכט מיט זיין רייכטום ניט נאָר העלפען תורה אויפ׳ן וועג פון געוויינליכע נדבות, נאָר האָט אויך געהאַט אַ גרויסען געדאַנקען צו שאַפען עטוואָס אין ירושלים וואָס זאָל זיין אַ מוסטערהאַפטער תורה־אַנשטאַלט אין זיין אַרט. דאָס מערקווירדיגסטע אין זיין האַנדלונג איז געווען, ער האָט ניט געוואַרט מען זאָל קומען צו איהם און פאַרשלאָגען פלענער וועלכע ער, אַלס דער רייכער מאַן, זאָל גוטהייסען אָדער אָפּוואַרפען, נאָר ער האָט אויפגעזוכט פערזאָנען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר מעגליכע עצה־געבער און האָט זיך מיט זיי מישב געווען וועגען דעם וואָס ער האָט אין זינן צו טאָן. ער האָט אויך אַנערקענט פעהיגע געלעהרטע און האָט געוואָלט מאַנכע פון זיי געבען גרויסע מאַטעריעלע מעגליכקייטען ווען זיי וואָלטען נעמען אויף זיך דורכפיהרען זיינע אידעען ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען. מען האָט אין אַ גרויסען קרייז געקענט גאָץ דעם פרומען אידען, גאָץ דעם למדן, גאָץ דעם גרויסען בעל צדקה, מען האָט אויך טיילווייז געוואוסט זיין אײדעלען, פיינעם כאַראַקטער צו טאָן תלמידי חכמים און משכילים טובות, מעהר ווי מיט אַ געוועהנליכע געלד־סומע, מען האָט אָבער ווייניג געוואוסט פון גאָץ דעם פאַנטאַזיאָר און דעם שטרעבער, דעם מענשען וועלכער האָט געקוקט אין דער צוקונפט און געזעהן ווייטער ווי מאַנכע אַנדערע פון זיין גלייכען אין זיין צייט. מיט זיינע שטרעבונגען איז ער געווען אַ ביסעל צו פריה, פאַר דער ריכטיגער צייט, און דאַריבער האָט ער זיין אידעאַל ניט געקענט פאַרווירקליכען, ער האָט נאָר זוכה געווען, וואָס ניט פילע אַנדערע רוסישע גבירים האָבן געהאַט די זכיה, אַז אויך נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געבליבען אַ גרויסע געלד־סומע פון איהם אין ארץ ישראל, וועלכע קען און וועט האָפענטליך אויסגענוצט ווערען אין זיין גייסט, פאַר אַ תורה־אַנשטאַלט אין שטרייִנג רעליגיעז נאַציאָנאַלען גייסט. און שוין איצט איז דער בנין פון „בית המדרש למורים של המזרחי" אין ירושלים אויף זיין נאָמען געבויט מיט דער הילף פון זיין קאַפּיטאַל.

די אַלע טיפען פון גבירים לומדים ניט וועלכע זיינען אָפּגעזונדערט

מאָדערנע לומדים און אייגנאַרטיגע לומדות

פון דער וועלט, נאָר מענשען וועלכע שטעהען אין פולען טומעל און לעבענס-לוסט פון דער וועלט, האָט מען געקענט געפינען נאָר אין מאָסקווע. אויב דאָס איז געווען א צופאַל וואָס א געוויסע גרופע מענשען האָבען זיך דאָרט צוזאַמענגעקליבען אָדער עס איז געווען א השפעה פון די ערשטע אגרעסיווע אידען אין דער מאָסקווער קהלה וואָס האָבען פאַרשטאַנען אוועקצושטעלען דעם רייכען לעבען מיט'ן אידישען לעבען, דעם מאָדער־נעם גייסט מיט דעם תורה גייסט, ניט אלס א סתירה נאָר אלס א האַר־מאָנישע צוזאַמענלעבונג — איינס איז זיכער אז אויך די אנוועזענהייט און די אויטאָריטעט פון מזא"ה האָט מיטגעהאָלפען צו דעם צו־שטאַנד. איבערהויפט איז געווען די ווירקונג פון מזא"ה גרויס אויף דעם איינגערען דור, אז זיי זאָלען קוקען אויף די עלטערע מיט רעספעקט און זיי, די יוגענד, זאָל וויסען אז אויב זיי קענען ניט לערנען, אויב זיי וויסען ניט וואָס איז א ישיבה, אויב זיי פאַרשטעהען ניט דעם אלטען רב מיט זיין ספר — איז דאָס זייער שולד...

יעקב מזא"ה איז געווען א זעלטענער מענש אין זיינע פעהיגקייטען און אין זיין באַנעמונג. ניט אומזיסט האָט מען געזאָגט אין מאָסקווע אז דאָס וואָס ער איז געוואָרען יונגערהייט א ראַבינער און איז געבליבען דאַביי, איז דאָס געווען א געוויסער קרבן פון איהם. דען אָהן וועלכען ספק, ווען ער וואָלט געוואָרען פּראָפעסיאָנעל דאָס וואָס ער איז געווען באַרופליך, אַן אַדוואָקאַט, וואָלט ער געמאַכט זעהר א גרויסע און רייכע קאַריערע, פיל רייכער ווי ער האָט געקענט מאַכען אלס ראַבינער. אלס רעדנער איז ער געווען וואונדערבאַר, זיין שטימע, זיין וואָרט שאַטץ, זיין אינטאָנאַציע און זיין גאַנצע האַלטונג איז געווען איבער אַלער קריטיק. דאַצו איז ער געווען זעהר קלוג, שאַרפזיניג, גע־וואוסט ווי און ווען וואָס צו זאָגען — אַן אייגענשאַפט וועלכע ניט אלע רעדנער, אפילו גוטע, באַזיצען. מאַנכע רעדען זעהר גוט נאָר ניט אין דער ריכטיגער צייט און ניט אין דעם ריכטיגען פּלאַץ, — ביי איהם איז געווען שטענדיג קענטיג, אויב דאָס איז א רעדע אויפ'ן בימה, אָדער א געשפּרעך ביים טיש, אָדער א שמועס ביי א באַשטימטע געלעגענהייט. צו אלעם דעם איז ער געווען א מענש מיט גרויסע ידיעות, אידישע ווי אלגעמיינע. די אלע אייגענשאַפטען האָט ער געקענט גלענצענד אויס־ניצען אלס אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער פאַרגעצויגען צו בלייבען ביי דעם אידישען כלל לעבען און האָט אָפּגעגעבען זיינע יאָהרען אלס א ראַבינער, א קאַריערע וועלכע האָט איהם, מזאה"ן, געגעבען א געוויסע צופרידענהייט אָבער אויך ניט ווייניג אונצופרידענהייטען... ער האָט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געהאט א שווערע צייט פאר זיך, שטעהענדיג אין קאמף מיט דער רוסי־שער רעגירונג, וועלכע האט איבעראל, אבער באזונדערס אין מאָסקווא, געזוכט צו מאכען דאס אידישע לעבען שווער און אונערטרעגליך. ווי געוועהנליך, האט דער ראבינער געדארפט זיין דער פארשטעהער פון די אידען ביי די בעאמטע, ניט נאר אין אלגעמיינע ענינים נאר אויך זעהר אפט אין פריוואט אנגעלעגענהייטען פון פארפאלגטע און געיאָגטע אידען פאר אלערליי „עבירות" געגען די דראקאנישע געזעצען, און ווידער אויב די רעגירונג האט געהאט „טענות" און געוואָלט מאכען אדער שוין געמאכט גזירות, האט זי זיך אויך געווענדעט צו איהם, צו מזא"ה'ן אלס צו דעם אפיציעלען פארטרעטער. ווען ער האט דאס אויסגעהאלטען יאהרען לאנג איז דאס א דאנק זיינע גרויסע פעהיגקייטען און קלוגהייט, ער האט אמאל מיט א שעהנעם וואָרט אויסגעפיהרט מעהר ווי אן אנ־דערער וואלט גע'פועל'ט מיט פיל רייד.

מזא"ה איז געווען קלוג גענוג צו פארשטעהן אז די פראפעסיע פון ראבינעריי איז ניט קיין געהויבענע. ער אליין האט זעהר אפט חוזק געמאכט פון זיינע „חברים", די קאזיאנע רבנים. ער איז איבערהויפט געווען א שטארקער סאטיריקער און מען האט געקענט אפזיצען מיט איהם שעה'ן לאנג און הנאה האבען צו הערען ווי ער מאכט ליצנות פון דעם אדער פון יענעם. זיין ליצנות איז ניט געווען פון ביליגען ארט, עס איז געווען שטענדיג געמישט מיט א פיינעם וויץ, מיט א מאמר חז"ל, אמאל אויך מיט א משל אדער א שטיקעל דרוש. ער האט געהאט א גאנצען אוצר פון די אלע מינים און האט געוואוסט וואו צוצופאסען. אין אינטימע קרייזען האט ער „ארומגערעדט" רבנים און ראבינערס. פון רבנים פלעגט ער דערצעהלען מעשיות פון „בטלנות", דאס רוב, ווי זיי זיינען נכשל געוואָרען ביי „נאטשאלסטווא", מיט זייער „רעדען רוסיש". ווען ער האט אבער אנגעהויבען צו שפאסען פון ראבינערס איז געווען א קוואל פון הומאר וועגען זייער עמי הארצות. דאס איז דאך געווען אין דער צייט וואס יעדער „געענדיגטער", וואס האט געהאט א דיפלאם פון אן אוניווערזיטעט, אדער נאך ווייניגער, און האט צו זיין פראפעסיע ניט געטויגט איז געוואָרען א „ראבינער", און אזעלכע „קא־זיאנע רבנים" האבען אנגעפילט צעהנדליגע שטעלעס, און עס איז געווען וואס צו דערצעהלען פון זיי. מאנכע ראבינערס וועלכע האבען גע'שם'ט מיט זייער „לומדות" זיינען געווען זאגאר פון די באריהמטהייטען און פון זיי האט מזא"ה געהאט צו זאגען און צו שמועסען...

מאָדערנע לומדים און אייגנאַרטיגע לומדות

אין יענער צייט האָט אָנגעפאַנגען צו ערשיינען די ערשטע אידישע טעגליכע צייטונג אין רוסלאַנד, „ד ע ר פ ר י י נ ד". ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרען, פון דער בעפאָרשטעהענדער ערשיינונג, איז דאָס געוועזן א טאָג־געשפרעך. מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווי וועט מען דאָס אויף „זשאַרגאָן" דרוקען טעלעגראַמעס, שרייבען פּאָליטישע אַרטיקלען א. ד. גל. נאָכמעהר האָט מען ניט פאַרשטאַנען ווער וועט אַבאָנירען א „זשאַרגאָנישע" צייטונג. פון קויפען צייטונגען האָט מען נאָך דאַן ניט געוואוסט, די לעזער זיינען געווען שטענדיגע דורך אַבאָני־מענט, האָט מען געפרעגט ווער וועט אויסשרייבען אַזאַ צייטונג. די משכילים האָבען דאָך העברעאישע צייטונגען — דאַן זיינען געווען דריי טעגליכע העברעאישע צייטונגען — זיי וועלען דאָך ניט אויסבייטען העברעאיש אויף זשאַרגאָן, די וועלכע קענען ניט קיין העברעאיש לייענען רוסישע צייטונגען, בלייבען נאָר ווייבער — וואָס פאַר אַן אינטערעסע האָבען זיי אין א טעגליכע צייטונג? ווי עס האָט זיך אין א קורצע צייט שפּעטער אַרויסגעשטעלט איז דער חשבון געווען ניט אויסגעהאַלטען, „דער פריינד" און נאָך איהם אַנדערע אידישע צייטונגען האָבען ער־אָבערט דאָס אידישע לעזע פּובליקום איבער אַלע ערוואַרטונגען, אָבער בעפאָר עס איז ערשינען די צייטונג האָט מען גערעדט דאַריבער און געפרעגט: ווער וועט זי לייענען? שמועסענדיג דאַריבער ביי מזא"ה'ן אין הויז, זאָגט מזא"ה בתמימות:

— וואָס הייסט ווער וועט לייענען? — די קאַזיאָנע רבנים וועלען זיי לייענען! זיי, די „רבנים" וועלען זיך דאָך מחיה זיין, זיי וועלען איצט אָנהויבען וויסען וואָס עס טוט זיך אויף דער אידישער וועלט, זיי וועלען זיך פון די זשאַרגאָנישע צייטונגען אויסלערנען פסוקים און מאמרים. אָהאָ, ווען „דער פריינד" וועט אַרויסגעהן וועלען אַלע קאַזיאָנע רבנים ווערען לומדים...

מזא"ה האָט ניט געוואָלט ליידען ווען מען האָט איהם גערעכענט צווישען אַנדערע קאַזיאָנע רבנים. ער האָט זיך געהאַלטען אויב ניט פאַר א רב אין דעם באַגריף ווי עס איז דאַן געווען רבנות אין רוסלאַנד, איז אַמוויינינגסטענס ווי א רב אין וועסט אייראָפּאַ. ווען אין מאָסקווע איז דאַן געווען אַן אמת'ער רב, א „דוכאָוונער", האָט מזא"ה נאַטירליך ניט געשטערט, אומגעקערט, ער האָט געהאָלפען זיין באַשטעטיגונג און האָט אויך צוגעטיילט דעם רב כבוד, אָבער אָפיציעל האָט דער רב גע־הייסען דער „געהילף" פון מזא"ה, און ער, מזא"ה, האָט דאָס טיילווייז באַטראַכט פאַר א ריכטיגען פאַקט. ווען מען איז געקומען צו מזא"ה'ן

פון וואלאזין ביז ירושלים

האט מען באמת געזעהן פאר זיך ניט דעם געוועהנליכען טיפ פון א קאזיאנעם רב, ביי איהם אין קאבינעט וואו ער האט עמפפאנגען רבנים, מחברים, די אלע אידען וועלכע זיינען איהם געקומען באזוכען, איז געווען פול ספרים, אויף די וועגט זיינען געהאנגען רבנישע בילדער און ער אליין איז געזעסען אין א יארמולקע. ער האט פארשטאנען צו פארציהען א שמועס וועגען א דבר הלכה — ער האט געהאט א רעכטע ידיעה אין געוויסע ענינים, און מען האט געהאט דעם איינדרוק אז אויב ער איז א רב אדער ניט, פון א „ראבינער" ווי מען איז געוועהנט איז ער געווים וויט. און ער האט באמת געהאט אין זיך א שטארקען „ברען", ניט נאר וואס ער איז געווען א מוקיר רבנן נאר אויך געקענט קעמפען פאר אידישקייט. זיין ערשטער ארטיקעל „על חטא" ביז זיין לעצטען אויפטריט אין ביילים'עם פראצעס, איז א באוויז דאפיר. דארט אין דעם קאבינעט וואו ער האט עמפפאנגען רבנים און מחברים האט ער געוויזען זיין ערנסטקייט, ער האט אבער געהאט ביי זיך אין הויז א צווייטען קאבינעט, וואו עס זיינען געשטאנען מעהר „ביכער" ווי ספרים, אויפ'ן וואנד זיינען געהאנגען בילדער ניט פון רבנים, נאר פון פאליאקאוו'ן, וויסאצקי'ן א. ד. גל. און דארט איז ער אליין, מזא"ה, אויך געזעסען אהן א היטעל. דארט איז ער געווען אין זיין נאטור, וויניגער ערנסט, מעהר שארף, וויניגער רב, מעהר פעליעטאניסט. דארט איז געווען א הנאה צו פארברייגגען מיט איהם אייניגע שעה. אבער אויך זיצענדיג אין דעם קאבינעט האט מען גערעדט אין לומדות, מאסקווער לומדות, ניט וואלאזינער און ניט בריסקער, אבער דאך אויף אלע אידישע קהלות היינטיגע צייטען געזאגט געווארען!

מען זיצט אין אן אווענד ביי איהם אין זיין גרויסען קאבינעט — אזוי האט געהייסען דער צימער, וועלכער איז געווען גרעסער און שעהנער ווי דער אנדערער קאבינעט — און מען שמועסט וועגען א ליטעראריש תלמודישע ארבייט, עס איז דא א שליח מיוחד פון די חישין'ס, א גרויסע פירמע אין יענער צייט. מזא"ה הייסט דעם שליח ארייגלאזען, וואהרשיינליך איז זעהר דרינגענד, ווען אין אווענד צייט ווען די געשעפטען זיינען געשלאסען און מען ווייס אז דעם ראבינער'ס ביורא איז אויך געשלאסען, האט חישין געשיקט א מענשען מיט א שליחות. דער שליח קומט אריין און גיט א בריף און זאגט, ער האט ניט צו ווארטען אויף קיין תשובה, ער געהט אוועק. מזא"ה עפענט דעם בריף, לעזט דורך און לאכט הויך, געשמאק מיט הנאה און זאגט:

דריי הונדערט זעכציג !

מאָדערנע לומדים און אייגענאַרטיגע לומדות

— „נו, זעהט, איז ניט אשריך ישראל?" — און גיט איבער דעם בריף צו לייענען. דאָס שרייבט איהם י ו ס ף ח י ש י ן, א גרויסער זיידען פאבריקאַנט: אזוי ווי ער זיצט איצט און לערענט, איז איהם איינגעפאלען א קשיא, בעט ער אז מזא"ה זאָל איהם „רעכט מאכען" און אויב מעגליך זאָל ער איהם היינט אָוועגד טעלעפאָנירען און זאָגען איהם א תירוץ.

עס האָט זיך געטראכט דאביי: ט י פ ע ר איז די תורה אפשר ווען מען הונגערט דאצו, אָבער ש ע ה ן איז די תורה ווען מען לערענט מתוך הרחבה...

מח.

הערצל׳ס טויט

גרויס איז דער מענש וועלכער יאָהרצעהנטע אָדער יאָהרהונדערטע נאָך זיין טויט געדענקט מען איהם. עס זיינען פאַראַן פּערזאָנען וועלכע ניט נאָר זיי ווערען ניט פאַרגעסען נאָר וואָס ווייטער ווערען זיי פאַרגרעסערט און מעהר פאַרהייליגט אין די אויגען פון דורות און דורות. די מענשען זיינען היסטאָרישע, זיי האָבען געלעבט ניט נאָר אין זייער צייט נאָר אויך אין פיל שפּעטערע גענעראַציאָנען. עס איז דאָן נאַטירליך אַז וואָס ווייטער די היסטאָרישע פּערזענליכקייט איז פון דעם האָריזאָנט אַלץ מעהר ווערט זי לעגענדאַריש. עס הערט אויף צו ווערען אַ מענש נאָר עס ווערט אַ פּאַסירונג, דאָס מענשליכע ווערט פאַרגעסען, עס בלייבט נאָר דאָס געשיכטליכע. געוויס זיינען אַזעלכע פּערזענליכקייטען זעהר גרויס און וואָס מעהר לעגענדען האָבען זיך געשפּונען ארום זייער נאָמען נאָך זייער טויט,באַווייזט דאָס אַלץ מעהר ווי גרויס זיי זיינען געוועזען ווען זיי האָבען געלעבט. דאָך איז עס ניט אַלעמאָל דער ריכטיגער באַוויז פון אמת׳ער גרויסקייט, ווייל עס קען טרעפען, און עס האָט געטראָפען אין דער מענשליכער געשיכטע, אַז ניט די מענשען אַליין האָבען געשאַפען זייער גרויסקייט, נאָר געוויסע אָנהענגער, תּלמידים, און אַמאָל געוויסע אומשטענדען, וועלכע האָבען באַגלייט די ערשיינונג פון דעם מענשען האָבען ארויסגערופען די באַגייסטערונג און זיי האָבען געמאַכט אונשטערבליך דעם מענש, וואָס אָן און פאַר זיך וואָלט ער געבליבען זעהר שטערבליך...

ריכטיגע גרויסקייט, פּערזענליכע, איז צו ערקענען פיל מעהר ביי די פּערזאָנען, וועלכע לעבעדיגערהייט זיינען זיי לעגענדאַריש, וועלכע אין דער צייט וואָס זיי געהען ארום צווישען אַלע און מען זעהט זייערע מעלות און זייערע חסרונות אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע מענשען, און פונדעסטוועגען באַציהט מען זיך צו זיי ווי צו עטוואָס אונגעוועהנליכעס, ניט ווי צו אַ פּערזאָן נאָר ווי צו אַ שטיק געשיכטע. דאַצו האָט זוכה געוועזען הערצל. לעגענדען האָבען איהם ארומגעוויקעלט ווען ער איז נאָך געוועזען יונג און פריש, געזונד און שטאַרק, אַמווייניגסטענס האָט מען געמיינט אַז ער איז געזונד און שטאַרק. ווען עס האָט זיך דערהערט אַז הערצל איז קראַנק האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט. עס איז געוועזען שווער

הערצל'ס טויט

צו גלויבען אז דער מענש וועלכער פארקערפערט אין זיך ניט נאר לעבען, נאר אויפלעבונג, איז קראנק! דאצו איז די פארשטעלונג געווען פון הערצל'ן מעהר אלס פון א געשיכטליכע פאסירונג, ווי פון א געוועהנ־ליכען מענשען, טו ווי קען ער קראנק זיין, און נאך ערנסט קראנק? מען האט אויך ניט לאנג צוריק געזעהן און געהערט ווי ער, הערצל, איז דורכגעלאפען אייניגע אידישע שטעדט ביז פ ע ט ע ר ב ו ר ג, און מען האט גערעדט וועגען זיין נסיעה, גענויער געזאגט ניט גערעדט נאר געשושקעט זיך, ווי וועגען עפעס אונגעוועהנליכעס. דען אלץ וואס הערצל האט געטאן און וואו ער איז געפאהרען, אין קאנסטאנטינאפאל אדער אין ירושלים, אין רוים אדער אין לאנדאן, האט מען אלץ גע'דרשנ'ט עפ"י פרד"ס. מען האט אבער געוואוסט, אז זיין רייזע צו פלעווע'ן אין פעטער־בורג איז געווען פארבונדען מיט פיזישע אזוי ווי מיט גייסטיגע שוועריג־קייטען. ער האט דאס אלץ בייגעשטאנען און דא פלוצלונג איז ער גאר קראנק.

ווי עס שיינט איז ניט נאר די „ברייטע מאסע" ניט געווען בארייט צו גלויבען אין הערצל'ס קראנקהייט, אדער מען האט דאס איבערהויפט געלייקענט אדער מען האט געזאגט עס איז א פאליטישע מחלה... נאר אפילו די מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען מיט איהם אין איינגע פער־זענליכע באציהונגען האבען אויך ניט שטארק געגלויבט אז הערצל קען זיין ערנסט קראנק און קען אזוי שנעל פון דער וועלט אוועקגעהן. איינער וועלכער האט הערצל'ען ניט זוכה געווען צו זעהן און איז נאך ביז דאן אויך ניט געווען אויף קיין ציוניסטישען קאנגרעס, נאר ער איז געווען אזוי פארבונדען אינערליך מיט'ן ציוניזמוס, אז די רייד וועגען הערצל'ס קראנקהייט האט איהם ניט געלאזען רוהען, האט טעלעגראפירט צו דר. ק א צ ע נ ע ל ס א ן אין ל י ב ו י, וועלכער איז געווען א פערזענליכער פריינד פון הערצל'ען, ער איז אויך געווען מיט איהם אין פעטערבורג, און איז געווען דאן איינער פון די אנגעזעהענסטע און פאראנטווארטליכסטע ציוניסטישע פיהרער, און ער האט געדארפט אם בעסטען וויסען וועגען הערצל'ס געזונד־צושטאנד. האט מען איהם אנגעפרעגט און פון איהם, פון קאצענעלסאן, איז געקומען א טעלעגראפישע אנטווארט: „הערצל איז קראנק. עס בעפארשטעהט אבער קיין געפאהר". און דאס איז געווען צוויי טעג איידער ער איז געשטארבען!

דער רושם וואס האט געמאכט אויף די אידישע באפעלקערונג די ידיעה אז הערצל איז געשטארבען איז ניט געווען צו דערקענען פון די צעהנדליגע און הונדערטע הספדים, טרויער רעדען און ארטיקלען, וועלכע

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זיינען געווען איהם געווידמעט, ווי עס איז געווען אם שאַרפסטען צו זעהן פון דעם איינדרוק וואָס האָט געמאַכט אויף דעם „אידען אין גאַס“. קריגענדיג די אויבען-דערמאַנטע טעלעגראַמע פון דר. קאַצענעלנסאָן האָט מען זיך נאַטירליך בארוהיגט. ביז אידישע צייטונגען זיינען געקומען פון ווילנא אָדער פון ווארשא האָט געדויערט א טאָג, צוויי און קיין וויטערע נייעס אין דער אנגעלעגענהייט האָט זיך ניט געהערט. געהענדיג אין דער פריה דאַוונען, טרעפט מען ארויסגעהענדיג פון בית מדרש א אידען מיט פאַרוויינטע אויגען. ניט טראַכטענדיג אַז דער איד האָט צו טאָן מיט צרות הכלל, און ניט איינפאַלענדיג אַז דער איד קען זיין אַזוי באַזאָרגט וועגען עטוואָס וואָס עס ריהרט איהם ניט אָן דירעקט, דאַצו איז דער מאַן געווען גראַד פון די, וואָס מען רופט „פּרעהליכע קבצנים“, א מענש וואָס האָט גערן געהאַט צו לאַכען פון זיך מיט דער וועלט צו־זאַמען, און מען זעהט אַזא אידען געהענדיג פאַרוויינט, פרעגט מען איהם:

— רבי איטשע וועלווע, וואָס האָט פּאַסירט? וואָס פאַר אַן אומגליק?

און דער איד רעדט מיט פאַרשטיקטע טרערען:

— איהר האָט ניט געהערט? ע ר איז געשטאָרבען!

ווער דער „ער“ איז, האָט מען שוין ניט געדאַרפט ווייטער פרעגען. עס איז שוין פאַרשטאַנען געוואָרען פון זיך אַליין, אַז דאָס מיינט צו זאָגען אַז ה ע ר צ ל איז ניטאָ מעהר צווישען די לעבעדיגע. די טרויעריגע ידיעה האָט זיך באַלד באַשטעטיגט און די אבלות, טיפע, אינערליכע, האָט ארומגענומען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג. מען האָט גערעדט דאַריבער איינציגווייז, וואו נאָר א פּאָר אידען זיינען געשטאַנען איז געווען דער געשפּרעך: הערצל. מען האָט אָפּגעהאַלטען פאַרזאַמלונגען, מען האָט געלייענט יעדע שטיקעל נייעס, וועלכע איז געווען אירגענד וואו פאַרבונדען מיט הערצל'ס נאָמען. אָבער דאָס שאַרפסטע, דאָס איינדרוקספאָלסטע פון יענע טעג, פון יענע געפיהלען איז געבליבען דאָס וואָס און ווי דער „פּשוט'ער איד“ האָט אויסגעדריקט. ער האָט געוויינט ווי עס וואָלט ביי איהם געשטאָרבען ניט א פיהרער מיט וועלכען ער האָט אַן אינדירעקטע שייכות, נאָר ווי עס באַקלאָגט א זוהן זיין אייגענעם פאָטער.

דארין איז באַשטאַנען הערצל'ס גרויסקייט. ווען ער האָט געלעבט און ווען ער איז געשטאָרבען, האָט מען געפיהלט אַז ער קען העלפען דעם אידישען פאָלק ווי קיין אַנדערער. מען האָט געמיינט אַז הערצל איז בכח צו שאַפען אַזעלכע זאַכען וואָס קיין אַנדערער קען איהם ניט נאָכטאָן.

דריי הונדערט פיר און זעכציג

הערצל'ס טויט

אלע זיינע נסיעות און אלע זיינע אונטערהערדונגען מיט'ן סולטאן, מיט'ן פאבסט, מיט ווילהעלם'ן אדער מיט פלעווע'ן, איז ניט געווען די פראגע וועלכע נוצען עס האט געבראכט, נאר די ערשטע שאלה איז געווען: ווי איז ער צוגעקומען דערצו און וואו האט ער גענומען מוט און מעגליכקייט צו רעדען מיט אזעלכע פערזאנען איבער אזעלכע זאכען, וואס קיינער האט ביז איצט ניט באוויזען? עס איז געשאפען געווארען דאדורך דאס געפיהל, אז מ י ט הערצל'ן האבען מיר אויף וואס צו האפען, א ה ן הערצל'ן זיינען מיר אלע אונבאהאלפען. די גרויסע אידישע מאסע, וועלכע האט געגלויבט אין ציוניזם, האט געהאט דאס געפיהל צו הערצל'ן ניט ווי צו א גרויסען פיהרער, בעססער און געשיקטער פון אנדערע, נאר ווי קליינע קינדער האבען צו זייער טאטען. ער קען דאס וואס קיינער קען ניט. און ווען ער, הערצל, איז געשטארבען איז מען געבליבען יתומים...

אויך די רעליגיעזע קרייזען, וועלכע זיינען ניט געווען פיינדליך געגענאיבער דעם ציוניזם אלס אידעע, נאר זיי האבען געקוקט מיט בייזע אויגען אויף ציוניסטישע פיהרער, האבען זיי הערצל'ן ארויסגעקומען פון כלל. ניט נאר וואס מען האט איהם געהאלטען פאר דעם אמת'ן „מקורב למלכות", און דאדורך האט מען איהם מאנכע זאכען „מוחל" געווען, נאר מען האט אין זיין גוטען ווילען „צוריקקערען זיך צום אידענטום", ווי עס איז דאן אומגעגאנגען דער שעהנער ווארט, „בעפאר דעם צוריקקעהר צו ציון" ניט געצווייפעלט. אין דער זעלבער צייט וואס מען האט געגלויבט אין די העכסטע דיפלאמאטיע פון הערצל'ן, וואס אנבאלאנגט פארהאנדלונגען מיט „מלכים ושרים", האט מען געהאלטען אז ווען ער האט געשריבען א בריף צו הרב ר י י נ ע ס און האט אויסגעדריקט זיין גוטען געפיהל צום מ ז ר ח י, און זאגאר באוויליגט פון זיינע אייגענע מיטלען א געוויסע סומע פאר מזרחי פראפאגאנדע, איז דאס ניט קיין דיפלאמאטי און פאליטיק, נאר עס איז געמיינט מיט'ן גאנצען הארצען. מען האט נאר באדויערט וואס ער קען ניט גענוג דאס אידישע לעבען און דעם אידישען טראדיציאנעלען גייסט. ווען ער וואלט דאס קאנען, — איז געווען די אלגעמיינע מיינונג פון די וועלכע האבען געוואלט דארין גלויבען — וואלט ער געווים באשטאנען אויף דעם רעליגיעז־נאציאנאלען שטאנדפונקט.

נאך הערצל'ס טויט האבען מאנכע געזאגט אז ער איז געווען גליקליך אין זיין גרויסע אונטערנעמונג ווייל ער האט צוויי זאכען ניט געקענט; ער האט ניט געקענט ארץ ישראל און ער האט ניט געקענט דאס אידישע

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פאָלק. ווען ער וואָלט די ביידע זאַכען יע געקענט — האָט מען געזאָגט — וואָלט ער ניט געהאַט דעם אָפּטימיזם און דעם מוט אָנפאַנגען און אָנגעהן מיט זיין טעטיגקייט. עס קען זיין אַז אין דעם פּאַראַדאָקס ליגט אַ געוויסער טייל אמת, ווי אין פילע פּאַראַדאָקסאַלע מיינונגען, אָבער דאָס איז זיכער, אַז דאָס ניט־קענען פון הערצל'ן האָט איהם פיל בייגעשטאַנען און געהאָלפען אויך אין דער אידישער גאַס...

מען האָט איהם נאָכדערצעהלט, נאָך זיין טויט, פאַרשידענע אַנעקדאָטען און עפּיזאָדען, מאַנכע פון זיי האָבען ווירקליך באַשטעטיגט אַז ווי ווייט ער האָט געקענט און געוואוסט האָט ער זיך באַמיהט ניט ארויסצורופען עטוואס וואָס עס זאָל דעם רעליגיעזען יודענהייט וועה טאָן. ער האָט שטענדיג געהאַט אין זינען די אינטערעסען פון ציוניזם, און האָט געהאַלטען אַז צוליב דעם מעג מען אויף זיך ארויפלעגען צוואַנגען און שוועריגקייטען, און האָט ניט געדאַכט ווי אַנדערע ציוניסטישע פיהרער פון אַ געוויסען סאָרט, אַז דער ציוניזם איז געקומען אראָפּצוואַרפען פון זיך אַן עול, וועלכער איז זיי ניט צום האַרצען. אפילו ווען אראָפּוואַרפענדיג דעם עול, פאַרוואַרפען זיי אויך די מעגליכקייט פון פאַרווירקלאַכונג דעם ציוניזם...

מען האָט דערצעהלט, אַז עס איז געווען אַ פאַל ווען דר. טשלענאָוו וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין מאָסקווא איז געפאָהרען אין וויען און האָט דאָרט געהאַט אַן אונטעררעדונג מיט הערצל'ן. פאָהרענדיג פון מאָסקווא האָט טשלענאָוו מיטגענומען מיט זיך אַ קינד פון אַ פרומע אידישע פאַמיליע, ווייל דאָס קינד האָט נויטיג געהאַט מעדיצינישע באַהאַנדלונג אין וויען, האָט מען געבעטען טשלענאָוו'ן, וועלכער איז געווען אַ באַריהמטער דאָקטאָר, ער זאָל אויף דעם קינד אַכטונג געבען. די אונטעררעדונג פון טשלענאָוו'ן מיט הערצל'ן איז גראַד געווען אום שבת אין אַ געוויסע קאַפּעע, ווי עס איז דער מנהג אין וויען. דאָס פרומע קינד, אַ אינגעל פון אַכט־צעהן יאָהר, געהענדיג צוזאַמען מיט טשלענאָוון איז אויך געזעסען דערביי ווען ער, טשלענאָוו, האָט גערעדט מיט הערצל'ן. דער לעצטער האָט ווי זיין געוואוינהייט איז געווען ניט געהאַט אין זינען אַז עס איז שבת און האָט געטאָן מאַנכעס וואָס עס האָט דעם רעליגיעזען אינגעל וועה געטאָן. ווען דאָס קינד איז אויף אַ קורצע ווייל אַוועקגעגאַנגען האָט טשלענאָוו דאַרויף אויפמערקזאַם געמאַכט הערצל'ן, און האָט איהם געזאָגט, אַז דער אינגעל וועט געוויס ליידען דערפון, וואָס וויסענדיג און הערענדיג ווער הערצל איז, האָט איהם געזעהן אויפפיהרענדיג זיך ניט ווי אַ איד דאַרף זיך פיהרען לויט טראַ־

דיציאָן. און, — האָט טשלענאָוו צוגעגעבען, — ווער ווייס אויב אַזעלכע זאַכען לאָזען ניט אַ געוויסען רושם אויף די ציוניסטישע ענטוויקלונג פון אַ יונגען קינד אויך ווען ער וועט שפּעטער אויסוואַקסען. דאַרויף האָט הערצל געמאַכט טשלענאָוו'ן אַ פאָרוואורף און האָט איהם געזאָגט אַז דאָס איז ז י י ן חוב, איהם אויפמערקזאַם מאַכען אויב ער זעהט אַז ער האַנדעלט, ניט וויסענדיג, אַזוי אַז עס קען שאַדען דעם ציוניזם. אויב אימיצער וויל זיין טאָלעראַנט אין רעליגיעזע מיינונגען און האַנד־לונגען — האָט הערצל ווייטער געזאָגט — האָט מען אָבער קיין רעכט ניט דורך די טאָלעראַנץ פאַראורזאַכען שאָדען דעם ציוניזם, בפרט ווען מען ווייס, אַז ער טוט דאָס ניט מיט אַ בייזע כונה, נאָר איינפאַך ניט וויסענדיג.

ביי הערצל'ן איז ניט געווען „אחרי מות קדושים״, נאָר אויך ביי זיין לעבען האָט מען איהם דן געווען לכף זכות אין זאַכען וואָס צו אַן אַנדערען וואָלט מען זיך אַנדערש פאַרהאַלטען. אַ מענש מוז באמת זיין אַ גרויסער זכאי אַז אַלע זאָלען זוכען אויף איהם אַ זכות...

מט.

דער זיבעטער קאָנגרעס

דער זיבעטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באזעל איז געווען איינער פון די שווערסטע קאָנגרעסען אין דער מאָדערנער ציוניסטישער געשיכטע. עס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס אָהן הערצל'ן. מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווי קען איבערהויפּט זיין אַ קאָנגרעס ווען הערצל איז ניט זיין פיהרער. ביי די אַלע פריהערדיגע קאָנגרעסען איז הערצל ניט נאָר געשטאַנען אין מיטעל־פּונקט פון די פאַרהאַנדלונגען און איז געווען דער טאָן־געבער אין די קאָמיטעס, נאָר ער איז געווען דער דירי־גענט פון אַלעם דעם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. ער איז געווען דער פּאָרזיצענדער, ער איז געווען דער פּלאַן־מאַכער וואָס און ווי עס דאַרף ביים קאָנגרעס פאַרהאַנדעלט ווערען, ער איז אויך געווען דער יעניגער וועלכער האָט מיט זיין ערעפנונגס־רעדע געשאַפען די פּאָליטישע ליניע פון דעם ציוניזמוס אין יענעם מאָמענט.

נאָרדוי מיט זיין גאַנצער גרויסקייט און מיט זיין וואונדערבאַרען רעדנער־טאַלאַנט, איז דאָך געווען ניט מעהר ווי די צווייטע פידעל צו הערצל'ן. און דאָ געהט זיין אַ קאָנגרעס און ער איז ניטאָ! דאַצו איז מען געפאָהרען צו דעם קאָנגרעס זעהר פאַרביטערט. הערצל'ס טויט האָט ניט פאַראייניגט די פּאַרטייען וועלכע האָבען געקעמפט פאַר און געגען אוגאַנדאַ, נאָר עס האָט זיי נאָך מעהר צושפּאָלטען און דער־וויטערט, ווייל דאָס שטאַרבען פון הערצל'ן, דאָס אַליין איז געווען אַ קאַמפּפס־פּונקט. די אָנהענגער פון אוגאַנדאַ האָבען געשריען צו די געג־נער: „איהר האָט הערצל'ן גע'הרג'עט”, און מען האָט פאָרגעוואָרפען די כאַרקאָווער קאָנפערענץ און דעם וויענער אולטימאַטום, וואָס, נאָך דער מיינונג פון די אוגאַנדיסטען, האָט געבראַכט הערצל'ען צו זיין געפעהרליכען צושטאַנד וואָס דערפון איז ער געשטאַרבען. איינער פון די פיהרער פון די „אוגאַנדיסטען”, אַ געוויסער ד ר. שטיין פון יעליסאָוועטגראַד, וועלכער איז גע־ווען אַ מעדיצינער, האָט געשריען אויף אַלע קולות און האָט „באַוויזען” מעדיציניש, אַז ווען ניט „כאַרקאָוו” וואָלט הערצל נאָך געלעבט.

צו דעם אַלעם איז נאָך געווען די לאַגע אַזאַ, אַז ביי דעם קאָנגרעס האָט מען ניט נאָר געדאַרפט רעדען וועגען דער צוקונפט, נאָר מען האָט

געמוזט ענדיגען מיט דער פּאַרגאַנגענהייט. די פראַגע פון אוגאַנדאַ האָט געמוזט אָדער אָפּגעשאַפט ווערען אָדער ווייטער ענטוויקעלט ווערען, וואָס עס האָט געמיינט, ניט נאָר אוגאַנדאַ אַלס אַ פּראַקטישער פאָרשלאַג, נאָר טעריטאָריאַליזם אַלס אַן אידעע. און דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אין אַזעלכע שווערע אומשטענדען ביי דעם קאָנגרעס דורכגעפיהרט ווערען. פּעסימיסטען האָבען פאָראויסגעזאָגט אַז דאָס איז „דער לעצטער קאָנגרעס", און ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען, די יעניגע וועלכע גלויבען אין מאַקסימאַלע אויפטואונגען גלויבען ניט אין דאָס קלענסטע אויב מען געהט ניט אין זייערע וועגען. די וועלכע האָבען געשריען אַז מיר קענען בויען אַ מדינה איבעראַל, איז אוגאַנדאַ דאָ, איז גוט, אויב ניט, וועלען מיר געפינען אַן אַנדער טעריטאָריע וואו „אויפצושטעלען אַ אידישע מלוכה", „מיר דאַרפען נאָר וועלען", דיזעלבע האָבען ניט געקענט זיך פאָרשטעלען ווי וועט מען קענען אויפהאַלטען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן און ווי וועלען אָפּגעהאַלטען ווערען נאָך קאָנגרעסען ווען הערצל איז ניטאָ, און „מיר אַליין טויגען צו גאָר ניט".

דער קאָנגרעס איז געווען אַ שווערער אויך פאַר די „אַלטע קאָנגרעס־סיסטען", בפרט נאָך פאַר איינעם ביי וועמען דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס. אמת, מען האָט געוואוסט ווי די קאָנגרעסען זעהען אויס און מען איז קלאָר געווען אין די אַלע פאָרמאַליטעטען וועלכע געהערען צום קאָנגרעס. פון דעסטוועגען איז דאָך געווען שווער אויפ'ן הארצען, ווי אונטערנעהמט מען אַזאַ שווערע מיסיאָן אין אַזאַ שווערע לאַגע!

די סיטואַציע איז נאָך שווערער געוואָרען דאדורך, וואָס פאָהרענדיג צום קאָנגרעס אַלס מזרחי איז מען דאָך ניט געווען איינשטימיג מיט דער אָפיציעלער מיינונג פון דעם מזרחי, וועלכער האָט אין זיין מאַיאָריטעט געשטימט ביי דעם פאָריגען, זעקסטען קאָנגרעס, פאַר אוגאַנדאַ. עס איז אָבער געווען אַ דאָפּעלטע אויפגאַבע, ניט נאָר פאָהרען צום קאָנגרעס, נאָר אויך פריהער טיילנעהמען אין דער קאָנפערענץ פון „ציוני ציון", וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פרייבורג, איין שעה רייזע פון באזעל. און דאָס אַלעס מוז געטהאָן ווערען אין קאַמף, אַ מלחמה אַלס ציוניסט מיט די אוגאַנדיסטען־טעריטאָריאַליסטען, און אַ מלחמה אַלס מזרחי מיט די חברים וועלכע האָבען מסכים געווען צו אוגאַנדאַ... די לעצטע מלחמה איז שווער פּערזענליך, שוין צוליעב דעם וואָס עס מיינט אויפצוטרעטען געגען דעם פיהרער פון מזרחי, הרב ריינעס, און טיעף אין הארצען איז מען מיט הרב ריינעס אין די בעסטע באַציהונגען, און מען האָט פאַר

איהם דאָס גרעסטע רעספעקט, נאָר אין דער הלכה, איז מען זיכער אז ביי איהם איז געשעהן א טעות, און אין חולקין כבוד לרב...

עס איז אָבער ניט גענוג דער גוטער און דער פעסטער ווילען, מען מוז דאָך קריגען א מאנדאט, און אָננעהמען א מאנדאט וועלכער ווערט אָנגעבאָטען פון א ציוניסטישער גרופע — ווי עס ווערט איצט גערופען: „אן אלגעמיין ציוניסטישע" — קען מען ניט, וויל דער מזרחי אידעאל שטעהט איבער אלע ציוניסטישע חשבונות, און קריגען א מזרחי מאנדאט ווען די אָפיציעלע פיהרערשאפט איז ניט צופרידען וואס מען אידענטיפיצירט זיך מיט „ציוני ציון", איז אויך ניט לייכט. זוכט מען — געפינט מען. קריגט מען א מאנדאט פון דער מזרחי גרופע אין אָ ש מ י נ א, וואו דער פּאָרזיצענדער — דערנאָך אן אָנגעזעהענער רב אין אַמעריקא און איינער פון די חשוב'סטע פיהרער אין מזרחי — איז אויך א ציוני ציון און ער איז וויליג צו געבען דעם מאנדאט, נאָר מיט איין תנאי, אז מען זאָל פון קאָנגרעס שרייבען אָפטע באריכטען. דעם תנאי נעהמט מען אָן און מען ערפילט עס אויך. עס זיינען געווען יאָהרען ווען ציוניסטישע חובות, אפילו ביי וואלען צום קאָנגרעס, האָט מען נאָך ערפילט...

קומענדיג צום קאָנגרעס האָט זיך געדוכט אז עס איז א טעות, וואס מען מיינט, הערצל איז געשטאָרבען: וואו מען געהט זעהט מען הערצל'ן. דאָ איז א בילד, דאָ איז א ביוסט, דאָ איז א בוך, דאָ איז אן ארטיקעל. אלץ הערצל. זיין געזיכט אין צעהנדליגע פאָרמען, זיינע מיינונגען אין אלערליי אויסדרוקען. וואו מען שטעהט רעדט מען וועגען הערצל'ן און וואו מען זיצט דיסקוטירט מען הערצל'ן. מען קען זיך ניט פארשטעלען אז א לעבעדיגער מענש זאָל האָבען אזא איינפלוס און אזא ווירקונג אויף די געדאנקען און רעדענס־ארטען, ווי עס האָט דער טויטער הערצל... און נאַטירליך דרעהען זיך אלע שמועסען וועגען דער פראגע פון אוגאנדא. הערצל ווערט ניט מעהר אנערקענט אלס א צד אין דער פראגע, נאָר יעדער איינער נעהמט הערצל'ן אויף זיין זייט. די אוגאַנדיסטען רעדען דאָך געוויס אין הערצל'ס נאָמען. די טעריטאָריאַליסטען — וועלכע זיינען שוין אוועקגעגאנגען פיעל ווייטער אידעאָלאָגיש ווי די אוגאַנדיסטען — רעדען אין הערצל'ס גייסט, און די ציוני ציון באהויפּטען אויך אז ווען הערצל וואָלט געלעבט איצט ביים זיבענטען קאָנגרעס, וואָלט ער אליין צוריקגעצויגען זיינע מיינונגען און זיין פאָרשלאָג פון דעם זעקסטען קאָנגרעס, ער וואָלט איינגעזעהן זיין טעות, און דעריבער איז אויך די אידעע פון „ציוני ציון" ניט עטוואס אנדערש ווי אין איינקלאנג מיט הערצל'ס נשמה. וואָלט הערצל געלעבט וואָלט אירגענד וועלכער טייל פון

הערצל׳ם טויט

קאנגרעס געמוזט זיין פון איהם ענטטוישט, און דער טייל, דער ענט־טוישטער, וואלט איהם, הערצל׳ן, באטראכט אלס א געוועזענעם, פאלי־טיש טויט, איצט אבער, ווען הערצל איז געשטארבען, זיינען אלע מיט איהם איינפארשטאנען און יעדע פארטיי בארופט זיך אויף איהם און ער איז פאר אלעמען דער איצטיגער פיהרער, ער איז לעבעדיג...

די דיסקוסיאן וועגען אוגאנדא האט, נאטירליך, זעהר פיעל באשעפ־טיגט די מזרחי פראקציאן. הרב ריינעס האט געוואוסט אז דער גרעסטער טייל פון די מזרחי דעלעגאטען ביים קאנגרעס — די צאהל איז איבער־הויפט ניט געוועזען צו גרויס — איז ניט איינפארשטאנען מיט איהם. ווי געוועהנליך האט ער געווארפען די „שולד" אויף די יונגע, דאס די יונגע לייט זיינען ניט פראקטיש געגוג און דאפיר שאצען זיי ניט אפ די פראקטי־שע מעגליכקייטען פון באזעצען אוגאנדא און העלפען דאמיט אויב ניט דאס גאנצע אידישע פאלק, אם וויינינגסטענס הונדערטע טויזענדע אידען... עס איז ניט קיין וואונדער וואס הרב ריינעס האט גערעדט אזוי וועגען או־גאנדא, ווייל מענשען וועלכע זיינען געוועזען פיעל וועלטליכער פאר איהם האבען אויך געהאלטען אוגאנדא פאר זעהר „פראקטיש" און דורכפיהר־באר. און דארום האבען הרב ריינעס׳עס מאטיוועז קיינעם ניט איבערצייגט און קיינעם ניט וועה געטאהן. שמערצליך באריהרט האט, ווען מאנכע גוטע מזרחים האבען אויפגעשטעלט א טעאריע אז מזרחי און אוגאנדיזם איז היינו הך... איינער פון די אנגעזעהענסטע מזרחים, זעהר א גע־בילדעטער מענש און א תלמיד חכם, וועלכער האט מיט יאהרען שפע־טער פארלאזען דעם גלות און זיך באזעצט אין ארץ ישראל, האט דאן גע׳טענה׳ט „ווי קען א איד, א מאמין, א מזרחי, וועלכער גלויבט אין השגחה, זיין געגען אוגאנדא?" עס איז אויסגעקומען נאך דעם אידעען־גאנג, אז א חלק פון דער תורה איז ניט ארץ ישראל נאר אוגאנדא... עס העלפט אבער זעהר ווייניג מענשען־פארשטאנד און לאגיק אין צייט ווען דער פארטיי־קאמף שפיעלט זיך פאנאנדער, אם וויינינגסטענס העלפט דאס ביי איינצעלנע מענשען וועלכע האבען צוערשט אבגעמאכט זייערע מיינונגען און נאכהער זוכען זיי דאס צו באגרינדען... די מאסען לאזען זיך גראד בעאיינפלוסען פון לאגישע מאטיוועז, אפילו ווען אבערפלעכ־ליך דאכט זיך אויס, אז זיי וועלען דאס ניט פארשטעהן.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס מען האט געמיינט אז דאס גרויסע אידישע פובליקום וועט זיך לאזען פארפיהרען פון אוגאנדא, נאכדעם ווי מען האט גערעדט פון גרויסע מעגליכקייטען, פון שנעלע הילף, פון פראק־טישע אויספיהרונגען, א. ד. גל., און דאצו האט מען גענוצט הערצעל׳ס

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

נאָמען, וועלכער איז דאַן געווען אונגעהייער פּאָפּולער, איז דאָך די אַל־געמיינע מיינונג געווען געגען אוגאַנדאַ.

נאָך בעפאָר דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט איז קלאָר געווען אַז די גרויסע מאַיאָריטעט פון די דעלעגאַטען וועט בלייבען טריי צום פּרינ־ציפּ ארץ ישראל און נאָר ארץ ישראל. עס האָט ניט געהאָלפען נאָרדוי'ס קלוגער אויסדרוק פון „נאַכט אזיל", די פּשוט'ע אידען, ניט נאָר ביים קאָנגרעס, נאָר אויך אין די שטעדט און שטעדטליך, האָבען פאַרשטאַנען דאָס מאָל בעסער ווי די גרויסע פּאָליטיקער און קלוגע מוחות. ווען די „ציוני ציון" זיינען געקומען אין באַזעל פון פרייבורג און זיינען אריינגעפאָהרען אין א צוג וואָס אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו האָט געפלאַטערט א ציוניסטישע פאָהן, און מען איז אריין אין שטאָדט אין געשלאָסענע רייהען, מען איז אריין אין קאַסינאָ, דעם פּלאַץ פון דעם קאָנגרעס מיט דער זעלבער בלוי־ווייסער פאָהן, האָט אויסגעזעהן ווי א מחנה איז אריינ־געקומען אין אן איינגענומענע שטאָדט. די „ציוני ציון" האָבען זיך דאַן געפיהלט ווי זיי האָבען באַזיעגט די שטאַרקסטע פעסטונג.

דער זיעג האָט נאָך געדאַרפט קומען אין דער געזעצליכער פאָרם, דורך אן אָבשטימונג. דאָס איז געשעהן דעם באַריהמטען שבת צו נאַכט. דאַן איז געווען די „גענעראַל שלאַכט". עס זיינען ארויסגעטראָטען די באַריהמטעסטע רעדנער פון יעדער ריכטונג, מען האָט אָבער ניט גע־רעדט, נאָר מען האָט געשריען. יעדער האָט געקעמפט מיט די לעצטע כחות און מיט די שאַרפסטע ווערטער. מענשען וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג געשטאַנען אין די ערשטע רייהען פון ציוניסטישער ארבייט און זיך און אנדערע באַגייסטערט וועגען ארץ ישראל, האָבען איצט אין עקסטאַז פון מלחמה, אויסגערופען שימפּ־ווערטער וועגען ארץ ישראל און די אי־דישע האָפנונגען.

איינער פון זיי, חזן פון ווארשא, א ווארימער איד מיט א היציגען טעמפּעראַמענט, איז געווען דער שטאַרקסטער צו רעדען געגען ארץ ישראל. ער האָט לאַנג ניט געלעבט נאָכדעם, ער איז אין א קורצער צייט נאָכ'ן קאָנגרעס געשטאָרבען אין זיינע יונגע יאָהרען. פיעל האָ־בען געזעהן דאַרין אן עונש, פיעל האָבען דאָס צוגעשריבען זיין אייגענע געוויסענביסע — מוסר כליות — יעדענפאַלס האָט מען זיין טויט פאַר־בונדען מיט זיין רעדע. עס האָבען ניט געפעהלט דעם אָבענד היסטערישע צופעלע, פרויען האָבען גע'חלש'ט און דער טומעל איז געווען גרויס אויף אַלע זייטען. די זיצונג האָט זיך געענדיגט מיט דעם געבורט פון דעם מפּיל־קינד: די טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי.

דריי הונדערט צוויי און זיבציג

הערצל'ס טויט

אָבער ניט נאָר דער טעריטאָריאַליזם איז דאַן געבאָרען געוואָרען, נאָר אויך דער ציוניזם, און זיין מאָדערנע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרם האָט דאַן געהאַט א ווידערגעבורט. גראַד דער פאַל וואָס עס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס אָהן הערצל'ן, און ווייל מען האָט זיך געשראָקען אז אָהן הערצל'ן אלס הויפּט־פיגור וועט דער קאָנגרעס ניט קענען פאָרטזעצען די ארבייט, און די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן וועט צוזאַמענברעכען, האָט יעדער דעלעגירטער געהאַט דעם געפיהל פון א קינד וועלכער בלייבט א יתום נאָכ'ן פאָטער און דורך דעם גרויסען יאוש אז ער וועט ניט קענען דורכפיהרען אין לעבען וואָס דער פאָטער האָט דורכגעפיהרט, שטרענגט ער אָן זיינע לעצטע כחות און שטרעבט דאָך צו ערהאַלטען דאָס וואָס דער פאָטער האָט געשאַפען. נאָכדעם ווי די אוגאַנדאַ פראַגע איז פארשוואונדען, האָט מען געזוכט, סיי די פיהרער און סיי די פּאַרטייען, צו שאַפען אין דעם מאָמענט וואָס מעהר האַרמאָני און אָנהאַלטען די גרויסע געביידע אפילו ווען דער בויער איז מעהר ניטאָ. זעהר פיל האָבען דאַצו געהאָלפען די, אַזוי צו זאָגען, דירעקטע יורשים פון הערצל, ווי נ אָ ר ד ו י, וואָלפסאָן, מ אַ ר מ אָ ר ע ק און אַנדערע, וועלכע האָבען ניט געזוכט צו פארטיידיגען זייער און הערצל'ס שטאַנדפּונקט ביי דעם פריהערדיגען קאָנגרעס, און זיי זיינען געבליבען טריי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן מיט דעם פּראָגראַם פון די „ציוני ציון". נאָרדוי וועלכער איז געווען מיט א קאָפּ העכער פון די אַלע אַנדערע איז דאַן געוואָרען נאָך מעהר פּאָפּולער ווי ער איז געווען פריהער, מען האָט איבערהויפּט געזעהן אין איהם א שטרעבונג צו דערנעהנטערען זיך אינערליך ניט נאָר צום פּאָליטישען ציוניזם, נאָר צו אידישע אידעען בכלל. הינטער די קוליסען האָט מען דאַן דערצעהלט אַן אינטערעסאַנטע עפּיזאָדע פון נאָרדוי'ס טהעטיגקייט און אידעען־גאַנג אין יענער צייט.

ער, נ אָ ר ד ו י, איז געווען זעהר בעקאַנט און באַריהמט אין דער גרויסער וועלט און דאַדורך האָט ער געהאַט א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ פון פארשידענע לענדער און פארשידענארטיגע מענשען. אין איין פריהמאָרגען ווען ער עפענט אויף זיינע בריף, געפינט ער צווישען אַנדערע א בריף פון א גרופּע אידען פון ג ר י כ ע נ ל אַ נ ד, וועלכע האָבען געגרינדעט א נייע געמיינדע און בעטען ביי איהם געלד־הילף אום זייער קהלה איינצואָרדנען. זיי האָבען נויטיג א שוהל, א מקוה, א ספר תורה, א. ד. גל. קיין גביר איז נאָרדוי ניט געווען און זאַמלען געלד ווען ער וואָלט אפילו וועלען, איז ניט געווען אין זיין ארבייטס־פעלד. ער לעגט אוועק דעם בריף און עפענט א צווייטען, פון ש פּ אַ נ י ע ן. אין דעם בריף ליגט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אן אָנווייזונג אויף א היבשע סומע געלד, און דער שרייבער פון דעם בריעף שרייבט, אזוי ווי ער שטאַמט פון אידען, וויל ער טהאָן עטוואס פאר א אידישער אנגעלעגענהייט, ער ווייסט אָבער ניט וואָס, שיקט ער דאָס געלד צו איהם, צו נאָרדוי'ן, און בעט איהם צו פארווענדען די סו־מע אם בעסטען ווי ער פארשטעהט. און, — ווי נאָרדוי האָט דאָס דער־צעהלט איינעם פון די אנגעזעהענע ציוניסטען דאָן, א באקאנטער ראבי־נער איצט, — האָט ער געזעהן אין דעם ניט סתם קיין צופאל, נאָר אן „אצבע אלקים", און האָט גענומען דאָס גאנצע געלד פון א פארלאָרע־נעם אידען און איבערגעשיקט צו אן ענטשטעהענדע אידישע געמיינ־שאפט.

דאָס איז ניט געווען דער נאָרדוי פון „ענטאַרטונג" און „אָנגענו־מענע ליגענס", דאָס איז געווען נאָרדוי דער ציוניסט, וועלכער האָט וואָס מעהר און מעהר פארשטאַנען דאָס יודענטום אזוי ווייט אז ער האָט געשריבען בריעף בעטען שטיצע פאר א געוויסע ישיבה, האָט פאר־שטאַנען יאהרען שפּעטער די גרויסע באדייטונג פונ'ם מזרחי, א. ד. גל.

אזעלכע „וואונדער" קען מען ערלעבען אין ציוניזם וועלכער פיהרט צו ארץ ישראל און ניט אנדערשוואו, און אויף דעם ריכטיגען וועג האָט זיך דער ציוניזם געשטעלט אויפ'ן זיבענטען קאָנגרעס.

נ

די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד

ווען מיט אַכט אָדער ניין און צוואַנציג יאָהר צוריק האָט אויסגעבראכען די רעוואלוציע אין רוסלאַנד, און די שטאַרקע צארישע מאכט האָט אָנגעפאנגען מורא צו האָבען פאר איהר עקזיסטענץ, און האָט געוואָלט ביסלעכווייז נאָכגעבען די נייע שטרעמונגען, איז דאָס ניט געקומען גאנץ אונערוואַרטעט. יעדער, וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט דעם רוסישען פּאָליטישען לעבען, האָט געוואוסט אז לאַנג קען דער סטאַטוס קוואָ ניט אָנהאַלטען. עס וועלען מוזען פאָרקומען ענדערונגען. ווען עס איז אָבער געקומען צו דער ווירקליכקייט אז דאָס גאנצע לעבען אין דער גרויסער רוסישער מדינה האָט זיך אָבגעשטעלט, די באַהנען זיינען ניט געפאהרען, די צייטונגען זיינען ניט ערשינען, די ארבייטער האָבען גערוהט, די לעהר־אַנשטאַלטען האָבען זיך געשלאָסען, און עס האָט אויסגעזעהן ווי אַלץ קעהרט זיך אום צו תוהו ובוהו, אדער עס ווערט געבאָרען א נייע וועלט, — ווען דאָס אלעס האָט פּאסירט איז דאָס געווען א געוואַלדיגע איבערראַשונג. מען האָט ניט געגלויבט אַז רוסלאַנד מיט איהר נאכלעסיגקייט און אונגעבילדעטקייט איז רייף געווארען דורכ'ן נאַכט פאר אזא גראַנדיעזע אונטערנעהמונג, דורכפיהרען אין גאַנצען לאַנד מיט איין מאָל אַ רעוואָלוציע, און דאצו נאָך א שטילע רעוואָלוציע, אָהן בלוט־פאַרגיסונג, אָהן קרבנות, און אָהן חורבונות, נאָר צייגען אַ פּאַסיווע ווידערקראַפט און דאמיט צווינגען די וועלכע האָבען די מאכט, צו בויגען זייער קאָפּ. די איבערראַשונג איז געווען פאר אידען פון א גאַנץ באַזונדערע בעדייטונג. די אידען אין רוסלאַנד האָבען דורכגעלעבט א דאָפּעלטען געפיהל. פון איין זייט האָבען זיי געוואָלט אז דער עקזיסטירענדער רעזשים זאָל אויפהערען. עס איז געווארען אונערטרעגליך די לאַסטען און די פאַרפאָלגונגען וועלכע אידען אלס כלל און אלס יחידים האָבען געליטען — אז עס קען קומען נאָך ערגער, האָט זיך קיינער ניט פאָרגעשטעלט — און מען האָט געוואָלט דערלעבען די צייט ווען א שטאַרקע רעוואלוציאָנערע קראַפט זאָל אומוואַרפען דאָס אלטע און אויפבויען עטוואס בעסערעס, עהרליכערעס. און פון דער אַנדער זייט האָט מען זיך זעהר געשראָקען פאר דעם פּראָצעס פון דער רעוואלוציע. אידען האָבען געוואוסט אז אויב עס וועט נאָר דאָס לעבען אין לאַנד ארויס־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געהן פון זיין נאָרמאַלען וועג און עס וועט קומען צו א צוזאמענשטויס פון פארשידענע כחות, וועלען אידען זיין די ערשטע צו ליידען. מען האָט געקענט די שטימונג פון די רוסישע מאסען, אז בעפאר זיי וועלען פארשטעהן וואס די רעוואָלוציע מיינט און וואס זי באצוועקט, וועט מען „דערוויילי" חרוב מאכען אידישע האב און גוטס און זיך אויך ניט אָבשטעלען פון אידישע קערפערס... פון דעסטוועגען איז געווען די שטעלונג צום „בונד" ווי אויך צו אנדערע אידישע רעוואָלוציאָנערען, מיט אלע נעגאַטיווע ערשיינונגען, ניט אין גאנצען פיינדליך, ווייל מען האָט געזעהן אין זיי די „אויסלייזערס" פון דעם צארישען יאָך, און דאַרום האָבען די אידען מיט א גרויסער מאָס סימפּאַטיע געקוקט אויף די לינקע פּאַרטייען, ווען אפילו מען האָט פאר זיין מורא געהאָט, טאָמער רופען זיי ווירקליך די רעוואָלוציאָן ארויס און דאַן וועט ווערען אידישע בלוט די אויל אויף דער רעוואָלוציאָנערער מאשין.

ווען עס איז דורכגעגאנגען דער ערשטער טאָג פון דעם גרויסען רע־וואָלוציאָנערען סטרייק, און דער צווייטער טאָג, און עס האָבען אָנגעהוי־בען קומען ידיעות, צוערשט האלב־אָפיציעלע, דערנאָך אָפיציעל באשטע־טיגטע, אז מען גיט א קאָנסטיטוציע, מען פיהרט איין א דומע, א מין פּאַרלאַמענט, א. ד. גל., איז געווען ביי אידען די שמחה פול. עס איז אַן ענדערונג אין דעם רעזשים און אַלץ איז אריבער בשלום. בעסער ווי דאָס האָט מען זיך ניט געקענט ווינשען. עס איז אויך ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען אז די געגעבענע קאָנסטיטוציע מיינט פּאַלשטענ־דיגע גלייכבארעכטיגונג פאר אידען. די שטימונג איז געווען אזא גע־הויבענע, אז עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען אז אויב עס איז ניטאָ קיין באזונדער געזעץ וועגען אָבשאפען די באגרענצונגען פון אידען אויף פארשידענע געביעטען, איז דאָס א שלעכטער סימן. אדרבא, מען איז געווען אזוי זיכער אין דעם פּאַלשטענדיגען נצחון פון דער רעוואָלוציע, אז דאָס גופא וואס אידען זיינען ניט דערמאָנט געוואָרען אין די נייע מאַניפעסטען און געזעצען, האָט באוויזען אז עס איז מעהר ניטאָ קיין אידען־פראגע אין רוסלאנד, וויבאלד אז די רוסלאנד פון היינט איז ניט די רוסלאנד פון נעכטען. ווען זיצענדיג אין א קליין שטעדטעל און זיך ניט האַלטענדיג פאר א פּאָליטיקער, האָט דאָך באאונרוהיגט די פראגע: ווער ווייס, אפשר האָט גאנץ רוסלאנד טאקע געוואונען פולע פרייהייט, און פון דעסטוועגען איז דאָס „קראָמע יעוורעיעוו" — אויסער אידען — האָט מען זיך געווענדעט צו אַן אויטאָריטעט, א פּערזאָן וועלכער האָט גענו־מען אַן אקטיווען טייל ניט נאָר אין ציוניזם און ניט נאָר אין אידישע

ענינים, נאָר האָט זיך אויך געמישט אין רוסישע פּאָליטיק, איז אויך געווען באַטראַכט געוויסער מאסען אלס א פארטרעטער פון די דייטשען אין באַלטישען געגענד, און דער מאַן איז ווירקליך געווען איינער פון די אויסגעקליבענע אין דער ערשטער רוסישער דומע, דר. קאַצענעלסאָן פון ליבוי, און מען האָט איהם געפרעגט: „ווי שטעהט דאָס מיט אידישע רעכט”? דארויף איז אָנגעקומען א קלאָרע אנטוואָרט וועלכע האָט גע־לויטעט:

„ס'איז טאַקע ניט דערמאָנט וועגען אידען, אָבער אַנדערש קען דאָס ניט זיין. די אידישע גלייכבאַרעכטיגונג איז פול און גאַנץ”.

דער כאַראַקטעריסטישער אפּטימיזם אז „אַנדערש קען דאָס ניט זיין”, האָט באַהערשט אלע אידען אין רוסלאַנד. און דער ערשטער שבת נאָך דער רעוואלוציע איז אפשר געווען דער פרעהליכסטער שבת ביי אידען פאר הונדערטע יאָהרען. עס איז דאָך ניט קיין קליינינקייט, די רוסישע יודענהייט, דער רוב מנין ורוב בנין פונ'ם אידישען פאָלק איז אַרויס מאפלה לאורה ומשעבוד לגאולה!... אין די עטליכע טעג פון שמחה האָט מען אויסגעלייגט אלערליי פּלענער, ווי מען וועט ערשט אָנפאַנגען צו ענט־וויקלען א גרויסצוגיגען אידישען פאָלקס־לעבען אין מאַטעריעלען און אין גייסטיגען זין, און ערשט איצט שטאַרק מאַכען אידישקייט אין יעדער הינזיכט, אויפבויען ארץ ישראל ניט אלס נויט־מיטעל נאָר אלס אמת'ער אידישער אידעאַל.

די שמחה האָט לאַנג ניט אָנגעהאלטען, אפילו ניט דעם גאַנצען שבת. בין מנחה למעריב האָבען אָנגעהויבען זיך הערען שמועסען אַז די רע־וואָלוציע איז נאָך ניט דורך, און בשלום אודאי ניט. עס זיינען דאָ טעלעגראַמעס אז אין פיעלע שטעדט זיינען געווען און עס געהען אָן בלוטיגע פאָגראָמען, און עס איז, וואס מען האָט זיך געשראָקען פריהער, עת צרה ליעקב... פון וואַנען די ידיעות האָבען זיך גענומען האָט קיי־נער ניט געוואוסט. מען האָט ניט געקענט אויסגעפינען די ערשטע קוועלע. יעדער איינער האָט נאָר געוואוסט צו דערצעהלען אז ער האָט געהערט. דירעקטע ידיעות האָבען ניט געקענט זיין, אין די צייטונגען איז דאָס אויך ניט געווען. מען האָט זיך משער געווען, אז עס זיינען דורכגעגאַנגען טעלעגראַמעס אנדערש וואו און די טעלעגראַפען בעאַמטע האָבען איבערגענומען און פון זיי שטאַמט דאָס די נייעס. עס זיינען געווען אָפּטימיסטען וועלכע האָבען זיך באַמיהט אפּלייקענען די גאַנצע מעשה. זיי האָבען געזוכט צו באַרוהיגען זיך און באַרוהיגען אַנדערע, אלץ מיט'ן זעלבען מאָטיוו „עס קען ניט זיין” ווען אין רוסלאַנד הערשט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אזא פרייהייט, עס איז דאָ א קאָנסטיטוציע און מען רופט א דומע און די רעוואָלוציע האָט אויסגעפיהרט, טאָ ווי קען דאָס זיין אז מען זאָל שלאָגען אידען ?...

דער מוצאי שבת איז דענקווירדיג. אויב אלע אידען אין גאַנץ רוס־לאַנד האָבען געווים געצעהלט די שעה'ן אום צו דערוואַרטען דעם מאָר־גענדיגען טאָג כדי צו וויסען גענויערעס וועגען די אלע אונרוהיגע ידיעות, איז געווען א י י ן איד, וועמען עס האָט געשיינט, אז ער איז אין אויס־נאַהם־לאַגע. דער איד מיט זיין קליינער פאַמיליע דאָן, האָט גראַד די נאַכט געמאַכט אַן ענדערונג אין זיין לעבען. ער האָט דעם מוצאי שבת פאַרלאָזען א קליין שטעדטעל וואו ער האָט געלעבט איניגע יאהר און איז אריבער אין א גרויסער וועלט, אין ו ו י ל נ א, ירושלים דליטא. אין דער יוגענדליכער פאַנטאַזיע האָט זיך פאַרגעשטעלט אז עס קומט א נייע גרויסע עפּאָכע פאַר'ן כלל וועט דאָס אויך ווירקען אויפ'ן פּרט און, צום אונגליק, ווערען די ערוואַרטונגען צושטערט. ווער וויים אויב עס קומט באמת א נייע עפּאָכע, אדער עס זיינען געווען איניגע טעג פון אילוזיאָן. אין דער ווירקליכקייט איז נאָך די קייט פון צרות ניט גע־ענדיגט און די אידישע טרעהרען האָבען נאָך דעם בעכער ניט פול גע־מאַכט...

ווי שרעקליך די נאַכט איז געווען, איז דער פריהמאָרגען געווען נאָך שווידערליכער. אָנקומענדיג אין ווילנא, שוין אויפ'ן באַהנהויף, האָבען פריינד און גוטע פריינד ערוואַרטעט, און אויף אלעמענס פּנים'ער איז געווען צו לייענען א טיעפע, יאַמערליכע קינה... אין ווילנא האָט מען שוין געוואוסט גענוי דעם „אָרדנונג" ווי די בלוט־באָד איז געמאַכט געוואָרען. מען האָט שוין געוואוסט וועלכע אידישע קהלות זיינען פאַר־אומגליקט געוואָרען און מען האָט שוין געצעהלט וויפיעל הרוגים און ווי־פיעל פאַרוואונדעטע זיינען געפאַלען. אין דער קורצער ווילע וועלכע מען איז געשטאַנען אויפ'ן וואַקזאַל, זיינען אָנגעקומען נייע ידיעות, און יעדע ידיעה איז געווען איוב'ס בשורה... עס איז געווען דאָס שרעק־ליכסטע וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע האָט זיך געקענט אויסמאָהלען. עס איז ניט געווען קיין פּאָגראָם ווי מען איז „געוואוינט" געווען. מען איז באַפאַלען אידען און געשלאָגען, און די רעגירונגס היטער האָבען גע־קוקט און געשוויגען. עס איז געווען פיעל מעהר, די רעגירונג אליין האָט אריינגענאַרט מענשען אין עפענטליכע פּלעצער, אין עפענטליכע פאַר־זאַמלונגען, און דאָרט האָט מען געעפענט פייער און גע'הרג'ט אָהן רחמנות.

דריי הונדערט אַכט און זיבציג

די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד

עס האָט זיך געצאַפּעלט יעדען אידענ׳ס הארץ אויף דער באַרבאַריי פון די מלוכה־מענשען, אויף די אידישע אונבאַהאָלפענקייט און אויף דעם טראַגישען צושטאַנד אין וועלכע מיליאָנען מענשען געפינען זיך. ערשט פרעהט מען זיך מיט פרייהייט, קאָנסטיטוציע, גלייכבארעכטיגונג, ווייל „אַנדערש קען דאָס ניט זיין", און דאָ געפינט מען זיך אין א לאַגע ערגער ווי בהמות און חיות. ווער עס וויל שיסט, ווער עס וויל הרג׳עט. עס איז קלאָר געווארען, אז די אלע מיליאָנען אידען אין רוסלאַנד זיינען געווארען „פויגעל פריי", ווייל אויב די רעגירונג אליין, נאָך דער „קאָנסטיטוציע" און נאָך דער „ערפאָלגרייכער" רעוואָלוציע, האנדעלט אזוי, ווי זאָלען אַנדערע אויף אונז קוקען?

די טראַגישע לאַגע איז געווען נאָך טיעפער דאדורך וואס מען האָט ניט געקענט זיך באַנוגענען מיט קלאָגען אָדער מיטהעלפען, נאָר מען האָט אויך געמוזט מאַכען הכנות אין דעם אָרט וואו מען איז... עס איז ניט געווען אין גאַנץ רוסלאַנד איין שטאָדט, וואו אידען זאָלען דאָרט קענען זיכער זיין אז זיי וועלען אָבגעהיט ווערען פון דעם אלגעמיינעם אומגליק. מען האָט ניט געוואוסט וואָס מען זאָל פריהער טהאָן, זאָל מען זוכען צו טהאָן פאר די אומגליקליכע אדער זאָל מען צוערשט היטען אז עס זאָלען ניט זיין מעהר אומגליקליכע? זאָל מען אָננעהמען פּאָליטישע מיטלען, אינערליכע און אויסערליכע, צו ווירקען אז מען זאָל מוזען אָבשטעלען די הריגות, אדער זאָל מען צו אלעם ערשטען זיך „פארשטענדיגען" מיט די „לאָקאלע כחות" אז עס זאָל זיין רוהיג? און עס איז ווידער געווען א פראַגע, ווער איז מעהר „לאָקאלער כח", די „נאַטשאַלסטוואָ", און מען זאָל מיט זיי „גוט לעבען", אדער די רעוואָלוציאָנערע יוגענד, און מען זאָל בעסער ז י י העלפען? די אָלע געדאנקען האָבען געווירקט דעגענירירט אויף די גאַנצע אידישע געזעלשאַפט. מען האָט פארלאָרען דעם געזונדען געדאַנק, מען האָט ניט געוואוסט ווער איז ווער, און וואָס איז וואָס. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז אין א געוויסע הויז אין ווילנא זיינען פיעלע אידישע פאַמיליען געקומען זיך דאָרט באַהאלטען ווייל הינטער דער הויז איז געווען א גרויסע פאַבריק און דאָרט זיינען געווען הונדערטע ארבייטער, האָט דאָס געהייסען אז די ארבייטער וועלכע זיינען ווארשיינליך „אָרגאַניזירט", וועלען זיי שיצען אז אין זייער שכנות זאָל מען אידען ניט שלאָגען. און פון דעמזעלבען הויז האָבען זיך אידען ארויסגעקליבען צוליעב דעמזעלביגען טעם, נאָר געגנוי פארקעהרט, ווייל אין שכנות איז א גרויסע פאַבריק, און דאָרט זיינען דאָ הונדערטע ארבייטער, און זיי זיינען וואַר־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

שיינליך „שוואַרצע־מאה׳ניקעס" און וואס עס וועט פּאַסירען, וועלען זיי, די ארבייטער, זיין די ערשטע צו באַפאַלען דאָס הויז וועלכע איז צו זיי אָם נאָהענטסטען. אזעלכע „וואַרשיינליכקייטען", ווי די גרופּע אדער יענע גרופּע גוים זיינען, איז אָבגעהאנגען דער לעבען פון די אידען, און דאָס איז אין דער אידישער שטאָדט, אין ווילנא!

די „וואַרשיינליכקייטען" און ספּעקולאציאנען אויף דעם כאַראַקטער פון באַשטימטע גרופּען האָבען אויך פאַרשאַרפט די אינערליכע אידישע באַציהונגען. די סימפּאַטיע מיט וועלכע פיעלע פון די אידישע מאַסען האָבען געקוקט אויף די רעוואָלוציאָנערען איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען, עס איז געבליבען נאָר די שנאה אז זיי האָבען שולד אין דעם גרויסען אונגליק וואס האָט פּאַסירט. דער גרעסטער טייל שנאה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף די אידישע רעוואָלוציאָנערען, אויף די „בונדיסטען", וועלכע האָבען דאַן געשפּילט די הויפּט־ראָלע, און ביי יעדען טומעל וועלכער האָט אויסגעבראָכען אין גאַס, און אזעלכע געשעהענישען זיינען דאַן געוועזן אָפט, מענשען האָבען גענומען לויפען, מען האָט געהערט קנאַלען פון קוילען, געשרייען, געפּילדער, האָט מען „אריינגעשאָטען קללות" דעם „בונד" „וואס אלץ צוליב איהם" איז דאָס געשעהן... עס איז געוועזן א פאַל אז איינער, א באַדייטענדער מענש מיט הויכע קולטור און וויסנעשאַפט, דאַצו א רעליגיעזער איד, איז געקומען פרעגען איינעם פון די ווילנער רבנים א שאלה: אויב ער מעג שבת פאָהרען, ווייל ער וויל אַנטלויפען אין דייטשלאַנד. דער רב האָט איהם באַרוהיגט און האָט איהם ערקלעהרט, אז די געפאַהר איז אריבער, די פּאָליציי האָט פאַרזיכערט, די סאָלדאַטען זיינען גרייט, א. ז. וו., דאַרויף האָט דער שאלה־פרעגער געזאָגט אויפגערעגטערהייט:

— רבי, איך האָב ניט מורא פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס, איך האָב מורא פאַר די בונדיסטען, אז זיי וועלען אונז אויס׳הרג׳ענען.

אלע רייד וועלכע דער רב האָט איהם ערקלערהט, אז די מורא איז א פאַלשע, האָבען ניט געהאָלפען, און דער באַטרעפענדער, וועלכער איז זאָנסט געוועזן א שטאַרקער מחמיר, איז אוועקגעפאָהרען אום שבת.

די שמחה פון דער ערשטער רעוואָלוציע מיט וועלכער אידען האָבען זיך געפרעהט, האָט געקאָסט צו טהייער.

דריי הונדערט אכציג

נא.

„ירושלים דליטא"

זאלען היסטאריקער און געאגראפען אויסגעפינען ווען האט מען אנגעהויבען רופען ווילנא „ירושלים דליטא", און וועלכע נאך שטעדט אין פארשידענע מדינות ווערען גערופען „ירושלים" — ווער עס האט געקענט ווילנע מיט צעהנדליגע יאהרען צוריק האט געמוזט צוגעבען, אז די שטאדט האט כשר פארדיענט דעם שעהנעם נאמען. ווילנא, די אידישע ווילנא, איז געווען אויסגעצייכענט פון אלע אנדערע שטעדט ניט מיט דעם פרט אדער מיט אן אנדער פרט, דער גאנצער כאראקטער פון דער אידישער ווילנער קהלה איז געווען אנדערש ווי איבעראל. עס קען זיין, אז אויך אין צאהל זיינען געווען אין ווילנא מעהר לומדים, מעהר משכילים, מעהר פרומע אידען, מעהר בעלי צדקה ווי אין אנדערע שטעדט, אבער דאס איז ניט דער עיקר. די הויפטזאך איז וואס דער ווילנער למדן איז געווען אנדערש ווי אנדערע לומדים, דער ווילנער משכיל איז געווען אנדערש ווי אנדערע משכילים, דער ווילנער פרומער איד און דער ווילנער בעל צדקה, זיינען באזעסען אין זיך עפעס אנדערש ווי אנדערע פרומע אידען און אנדערע בעלי־צדקה. אויף יעדען ווילנער אידען איז געווען א צייכען פון גייסטיגע אריסטאקראטיע, פון נאבעלע באשיידענהייט, פון אינערליכע פיינזעליגקייט. דער טיפ פון וואולגאריטעט, דאס וואס מען רופט איצט סנאביזם, איז ניט געווען אין ווילנא. אויב איינער האט זיך „געבלאזען", געוואלט פראווען גאוה, האט ער געמעגט זיין ווי וויכטיג אלס למדן, אלס קענער און אפילו אלס גביר האט מען איהם אין ווילנא ניט געדולדעט און ער האט דארט ניט געפונען קיין באדען אונטער זיינע פיס.

דער ווילנער למדן איז ניט געווען באגרעניצט אין זיינע „פיער איילען", עס זיינען געווען גרויסע סוחרים, מענשען וועלכע האבען געהאט דעם גאנצען טאג צו טהאן מיט געלד־געשעפטען, מיט הייזער, מיט פארשידענע אונטערנעהמונגען, און אין דערזעלבער צייט האבען זיי געהאט די מעגליכקייט און די פעהיגקייט צו שרייבען ספרים. עס איז ניט געווען דער טיפ פון א „בעל־הבית'ישער למדן" וואס עס מיינט על פי רוב א בעל־הבית צווישען לומדים און א למדן צווישען בעלי־הבתים. אין ווילנא זיינען געווען צעהנדליגע אידען, אויב ניט מעהר, וועלכע זיינען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

געווען גרויסע בעלי־הבתים אָבער אויך אמת׳ע לומדים וועלכע וואָלטען אנדערשוואו געקענט זיין רבנים און אָנגעזעהן פאר זייער לומדות. עס איז גענוג צו דערמאָנען בער ראַטנער, דער באַריהמטער ירושלמי קענער, איזיק ראַבינאָוויץ, — דער שפעטערער יצחק הלוי, דער היס־טאָריקער און שלום דוד ראַבינאָוויץ, א מחבר פון א לומדישען ספר, אלס ביישפיעל. עס זיינען אָבער געווען נאָך און נאָך אידען, וועלכע האָבען קיין ספרים ניט געמאַכט אָבער זייער לומדות איז דאַ־דורך ניט קלענער. אויך אין דער השכלה וועלט האָט קיין אנדער שטאָדט ניט געקענט ארויסגעבען אַזעלכע מענשען ווי שמואל יוסף פין, אָדער ש. פיינענסאָן—שפ״ן הסופר—אָדער ארי׳ ליב גאָרדאָן. משכילים ניט קיין דעליטאַנטען, מענשען מיט דורכדרינגליכע ידיעות און דאָביי איז די השכלה ניט געוואָרען קיין להכעיס ענין, נאָר אומגעקערט, צוגעפּאַסט זיך צו דעם אידישען לעבען און אידישע טראַדיציאָן און דאַדורך געוואָרען א פּרוכטבאַרער צווייג אין דעם אידישען בוים. אנ־דערש האָט ווילנא ניט געקענט פאַרשטעהן. אויב עס זיינען געווען משכילים וועלכע האָבען געפיהרט השכלה־פּאָליטיק אין דעם שלעכטען זינען פון דעם באַגריף, זיינען זיי פון דעם אידישען לעבען ווי אפּגע־רוקט געוואָרען. אפילו אַן אנשטאַלט ווי דער לעהרער־אינסטיטוט, וועל־כער וואָלט אין אַן אנדער שטאָדט האָבען אַן השפעה צום גוטען אדער צום בייזען, איז ער אין ווילנא אַזוי גוט ווי ניט געווען. די ווילנער אידישע קהלה איז געווען ווי א געזונטער קערפּער וועלכער קען קיין פרעמדען עלעמענט אין זיך ניט פאַרטראָגען.

די איינגעבאָרענע כאַראַקטער־פיינהייט פון ווילנער אידען האָט גע־בראַכט דאַצו אַז באַזיצענדיג די שטאַרקסטע פרומקייט איז ניט געווען קיין מעגליכקייט פאַר עפענטליכע ארויסטרעטונגען אין מלחמה פיה־רערשאַפט צווישען מענשען אָדער גרופען ווי עס איז שוין אין יענע צייטען געווען אנדערשוואו. און פרומקייט איז געווען אין ווילנא ווי נאָך נימ וואו. עס איז ניט באַקאַנט אין קיין אַנדער שטאָדט וואו עס זאָל געוועזען זיין א חברה „עשירי קודש“, א גרופּע אידען וועלכע האָבען אָנגעהויבען פון יום כפור און געפאַסט דעם גאַנצען יאָהר יעדען צעהנ־טען טאָג. און וואו האָט מען נאָך אַזוי פיל געדאַוונט ווי אין ווילנא? אויפ׳ן ווילנער שוהל־הויף האָט מען ניט אויפגעהערט צו דאַוונען. ביז האַלבע טאָג, כסדר „מנינים“, פאַר שחרית אין איין שוהל, גלייך נאָך האַלבען טאָג, נאָכאַנאַנד „מנינים“, צו מנחה אין אַן אַנדער אָרט, און ווי עס ווערט נאַכט, איין „מנין“ נאָך דעם אַנדערען פאַר

דריי הונדערט צוויי און אַכציג

מעריב ביז האַלבע נאַכט. און דאַן ריכטען אידען אָפּ „חצות", און דאַן זיצען סתם אידען אין דעם „קלויז" אָדער אין דעם אַנדערען און מען לערנט, און מען „זאָגט", און מען איז אין אַ גייסטיגען ערהאַבענעם, רעליגיעזען צושטאַנד אָהן אויפהער. דער זעלבער פרומער גייסט זוכט נאַטירליך צו ווירקען אויף די אומגעבונג, אָבער אַלץ מיט גוטסקייט, מיט פיינקייט.

איז אויפגעשטאַנען אמאָל אַ גבאי אין דער „אַלטער קלויז" — אַ קליינע שוהל מיט אַ גרויסען יחוס, דאָרט זאָל האָבען געדאַווענט דער ש"ך, און דאָרט איז געווען אַ מקום תורה פאַר דורות און דורות — האָט דער גבאי, אַ געוויסער ק אָ ס אָ ו ו ס ק י, געוואָלט איינפיהרען „רעפאָרמען", אָנטאָן דעם חזן מיט די משוררים אין ספּעציעלע קליידער. די רבנים און די חשוב'ע בעלי בתים ווילען דאָס ניט ליידען. ווי קריגט מען זיך אָבער מיט אַ גבאי, בפרט ווען ער איז אַ תקיף? ברייננגען צו אַ חלול השם — איז ניט ווילנער שטייגער. קומען יום טוב אין דער פריה דאַווענען אין „אַלטען קלויז" אַלע ווילנער רבנים — אָדער ווי זיי האָבען געהייסען דאַן, זעהר באַשיידען: „מורי הוראה", — און נאַטירליך, ווען אַלע ווילנער מורי הוראה, גדולי הדור, געפינען זיך אין „קלויז" דאַרף מען ניט וואַרטען אַז זיי זאָלען זאָגען עפּעס, מען פאַרשטעהט אליין וואָס דאָס מיינט: דער גרעסטער תקיף וועט ניט האָבען דעם מוטה צו טהאָן עפּעס געגען זייער ווילען, און דער חזן און די משוררים האָבען ניט אָנגעטהאָן די קליידער, דער „רעפאָרם" האָט זיך ניט איינגעגעבען... עס מעג זיין תקיפות, עס מעג זיין אַ ווילען צו מאַכען נייעס, אָבער פריהער ווי אַלץ און איבער אַלץ איז: דרך ארץ. דאַצו איז דאָס ווילנאַ!

דערזעלבער גייסט פון פאַרשטענדנים, ניט פון בלינדע עקשנות האָט געהערשט אין ווילנאַ שטענדיג. איינער פון די שעהנסטע ווילנער בעלי בתים, און אויך פון די רייכסטע איז געווען י אָ ש ע ל ע ו ו י ן. דער איד האָט געקאָנט דיענען אַלס אַ מוסטער מיט זיינע מדות. אויסער וואָס ער איז געווען זעהר פרום זיינען זיינע צדקות געווען אויסערגעוועהנליך. ניט נאָר צדקה אין געוועהנליכען באַגריף, נאָר ער איז געווען דער „משכיל אל דל" אין פיינסטען זין. ער האָט געהאָלפען אידען אוועקשטעלען זיי זיכער אין זייערע געשעפטען אזוי שנעל ווי ער האָט געוואוסט, אַז אימי־צענס געשעפטען זיינען ניט גוט, ער האָט פאַרהיט מענשען פון אונטער־גאַנג ווען קיינער האָט ניט געוואוסט די ריכטיגע לאַגע. זיין אויסערליכ־קייט ווי זיין אינערליכקייט איז געווען דאָס שעהנסטע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. צו אַלעם דעם איז ער געווען אַ איד אַ תלמיד חכם און אַ

מענש מיט א וועלטליכער בילדונג. דאָס אַלעס ווי עס פּאַסט פאַר ווילנא. אָבער נאָך איין אייגענשאַפט איז ער באַזעסען וואָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר ווילנא: ער איז געווען א חסיד, און ניט סתם א חסיד, נאָר פון די גרויסע יחסנים אין דעם ליבאַוויטשער „הויף". ווען דער ליבאַוויטשער רבי איז געווען אין ווילנא איז ער איינגעשטאַנען ביי איהם, ביי יאַשע לעווין, און מען האָט געדאַרפט זעהן וואָס עס הייסט „כבוד הרב", ווען צעהנדליגער מענשען זיינען געקומען צום רבי'ן, געוועהנליך דער גרעסטער טייל מתנגדים, האָט זיי דער רבי געבעטען זיצען און זיי זיינען געזעסען. דער בעל הבית אַליין, לעווין, איז געבליבען די גאַנצע צייט, שעה'ן לאַנג, שטעהן. ער איז דאָך א חסיד, וועט ער דאָך ניט זיצען אין דער געגענוואַרט פון רבי'ן. אין יענע יאהרען, איז דער ליבאַוויטשער רבי ארויסגעגאַנגען מיט א שאַרפער אַטאַקע געגען דעם ציוניזם און געגען די ציוניסטען, איז נאַטירליך יאַשע לעווין אויך געווען פון די געגנער צום ציוניזם. אין דערזעלבער צייט איז געווען וואהלען צו דער ערשטער רוסישער דומא, און דער קאַנדידאַט אין ווילנא געוועהלט צו ווערען איז געווען א באַקאַנטער ציוניסטישער פיהרער. די וואהל דורכצופיהרען איז געווען ניט פון די לייכטע זאַכען. די פּאָליאַקען אין ווילנא האָבען אויפגעשטעלט זייער קאַנדידאַט און מען האָט געמוזט פיל אָנשטרענגונג מאַכען דער אידישער קאַנדידאַט זאָל געוועהלט ווערען. יאַשע לעווין, וועלכער איז געווען זעהר אָנגעזעהן אין ווילנא, און מיט זיין מיינונג האָט מען זיך אין פיעלע קרייזען גערעכענט, האָט ניט נאָר גוטגעהייסען דעם אידישען קאַנדידאַט — וואָס אין אַנדערע ערטער וואו עס הערשט בלינדע איינגעשפּאַרטקייט וואָלט דאָס אויך געווען א שאלה, אויב חסידים זאָלען אונטערשטיצען א ציוניסטישען פיהרער אין דער צייט ווען מען קעמפט געגען ציוניסטען, און דאַצו איז דער קאַנדידאַט ניט סתם א ציוניסט, נאָר א קולטור־טרעגער און א פּרעדיגער און א רעדנער און א שטאַרקער קעמפּפער — נאָר ער האָט אויך געאַרבייט פאַר דעם קאַנדידאַט מיט זיין גאַנצער ענערגיע, און ווען מען האָט איהם געפרעגט אויב דאָס איז ניט קיין געגענזאַץ צו זיינע אַנטי־ציוניסטישע פּרינציפּען, האָט ער געענטפערט אין פּשטות:

— אַלס ציוניסט וועל איך איהם באַקעמפּפען, אָבער פאַר א מיטגליד אין דומא וועט ער מיט זיינע פעהיגקייטען געוויס ברייינגען נוצען, און דאַביי איז דאָס א כבוד פאַר אידען אַז מיר זאָלען אויספיהרען געגען די פּאָליאַקען, מוז מען פאַר איהם אַרבייטען.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס האָבענדיג אין ווילנא אַזאַ ריינע

„ירושלים דליטא"

אטמאָספערע איז דער ציוניזם אזוי גוט ווי אין די פריהערדיגע יאהרען די „חבת ציון", געווען זעהר פּאָפּולער. עס איז ניט געווען קיין חברה־זאך, נאָר עס איז געווען אן אלגעמיין אידישע אנגעלעגענהייט. דער שעהנער מנהג, וואס ליידער האט מען איהם ניט נאָכגעטהאָן, צו האָבען „שבת נחמו" אלס אַ ציוניסטישען שבת, איז אָפּגעהיט געוואָרען אין ווילנא ניט נאָר פון די אזוי־גערופענע „געשוואָרענע ציוניסטען", נאָר זעהר פיל חשוב'ע אָנגעזעהענע בעלי בתים, די „שפּיגעל" פון דער ווילנער קהלה, זיי־נען געווען דעם שבת אין דער גרויסער שוהל. דער חזן מיט די משוררים האָבען געדאַוונט, דער שטאָדט מגיד, אָדער ווען עס איז ניט געווען קיין מגיד, איינער פון די אָנגעזעהענע לאָקאַלע פיהרער, האט גע'דרשנ'ט און עס האט זיך געפיהלט אַ יום־טוב'דיגע שטימונג. דער ציוניזם איז דאָרט געווען ניט קיין נעבענזאך, אַ באוועגונג א י ן יודענטום. עס איז געווען אַ שטיק יודענטום. מענשען האָבען געגעבען דאָס לעצטע, מענשען האָבען געגעבען „מתן בסתר", מענשען האָבען געגעבען „לשם קוב"ה ושכינתיה" פאַר ארץ ישראל. אויב איינער פון די דאַמאָלסדיגע ווילנער בעלי בתים, אַ באַקאַנטער ציוניסט, האט שוין דאַן אין יענע יאָהרען זיין קאַפּיטאַל אריבערגעטראָגען אין ארץ ישראל און האט זוכה געווען צו זיין איינער פון די רייכסטע אידען אין ארץ ישראל, איז דאָס אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר ווילנא. דאָרט האט מען גענומען אַלעס וואָס מען האט געהאַלטען ערנסט ניט שפּילענדיג, ווי צום באַדויערען, אין אַלע אַנדערע שטעדט און לענדער.

אויך דער „מזרחי" האט זיין ערשטען פּונקט געפונען אין ווילנא. איינער פון די זעלטענסטע טיפּען פון ווילנער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע, ז ל מ ן ג ו ר ל א נ ד, איז געווען אָפיציעל דער פּאָרזיצער פון מזרחי. אַ איד מיט מערקווירדיגע אייגענשאַפטען, קען פיל לערנען, מאָדערן גע־בילדעט, זוכט אין יעדער זאך אַ מאָראַלישען שטאַנדפּונקט, לעבט וועגעטאַריש, שטיל און טיף פרום, איז פאָרזיכטיג ניט צו רעדען צו הויך און ניט אימיצען צו באַליידיגען, און אין זיין גאַנצען באַנעמען איז דאַ עטוואָס אייגענאַרטיגעס. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, געקליידעט אַנדערש ווי אַלע, און מען האט זיך צוגעקוקט צו זיינע פאַר'חלומ'טע אויגען און וואונדערבאַר איידעלע געזיכטסציגע, האט מען זיך געטראַכט: „דאָס איז עפּעס אַ איד פון העכערען סאָרט, ניט קיין דורכשניטס־מענש".

די פּאָפּולאַריטעט פון ציוניזמוס ביי די אידען האט אויך געווירקט אויף די אויסען וועלט, ביי די ניט־אידען. ד ו ד וו א ל פ ס א ן, זייענדיג

דריי הונדערט פינף און אַכציג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט באַזוכט ווילנא, האָט מען איבעראַל געפיהלט אַז אַן אַנערקענטער פאָלקס־פיהרער איז דאָ. קיין גרויסע אויסערליכע פּאַראַדען האָט מען ניט געקענט מאַכען פאַר איהם, עס זיינען דאָך געווען די צאַרישע יאָהרען אין רוסלאַנד, אָבער אויך ניט פייערנדיג איז דאָך געווען באַגלייט יעדער שריט פון וואָלפּ־סאָן'ען מיט פייערליכקייט. אין האָטעל וואו ער איז געשטאַנען האָבען אויך די קריסטליכע באַאַמטע און די פּאָליציי וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן וואַך געזאָגט שטילערהייד: „דאָ איז דער אידישער פּרעזידענט" — און די ווערטער האָבען געקלונגען מיט גרויס באַדייטונג. ווען מען האָט געמאַכט דעם אָפיציעלען קבלת פּנים איז דאָס געווען ניט אין קיין אייגענעם קרייז, נאָר אין הויז פון „צדקה גדולה", וואָס איז געווען אין ווילנא די אָפיציעלע אידישע קהלה־פיהרערשאַפט. ביי דעם קבלת־פּנים זיינען געווען אַנוועזענד אַלע רבנים און אַלע „פּרנסים", די קהלה פיהרער. דאָס זעלבע ביי דעם באַנקעט וועלכען מען האָט געגעבען לכבוד דעם גאַסט. עס האָט ניט געטראָגען קיין פּאַרטיי־כאַראַקטער, נאָר אַן אַלגעמיין אידישע אַנגעלעגענהייט. און ביי וואָלפּסאָנען איז דאָס געווען קענטיגער ווי ביי הערצל, אַז דאָס האָט ניט צו טאָן מיט די פּערזאָן, נאָר מיט דעם אמט וועלכען ער האָט געטראָגען.

ווילנא האָט געהאַט אין זיך אפשר מעהר ווי אַנדערשוואו פאַר־שידענע ריכטונגען און פאַרשידענע מיינונגען, אָבער אַלע האָבען גע־פיהלט אחריות פאַר דאָס גאַנצע יודענטום. עס איז דאָך „ירושלים דליטא"!

דריי הונדערט זעקס און אַכציג

נב.

כלל־אַרבייט

ווילנא אַלס „ירושלים דליטא" איז געווען ניט נאָר חשוב פאַר זיך אַליין. די אידישע ווילנא איז געווען אַ צענטער פאַר אידישע ענינים, מען קען זאָגן, פאַר אַלע אידישע ענינים. דאָס לעבען פון רוסישען יודענטום איז אין יענע יאָהרען געווען קאָנצענטרירט אין ווילנא. דאָס זיינען געווען יאָהרען, ווען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען אין אַלגעמיין, אין דער רוסישער מדינה, איז געשוואומען אויף הויכע וואַסער און דאָס זעלבע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם אידישען לעבען. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט ניט געבראַכט צו יאוש, עס האָט, אומגעקערט, פאַרשטאַרקט דעם קאַמפּס־ווילען, און דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין ניינצעהן הונדערט און פינף, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר איין עטאַפּ אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַן עטאַפּ וועלכען מען האָט איבערשעצט, אָבער יעדענפאַלס איז ער ניט אונווירקזאַם געבליבען. די דומא איז געווען, פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען זיך געבילדעט, די פּרעסע האָט, בעסער אָדער ערגער, געטראָגען אַ געזעלשאַפטליך־פּאָליטישען כאַראַקטער. ביי אידען איז געווען דער זעלבער געפיהל, אַז מען דאַרף זיך ניט צוריקציהען פון דער פּאָליטישער טעטיגקייט. עס זיינען געווען אספות, קאָנפערענצען, באַשפּרעכונגען, פּאָליטישע גרופּירונגען און אויך אַ שטאַרקע פּרעסע אין דריי שפּראַכען: העברעאיש, אידיש און רוסיש. די העברעאישע פּרעסע איז געווען ניט צו דערקענען פון די פריהערדיגע יאָהרען, עס זיינען געווען אַרטיקלען ניט סתם צו שמועסען וועגען פּאָליטיק, נאָר עס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען מיינונגען מיט שטאַרקייט און פעסטקייט, אַז די אַלגעמיינע רוסישע גרויסע צייטונגען האָבען אָפט רעאַגירט דאַרויף. אויך די אינפאָרמאַציע איז געווען אַקטועל, פריש מיט אַ שטאַרקען אונטערשלאַג. איבערהויפּט איז געווען שטאַרק אויף דעם געביט דער „הזמן", וועלכער איז געווען אַ לעבעדיגע פּאָליטישע צייטונג אין בעסטען זינען. די אידישע פּרעסע מיט'ן „פריינד" אַלס די גרעסטע צייטונג, האָט געהאָלפען ברייננגען געזעלשאַפטליכע פראַגען אין די ברייטסטע מאַסען, און אויך די רוסיש־אידישע וואָכענשריפטען זיינען געווען פון אַ געוויסער באַדייטונג. אין די גרעסערע אידישע שטעדט, ווי אין ווילנא,

צום ביישפּיל, זיינען געוועזן רוסישע טעגליכע צייטונגען, וואָס אָפיציעל זיינען זיי געוועזן אַלגעמיינע, האָבן ניט געהאַט קיין שטעמפּעל פון אידישקייט, פאַקטיש אָבער זיינען זיי געוועזן געשריבען און געטראָגען, אַמאָל אויך רעדאַגירט, פון אידען, און זיי האָבן אויך מיטגעהאָלפען צו האַלטען וואַך די אידישע מיינונג און אַמאָל אויך צו פאַרטיידיגען די אידישע אינטערעסען.

דריי הויפּט גרופּירונגען זיינען דאַן געוועזן אין אידישען לעבען אין רוסלאַנד, די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע, געפיהרט פון די צ י ו נ י ס־ ט ע ן, די אַ ל ג ע מ י י ן פּ אָ ל י ט י ש ע פאַר „דערגרייכען אידישע גלייכבארעכטיגונג" געפיהרט פון אַ גרופּע פּעטערבורגער עסקנים מיט'ן באריהמטען ו ו י נ אַ ו ו ע ר אָן דער שפּיץ, און די ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע, אין וועלכע דער „ב ו נ ד" האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע. צווישען די ערשטע מיט דער דריטער, די ציוניסטען און בונדיסטען, איז געוועזן אַ שטענדיגער ביטערער קאַמף, צווישען די ציוניסטען און די „דערגרייכער", ווי די צווייטע גרופּע האָט געהייסען, איז געווען מעהר אַן אידען־מלחמה, אָבער פיל ציוניסטישע פיהרער האָבען אויך טייל גענומען אין פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצען פון די „דערגרייכער".

ווילנא איז געווען אַ צענטראַלער פונקט פון אַלע פּאַרטייען און שאַטירונגען. די ציוניסטישע הויפּט־פיהרערשאַפט מיט דעם „ה ע ו ל ם" אַלס דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די רוסישע ציוניסטען, איז געווען אין ווילנא. אויך דער „בונד" און זיין פּאַרטיי אָרגאַן, אַ טעגליכע אידישע צייטונג, וועלכע האָט זעהר אָפט געמוזט בייטען איהר נאָמען, צוליב גזרות פון דער רעגירונג, זיינען געווען אין ווילנא. די „דערגרייכער", פון וועלכע די הויפּט־פיהרער זיינען געווען אין פּעטערבורג, האָבען אָבער זייערע פאַרזאַמלונגען אָפט אָפּגעהאַלטען אין ווילנא, וואו עס זיינען געווען, אויב ניט ערשט־קלאַסיגע, אָבער צווייטע און דריטע קלאַסיגע עסקנים פון דער ריכטונג. אויך די רעדאַקציע פון „הזמן" איז געווען אין ווילנא, דורך וועלכע עס זיינען געווען דאָן אַ גרויסע צאָהל פון אָנגעזעהענע, באַקאַנטע שריפטשטעלער. דאָס אַלץ האָט גע־ מאַכט ווילנא פאַר דעם חשוב'סטען צענטראַל פונקט פון אידישע טעטיגקייט.

עס איז דעריבער נאַטירליך אַז אויב מען האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אין די קרייזען פון רעליגיעזען אידענטום אַז עס איז דאָ אַ

כלל־אַרבייט

נויטיגקייט צו אָרגאַניזירען די פרומע אידען — איז דאָס אויך ענט־שטאַנען אין ווילנא. מען האָט אָנגעהויבען צו פיהלען אז עס איז ניט נאָרמאַל אז דאָס רעליגיעזע יודענהייט וועלכע איז גרויס אין צאָהל און שטאַרק אין גייסט — יעדענפאַלס איז דאָך דאָס רעליגיעזע געפיהל נאָך אַלץ דער שטאַרקסטער כח, מעהר ווי אַלע אַנדערע סענטימענטען אין דעם אידישען פאָלקס־לעבען — זאָל זיין שטום, ווען אַלע אַנדערע פאַרטייען און שאַטירונגען רעדען און שרייען, מאַנען און פּראָקלאַמירען. עס איז נאָך מעהר שמערצליך ווען אין דעם נאָמען פון דעם „שטומען״ רעדען אַנדערע און ער איז ניט בכח אָפּצולייקענען. דען ווער האָט ניט גערעדט אין דעם נאָמען פונ׳ם רעליגיעזען יודענטום? אַפילו דער „בונד״ האָט שטענדיג גע׳טענה׳ט, אז הינטער איהם שטעהען די „ברייטע אידישע שיכטען״, און אַלע שוסטער און שניידער, שווער־אַרבייטער און האַרעפּאַשניקעס זיינען געווען, לויט זיין מיינונג, זיינע „קליענטען״, אין דער צייט ווען דער גרעסטער טייל פון די אַלע, און ניינציג פּראָ־צענט פון די ברייטע אידישע מאַסען, האָבען געקענט און געדאַרפט גע הערען צו א גוט אָרגאַניזירטען כח פונ׳ם רעליגיעזען יודענטום.

עס איז דאַן ענטשטאַנען אין ווילנא, דורך איינעם פון זיינע חשוב׳סטע רבנים, א מענש מיט א שטאַרק ענטוויקעלטען חוש פאַר כלל־אַרבייט צוזאַמען מיט זיין גרויסקייט אין תורה, דער ווילען צו שאַפען אַזא אָרגאַניזאַציאָן מיט׳ן נאָמען „כנסת ישראל״. עס זיינען געווען, ווי דער שטייגער, פאַר־באַשפּרעכונגען און אויך א פאַר גרעסערע פאַרזאַמלונגען, אָבער, צום באַדויערען, ווייטער ווי דאָס איז ניט גע־קומען. ווי עס שיינט, קען אַן אָרגאַניזירטער כח געבויט ווערען און א השפעה האָבען נאָר ווען אין זיין גרונד־געדאַנקען ליגט עטוואָס פּאָזיטיווען און ממילא ווירקט ער אויך נעגאַטיוו געגען אַנדערע. ווען מען וויל אָבער בויען און שאַפען א געזעלשאַפטליכע פאַראייניגונג וואָס דער הויפּט־פּונקט — אויב מען זאָגט דאָס אָדער מען מיינט דאָס — איז נעגאַטיוו, נאָר מען האָפט אַז דאָס נעגאַטיווע וועט ממילא ברייננגען צום פּאָזיטיווען, איז דאָס ניט גענוג צעמענט אום צו האַלטען א באַ־וועגונג...

אַן ערשיינונג פון גרעסערער באַדייטונג פאַר דאָס רעליגיעזע יודענ־טום איז דאַן געווען אין ווילנא, דורך א גרויסע רבנ׳ישע אספה. די אספה האָט ניט געהאַט קיין לאָקאַלען כאַראַקטער, עס איז געווען צוזאַ־מענגערופען פון אַלע גרויסע רבנים און רביים פון רוסלאַנד און רוסיש־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

פוילען. מען איז צוזאַמענגעפאָהרען אין ווילנא, ווייל, ווי געזאָגט, ווילנא איז דאַן געווען דער נאַטירליכער צענטער פון אַלערליי אידישע אנגעלעגענהייטען אין דער רוסישער מדינה. אין דער אספה האָבען זיך באַטייליגט בערך דרייסיג פּערזאָן, צווישען זיי די באַקאַנטסטע ליטווישע רבנים און די פּאָפּולערסטע חסידישע רביים. דער פּאָרזיצענדער איז געווען א חשוב'ער ווילנער רב, וועלכער האָט געפיהרט די אספה מיט אַלע פּאַרלאַמענטאַרישע דינים. די הויפּט־פיהרער, הינטער די קוליסען, זיי־נען געווען צוויי: רבי חיים סאָלאָווייציק און דער ליבאַוויטשער רבי, רבי שלום בער שניאורסאָן. די צוויי פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען ווייט איינער פון אַנדערען, סיי אין כאַראַקטער און סיי אין זייער אינטעלעקטואַליטעט, האָבען געהאַט איין זאַך וואָס האָט זיי פאַראייניגט: די געפאַהר פאַר איינפיהרען נייעס אינם אידישען לעבען, און דאריבער דער ווילען צו ערהאַלטען אַלץ ביים אַלטען אָהן וועלכע עס איז ענדע־רונגען. דאָצו זיינען דיביידע געווען די פיהרער פון זייערע, אַזוי צו זאָגען, גרופּען. אין דער רבנישער און לומדישער וועלט איז געווען רבי חיים'ס וואָרט און מיינונג מאַסגעבענד. ער איז געווען אַנערקענט פאַר דעם גרויסען גאון, דעם שאַרפען מח און דעם אונערשראָקענעם גייסט. דער ליבאַוויטשער רבי איז אַלס רבי געווען פון די גרעסטע, דער איינציגער גרויסער רבי אין רוסלאַנד, אויסער פּוילען, און ער האָט זיך דאַן געמישט אין כלל־זאַכען פיל מעהר ווי אַלע אַנדערע פון זיין גלייכען, איז ממילא זיין וואָרט געהערט געוואָרען. דער אונטערשיד פון די ביידע איז דאָך געווען קענטיג. דעם ליבאַוויטשער רבין'ס כח איז געווען אַן אָרגאַניזירטער. ער איז געקומען מיט א גרויסער גרופּע פון רבנים, זיינע חסידים, און וואו ער איז געגאַנגען איז איהם נאָכ־געגאַנגען זיינער אַן אייגענער, וועלכער האָט געדינט אַלס סעקרעטער, נאָכגעטראָגען א שעהנעם פּאָרטפעל און גענומען נאָטיצען וואָס ער זאָגט א. ד. גל. רבי חיים ווידער, איז געקומען אין ווילנא צו דער אספה ווי זיין שטייגער איז געווען שטענדיג, איינער אַליין, שטיל פאַר זיך, אויסגעהיט זיך אַז ארום איהם זאָל קיינער ניט זיין. אינטערעסאַנט איז געווען, יעדעס מאָל ווען דער ליבאַוויטשער רבי האָט עפּעס געזאָגט ביי דער אספה, און האָט מיטגעהאַלטען דעם פּאַרלאַמענטאַרישען מנהג, ער האָט זיך אויפגעשטעלט צום רעדען, האָט זיך מיט איהם אויפגע־שטעלט א גרויסער טייל פון דער אספה, אַלע זיינע מקורבים, אַלע רבנים, זיינע חסידים א. ד. גל. ווילענדיג ניט ווילענדיג, האָט דאָס

געמאַכט אַ שטיקעל רושם. מאַנכער מתנגד האָט בשעת מעשה מקנא געווען דעם כבוד וואָס חסידים טײלען צו זייער רבי'ן, און מתנגדים קענען דאָס ניט אַפילו ווען זיי זאָלען וועלען... רבי חיים האָט איבער־הויפּט קיין לאַנגע רעדעס ניט געהאַלטען. ער האָט „אַ זאָג געטאָן" וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג און גענומען איינעם פון זיינע נאָהענטע אונטער'ן אָרעם און אַרויסגעגאַנגען „שמועסען אַביסעל". דער אונטערשיד איז געווען קלאָר: דאָ איז אַ פיהרער וועלכער הערשט, און דאָ איז אַ גייסט וועלכער באַהערשט... אויב צוליב דעם וואָס דער ליבאַוויטשער רבי האָט געשפּילט אַזאַ ראָלע, אָדער אַנדערע סבות זיינען געווען דאַבײ, די פּוילישע רביים וועלכע זיינען געקומען צו דער אספה, זיינען דאָרט לאַנג ניט געוועזען. זיי האָבען טײל גענומען אין איינע אָדער צוויי זיצונגען, און באַלד אַוועקגעפאָהרען.

אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער אספה זיינען געשטאַנען אַלערליי פראַגען, מאַנכע וועלכע האָבען געהאַט צו טאָן מיט דער רעגירונג, ווי ענינים פון גטין און חליצה, און פילע אַנגעלעגענהייטען פון אינערליכען כאַראַקטער. מען האָט באַהאַנדעלט שאלות פון ערציהונג, פון רבנות. און עס איז אויך געווען אַ שמועס וועגען גרינדען אַ צייטונג מיט אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. נאַטירליך, די וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז יעדע נייעס איז געפעהרליך זיינען אויך געווען געגען אַ צייטונג אַרויסגעבען. איינער אַ חסידישער רבי פון פּוילען האָט מאָטיווירט געגען דעם פאָרשלאָג פון אַ צייטונג, אַז אמת, אַ פרומע צייטונג וואָלט געבראַכט נוצען, אָבער ווי קען מען אַרויסגעבען אַ פרומע צייטונג ניט וויסענדיג וואָס די ניט־פרומע צייטונגען שרייבען, וועט דאָך דער רעדאַקטאָר מוזען לייענען „אַנדערע" צייטונגען. דער רעדאַק־טאָר ווידער מוז דאָך זיין אַ פרומער איד, טאָ ווי קענען מיר — האָט דער רבי גע'טענה'ט — הייסען אַ פרומען אידען ער זאָל לייענען טרפה צייטונגען?

דאָס אינטערעסאַנטסטע ביי דעם מאָטיוו איז דאָס, וואָס מאַנכע טייל־נעמער פון דער אספה האָבען געזאָגט, שטילערהייד נאַטירליך, אַז אויב צוליב דעם טעם, האָט דער רבי אַליין געקענט זיין דער רעדאַקטאָר, ווייל ער לייענט „אַנדערע" צייטונגען... ווען מאַנכע, וועלכע האָבען זיך פאַרהאַלטען ערנסטער צו דעם צייטונגס־פאָרשלאַג, האָבען געשטעלט די פראַגע: ווער וועט רעדאַגירען אַזאַ צייטונג? האָט רבי אליעזר גאָרדאָן פון טעלז, מיט זיין געוועהנליכער אָפענהערציגקייט געגעבען אַן עצה, מען זאָל נאָר האָבען גענוג געלד צו באַצאָהלען וועט מען קריגען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דעם ב ע ס ט ע ן רעדאַקטאָר פון אַן אנדער צייטונג, און האָט אָנגע־רופען א פּאָפּולערען נאָמען, וועלכער וועט פאר געלד שרייבע װאָס מ י ר וועלען וועלען און עס וועט זיין א גוטע רעליגיעזע צייטונג.

עס איז ביי דער אספה פארהאנדעלט געוואָרען די פראַגע פון גרינדען „ישיבות קטנות", און איינער פון די עלטסטע ביי דער פאַרזאמלונג, האָט געזאָגט מיט גרויס אויפרעגונג, אַז יעדער רב אין זיין שטאָדט דאַרף האָבען א חדר צו לערנען מיט אינגלאך גמרא. און דער חשוב'ער רעדנער האָט געזאָגט: „דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס נויטיגסטע וואָס א רב דאַרף טאָן. א מלמד זיין איז שענער ווי א רב און יעדער רב דאַרף גליקליך זיין ווען ער וועט קענען ווערען א מלמד דאצו".

די אספה וועלכע האָט געדויערט איינינע טעג האָט געמאַכט א שעהנעם איינדרוק, אָבער נאָר אויף א באַגרענצטע זעהר קליינע צאָהל מענשען, דען זי איז געווען, און האָט געמוזט זיין, צוליב דער רעגירונג, א געשלאָסענע פאַר'ן פּובליקום. אין דער עפענטליכקייט האָט מען ארויסגעגעבען נאָר קורצע ידיעות וועלכע האָבען ניט געקענט מאַכען קיין רושם. די ווירקונג פון דער אספה איז געבליבען אָבער כמעט ווי גאָר ניט. אויסער איינינע ענינים וועלכע מען האָט צו דער צייט איבערגעגעבען אין פּעטערבורג בנוגע געזעצליכע פראַגען אין אידישע דינים, זיינען אלע אנדערע רעזאָלוציאָנען געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר. די בעסטע פאַר־זאמלונג, אויב עס איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירטער כח אויסצופיהרען וואָס עס ווערט באשלאָסען, בלייבט, אין בעסטען פאַל, ניט מעהר ווי א דעמאָנסטראַציע.

נג.

לידאַ'ר ישיבה

די שטאָדט לידא געפינט זיך אין דער נאָהענטער שכנות פון ווילנא. עס איז נאַטירליך דעריבער אז ווען אין ווילנא שלאָגט א שטאַרקער אימפּולס פון קהל'שע טעטיגקייט און אידישע כלל ענינים זאָל דאָס האָבען אויף אזא שטאָדט ווי לידא א געוויסע השפעה. קיין וואונדער ניט וואָס גראָד אין יענער צייט, וואָס אייגענטליך איז געווען די שטימונג מעהר פאַר געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט אלס פאַר זיין איינגעשלאָסען אין „פיר איילען" פון לערנען, און אין די באשטעהענדע ישיבות האָט אויך געהערשט, וואו מעהר, וואו וויניגער, אן אומרוהיגער גייסט, זאָל גראָד דאַן געגרינדעט ווערען א נייע ישיבה, א ישיבה מיט א טענדענץ צו ווערען פון די גרעסטע מקומות התורה, אין דער שטאָדט לידא, וואו דער באַריהמטער גאון און פיהרער הרב ריינעס איז דאָרט געווען שוין פאַר יאָהרען לאַנג דער רב.

די גרינדונג פון דער לידאַ'ר ישיבה איז באמת געווען א פּראָדוקט פון כלל ארבייט אין הרב ריינעס'עס גייסט. עס דאַרף צוגעגעבען ווערען אז ניט די גרינדונג פון דער ישיבה אלס אזעלכע האָט געהאַט צו טאָן מיט דער צייט און דעם אָרט, דער געדאַנק פון אויפשטעלען א ישיבה מיט א געוויסען פּראָגראַם, האָט הרב ריינעס געהאַט ביי זיך שוין זייט יאָהרען און יאָהרען. ווען ער איז נאָך געווען א רב אין א קליין שטעדטעל, שווינצאַן, און ניט וויניג יסורים האָט ער געהאַט אויסצושטעהן פאַר די אבזיכט צו גרינדען א ישיבה, וועלכע, ווי עס האָט געהייסען, זאָל זיין אנדערש אין איהר אינהאַלט פון אַלע אַנ־דערע ישיבות וועלכע האָבען דאַן עקזיסטירט.

די גרעסטע רבנים און די באַריהמטעסטע ראשי ישיבה זיינען אויפגעטראָטען געגען הרב ריינעס און האָבען געמאַכט די גרינדונג פון דער ישיבה אונמעגליך. אויך מיט יאָהרען שפּעטער, זייענדיג שוין א רב אין לידא און באַנוצענדיג א פיל גרעסערען נאָמען ווי פריהער, איז הרב ריינעס צוגעטראָטען צו דער גרינדונג פון א ישיבה נאָך זיין אידעאַל, און עס זיינען שוין געדרוקט געוועזען און צושיקט געוואָרען דער פּראָגראַם פון די למודים — וואָס דאָס אליין איז געווען אן אויסערגעוועהנ־ליכע ערשיינונג אין ישיבות. עס איז אָבער דאַפון אויך ניט געוואָרען דאָס

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וואָס מען האָט ערוואַרטעט. ערשט אין די יאָהרען פון דעם שטאַרקען אויפשוואונג פון געזעלשאַפטליכען לעבען, און ווער נאָר עס האָט גע־טראָגען אין זיך אַ ווילען און ענערגיע עטוואָס צו שאַפען, האָט געזוכט די גינסטיגע צייט און שטימונג אויסצונוצען, איז דאַן אויך הרב ריינעס'עס לאַנג־יעהריגער וואונש פאַרווירקליכט געוואָרען.

דאָ האָט אָבער פאַסירט, וואָס עס געשעהט זעהר אָפט, ווען אַ לאַנג־יעהריגער שטרעבען קומט צו פאַרווירקליכונג, עס שטעלט זיך ארויס אַז דער אידעאַל און די טאַט איז ניט איינס און דאַסזעלבע. מען האָט געמיינט, אַז ווען הרב ריינעס וועט גרינדען אַ ישיבה, וועט דאָרט זיין, ווער וויים וואָס פאַר „חדושים". מען האָט געהאַלטען אַז הרב ריינעס איז אַ שטיק „רעוואָלוציאָנער" אין דער לומדישער וועלט, און דאַצו האָט ער שטענדיג באַטאָנט אַז מען דאַרף האָבען אַ ישיבה וואו מען זאָל אויך לערנען „למודי חול", איז דאריבער געווען די מיינונג אַז אין זיינער אַ ישיבה וועט זיין עטוואָס רעפאָרמאַטאָריש, און דאריבער האָט מען זיך אין געוויסע קרייזען, אַזוי־גערופענע השכלה־קרייזען, געפרעהט, אויך אין געוויסע גרופען פון ישיבה־לייט און עקזיסטירענדע ישיבות האָט מען מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרט די ערעפנונג פון דער לידאַ'ר ישיבה, און אין געגענטייל האָט מען אין די רבנישע קרייזען און צווישען די ראשי ישיבות געקוקט אויף דער נייער ישיבה מיט פאַר־דאַכט. ווען די ישיבה אין לידאַ האָט זיך געעפענט און זי האָט אַ געוויסע צייט עקזיסטירט, האָט מען אויסגעפונען אַז ניט די האָבען זיך וואָס צו פרעהען, און ניט די אַנדערע האָבען זיך וואָס צו שרעקען...

דער טעות איז באמת געווען אין דער ניט־ריכטיגער אָפשאַצונג פון הרב ריינעס אַליין, און דאַדורך איז ענטשטאַנען אַ פאַלשער באַגריף וועגען זיין ישיבה. ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס **הרב ריינעס** איז געווען פּאָפּולער, זעהר געשעצט און שטאַרק באַקעמפט, האָט מען איהם ווייניג געקענט. מען האָט איהם זעהר פיל און מיט אַבסאָלוטער אונרעכט אונטערשעצט אַלס גאון און אַלס צדיק. דאַגעגען האָט מען פון דערווייטענס זיך פאַרגעשטעלט איהם פיל „מאָ־דערנער" ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט. הרב ריינעס האָט, לויט זיינע גרויסע בקיאות אין אַלע חלקים פון דער תורה געקענט פאַר־רעכענט ווערען צווישען די גאַר גרויסע גאונים פון זיין צייט. אויך וואָס צדקות אַנבאַטרעפט, האָט דער יענער וועלכער האָט געזעהן די גרעסטע רבנים פון זיין צייט, ניט געקענט געפינען איין פונקט וועלכען הרב ריינעס זאָל זיין מעהר מקיל אָדער ווייניגער מחמיר פאַר זיך.

דריי הונדערט פיר און ניינציג

לידא׳ר ישיבה

דאצו איז געווען זיין התמדה אונגעהייער גרויס. ווען מען איז געקומען אין לידא — און זייענדיג אין ווילנא נאָהענט צו דער לידא׳ר ישיבה, איז אויסגעקומען אָפט צו פאָהרען און קומען אין לידא אָדער שפּעט אין אבענד אָדער גאַנץ פריה — איז אימער הרב ריינעס געזעסען און געלערנט און געשריבען תורה. און ניט נאָר אין זיין היים, נאָר וואו ער איז געפאָהרען, אויב דאָס איז געווען אין ווילנא, ווארשא, אָדער פּעטערבורג וואו ער איז געווען שוין זעהר קראַנק, א קורצע צייט פאר זיין שטאַרבען, איז געווען שטענדיג „לא פסק פומיה מגירסא״. עס איז דאַריבער ניט געווען קיין גרונד צו שטעלען איהם אין אַן אנדער מדרגה ווי אַלע גרויסע רבנים אין זיין דור. צוויי זאַכען זיינען נאָר געווען וואָס האָט געבראכט צו האָבען וועגען איהם אַן אַנדער מיינונג. דאָס ערשטע וואָס ער האָט זיך אָנגעאייגענט א נייעם נוסח אין שרייבען תורה, און צווייטענס, וואָס ער איז געווען אין זיין נאַטור זעהר שטרעבזאַם און האָט שטענדיג עטוואָס געזוכט, און דורך די שטענדיגע זוכעריי האָט ער אַליין געהאַט דעם איינדרוק אַז ער וויל עפּעס אנדערש ווי אַלע, און אַנדערע האָבען אויך געהאַט די זעלבע מיינונג אַז ער וויל שאַפען נייעס.

די „נייעס״ האָט מען אויך געזוכט אין דעם פאָרם ווי ער האָט געשריבען א גרויסען טייל פון זיינע ספרים. עס האָט געגעבען דעם איינדרוק, אַז אין דעם אנדער נוסח פון דער תורה ליגט אויך אַן אַנדער אינהאַלט. רבנים, לומדים, האָבען געהאַט אַלערליי אויסדריקע וועגען דעם „נייעם סאָרט לערנען״ פון הרב ריינעס. ער אַליין האָט אויך געהאַלטען אַז ער האָט עטוואָס נייעס געשאַפען אויף דעם געביט. מען פלעגט זאָגאר זאָגען אין זיין נאָמען א וואָרט וואָס עס איז אפשר ניט זעהר באשיידען, אָבער ענטהאַלט א גרויסע מאָס פון אמת. ער זאָל האָבען געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט אויסלערנען די וועלט צוויי זאַכען — לערנען און „זאָגען״. זאָגען האָבען זיי זיך אויסגעלערנט פון מיר, אָבער לערנען ניט...

דער אמת איז, אַז אין „זאָגען״ האָט הרב ריינעס געשאַפען א שיטה, דאָס וואָס מען רופט א „נייע שולע״ — ער האָט ענטוויקעלט אין זיינע דרשות, מיט גרויס טאַלאַנט און פארשטענדניס, אַקטועלע פּראָבלעמען; ער האָט באַוויזען א וועג ווי צו נוצען מאמרים, מדרשים, קלאָר און אינטערעסאַנט, און דאביי צופּאַסען עס צו געגענווערטיגע באַגריפען. ער האָט אין זיינע פיל דרשות־ספרים באַהאַנדעלט די

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אידישע לאָגע ניט אין איינצעלהייטען, ווי דאָס רוב דרשנים האָבען דאָס געטאָן ביז איינינע צעהנדליג יאָהר צוריק, נאָר ער האָט גערעדט — און גערעדט אויסגעצייכענט מיט לאָגיק און טעמפּעראַמענט — און געשריבען וועגען די אידישע לאָגע אין גאַנץ ברייטע, אומפאַסענדע שטריכען. ער איז צוגעגאַנגען, אין זיינע דרשות, צו דעם ענין פון ארץ ישראל פון א ברייטען קוק; ער האָט אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל דערקענט די לייזונג פון דעם אידישען פּראָבלעם גייסטיג און טיילווייז עקאָנאָמיש. דאָס וואָס אַנדערע האָבען געשריבען מאמרים, געבויט טעאָריעס און זיינען דאַדורך געוואָרען פּאָפּולער און אויפגע־שטעלט אין א געוויסען זינן תלמידים, האָט הרב ריינעס געטאָן דורך זיינע דרשות און דורך זיינע ספרים פון דרוש. אין דעם זינן האָט ער ווירקליך זעהר פיל תלמידים, און ער האָט מיט רעכט געקענט זאָגען — דאָס „די וועלט" האָט פון איהם געלערנט. וואָס אנבאטרעפט אָבער תורה, הלכה, האָט ער באמת קיין נייעם וועג ניט געשאַפען. דאָס איינציגע וואָס איז ביי איהם אָריגינעל זיינען די אויסדריקע אין גע־וויסע רעדענס־פאָרמען. מען קען אָבער נעמען יעדע שטיק תורה פון אירגענד וועלכען ספר פון הרב ריינעס און איבערשרייבען אין דעם געוויינליכען נוסח ווי אַנדערע לומדישע ספרים, און די תורה וועט ניט פאַרלירען די באַדייטונג מיט דעם ווערט, עס וועט נאָר זיין אביסעל קירצער... קיין וואונדער ניט דאַריבער וואָס אויף דעם געביט האָט „די וועלט" פון איהם ניט געלערנט. געוויס איז די תורה פון זיינע ספרים אין פיל ערטער זעהר גוט און שאַרף, רעכט „גאונות", אָבער גוטע תורה, שאַרפע תורה איז אויך דאָ אין אַנדערע ספרים פון יענעם דור, נאָר מיט אַן אַנדער נוסח. די „שרעק" פאַר „רעפאָרמען" און הרב ריינעס'עס דרך הלמוד איז געוועזן אומזיסט...

דאָס האָט אין דער ווירקליכקייט באַוויזען די לידא'ר ישיבה. ווען מען האָט געדאַרפט נעמען דאָרט א ראש ישיבה, האָט ער, הרב ריינעס, אַליין ניט געפונען קיין בעסערען ווי דעם באַריהמטען „מיטשעטשער עלוי" הרב רבי שלמה פאָליאַצעק, וועלכער איז געוועזן גרויס און חשוב אין דער לומדישער וועלט, און יעדע ישיבה וואָלט דאַן געהאַלטען פאַר א גליק צו האָבען איהם אלס ראש ישיבה. הרב ריינעס האָט זעהר פיל געהאַלטען פון די „שיעורים" וועלכע הרב פאָליאַצעק האָט געזאָגט. ער האָט אָפט צוגעהערט און האָט שטענדיג געפונען ווערטער פון באַ־גייסטערונג פאַר דעם „דרך הלמוד", ווייל, ווי געזאָגט, צווישען דעם אָרט לערנען פון אַנדערע, ווי ווייט עס איז געוועזן געבויט אויף לאָגיק



הרה"ג ר' יצחק יעקב ריינס זצ"ל, הרב מלידא

און גלייכהייט, און איהם, הרב ריינעס, איז קיין אונטערשיד ניט געווען, אויסער אין ווערטער. די ערוואַרטונגען פון פילע, מיט צופרידענהייט אָדער מיט שרעק, אַז אין דער לידא׳ר ישיבה וועט מען לערנען למודי חול, האָבען זיך אויך באַוויזען אַלס איבערטריבען. מען האָט געלערנט אביסעל תנ״ך, דקדוק און אויך עטוואָס רוסיש. דאָס אַלץ האָט אָבער קיין באַזונדער שטעמפעל אויף דער ישיבה ניט געלייגט. מאַנכע האָבען געזאָגט מיט שפּאַס אַז אין דעם געדרוקטען פּראָגראַם וועלכער איז געווען אויסגעאַרבייט פאַר דער ישיבה, זיינען געווען צוויי טייל, — דער ערשטער, פאַר למודי קודש, דער צווייטער, פאַר למודי חול, און די למודי חול האָבען זיך אָנגעהויבען מיט תנ״ך...

אויך די „וועלטליכקייט" פון הרב ריינעס איז באַשטאַנען אין תנ״ך און נאָך אַזעלכע למודי חול... מיט פרעמדע שפּראַכען איז ער ניט געווען באַקאַנט, געלעזען האָט ער פיל, אפשר אַלעס, אין העברעאיש. אָבער ווייטער איז ער ניט געגאַנגען. נאַטירליך די איינגעבאָרענע אינטעלעקטועלע פעהיגקייטען האָבען זיך געלאָזען דערקענען. ער האָט געוואוסט פון פאַרשידענע וועלטליכע פּראָבלעמען, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטישע פראַגען, אָבער דאָס איז ניט געווען זיין שטאַרקע זייט. ער איז געווען פיל מעהר גאון ווי „קענער", מעהר צדיק ווי „מאָדערן", און איז געווען אין זיין כאַראַקטער מעהר פּראַקטיקער ווי טעאָרעטיקער. אַלס פּראַקטישער מענש האָט ער זעהר שטאַרק מיטגעפיהלט דעם טרויעריגען צושטאַנד פון דעם אידישען פאָלק. ווען עס האָט עטוואָס פּאַסירט אַן אומגליק מיט אידען, איז דאָס געווען קענטיג אויף הרב ריינעס, עס האָט געווירקט אויף זיין גאַנצען וועזען. ער איז געווען שרעקליך אויפגערעגט, געוואָלט לויפען, טאָן, ער האָט דאַן ניט געקענט איינזיצען אויף איין אָרט.

עס האָט פּאַסירט פעלע ווען ער איז געקומען אין ווילנא צוזאַמענגערופען זיינע מקורבים, גערעדט מיט ביטערקייט: מען דאַרף טאָן, מען זאָל ניט זיצען רוהיג, עס איז אַן עולה פון די „גרויסע" וואָס זיי שרייען ניט, א. ז. וו. וואָס צו טאָן האָט ער אַליין אויך ניט געוואוסט און ניט געקענט אין יענע אומשטענדען. אָבער זיין „אהבת ישראל" איז געווען זעהר שטאַרק ענטוויקעלט. זיין צוטרעטען צום ציוניזם, דאָס וואָס עס האָט געהייסען ער איז דער פיהרער פון „מזרחי" — האָט געשטאַמט פון זיין „אהבת ישראל". זיין „חבת ציון" איז אויך געווען א פּראָדוקט דערפון. נאַטירליך, אַלס גרויסער איד האָט ער דעם אבסאָלוטען ווערטה פון ארץ ישראל שטאַרק געקענט, און האָט דאָס, ווי דער־

מאָנט, געבראַכט שטאַרק צום אויסדרוק. אָבער אין פ אָ ד ע ר ג ר ו נ ד איז בײַ איהם געשטאַנען צו זוכען הילף פאַר דאָס אידישע פאָלק און אויס־לייזען איהם פון זיינע צרות. דאָמיט איז געווען צו ערקלעהרען זיין צושטימונג צו אוגאַנדאַ, וואָס פיעלע האָבען ניט פאַרשטאַנען.

דאָס איינציגע וואָס די לידאַ׳ר ישיבה איז געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע ישיבות אין יענער צייט, איז דאָס, וואָס עס איז געווען אַ טראַ־דיציע פון געוויסע פּערזאָנען אַז די ישיבה פון וועלכע הרב ריינעס שטעהט בראש, דאַרף מען איהר העלפען און מען דאַרף זיך צו איהר בעציהען מיט באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, און דאַגעגען זיינען געווען אַזעלכע, וואָס אויך צוליב „טראַדיציע" האָבען זיי געזוכט איהר צו באַקעמפען. צו די ערשטע האָבען געהערט געוויסע פּערזאָנען פון מ אָ ס ק ו ו אַ און פון פּ ע ט ע ר ב ו ר ג, וועלכע האָבען אָנגענומען איינלאַדונגען צו קומען באַזוכען די ישיבה אין לידאַ. צווישען די וויכטיגע באַזוכער, פון וועלכע מען האָט זיך פיל פאַרשפּראָכען, איז געווען ב אַ ר אָ ן ד ו ד ג י נ צ־ב ו ר ג, וועלכער איז דאַן געווען אין זיין גלאַנץ. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מיליאָנער און ער איז געשטאַנען נאָהענט צו העכערע קולטורעלע לעהר־אַנשטאַלטען. דער באַזוך פון באַראָן גינזבורג, ווי אויך פון אַנדערע פּערזענליכקייטען, האָבען אָבער אַזוי ווייניג געהאָלפען דער ישיבה, אַזוי ווי ווייניג עס האָבען געשאַדעט געוויסע מענשען וועלכע האָבען געזוכט צו טעראָריזירען די יעניגע וועלכע האָבען געהאַט צו טאָן מיט דעם אַנשטאַלט.

די לידאַ׳ר ישיבה האָט עקזיסטירט ווי לאַנג הרב ריינעס האָט זי אויפגעהאַלטען מיט זיין אויטאָריטעט און מיט זיין ענערגיע. עס איז צו באַדויערען וואָס די וועלט מלחמה און גלייך דאַרויף דער טויט פון הרב ריינעס האָט געמאַכט אונמעגליך די ווייטערע עקזיסטענץ פון אַן אונטערנעהמונג פון וועלכען פיעלע האָבען זיך פאַרשפּראָכען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. ווען עס איז געווען ניט מעהר ווי אַן אַנדער ישיבה, איז דאָס אויך געווען גענוג גוט און ווינשענסווערט אַז איהר השפּעה זאָל לענגער אָנהאַלטען.

נד.

אַ אידישער גביר

אין יענע צייטען איבערהויפּט, און אין ווילנא ספּעציעל, זיינען די גרענעצען ניט געווען אבגעטיילט. אין א רב׳ס א הויז האָט מען גע־טראָפען ניט נאָר רבנים, און ביי א אידען א סוחר האָט מען געזעהן ניט נאָר סוחרים. די רבנות איז געווען א טייל פון דעם אידישען לעבען, ניט אזוי „גייסטיג״, ווי עס ווערט ליידער אין פילע ערטער דורך פרעמדע השפעות, אז מעהר ווי מיט נשמה-זאכען האָט דער רב ניט צו טהאָן, און, ווי געוועהנליך, ווען מען נעהמט אוועק דעם גוף פון דעם רבנישען ארבייטס-קרייז, ווערט אויך די נשמה וואָס וויטער קלענער און וועניגער... דאגעגען זיינען די אמאָליגע סוחרים, און אפילו גרויסע גבירים ניט געווען אזוי קאַפּיטאַליסטיש געשטימט אז זיי זאָלען קוקען אויף דעם וועלכער איז ניט קיין געלד-מענש פון אויבען ארונטער. אומגע־קעהרט, דער גביר אין יענע צייטען האָט, ניט וויסענדיג, ווי געפּיהלט זיך שולדיג וואָס ער האָט צו טאָן נאָר מיט חומריות, און דעריבער האָט ער א באזונדער הנאה געהאַט ווען עס איז געקומען צו איהם, א רב, א למדן, א משכיל, א. ד. גל. ער האָט איהם געגעבען א באזונ־דער אויפמערקזאמקייט און האָט געזוכט צו ווייזען אז זיי שטעהען ניט ווייט איינער פון דעם אנדערען.

נאַטיליך זיינען געווען אויסנאהמען, אזעלכע מענשען, וועלכע האָ־בען כאראקטעריזירט דעם „בעל גוף״ און זיי האָבען געהאַסט דעם אינ־טעליגענטען אידען, סיי אויב ער איז א למדן אדער ער איז א משכיל. פון אזא טיפּ האָט מען דערצעהלט אין ווילנא מעשיות פון א געוויסען שטאָדט-גבאי אַ פּ אַ ט אָ ו ו, וועלכער האָט געמיינט אז איבער געלד איז ניטאָ קיין זאַך העכער. די אַלע געשיכטען און לעגענדען האָבען באוויזען אז דער נאָרמאַלער טיפּ פון א אידישען גביר איז פּארקערט, איז צו אנ־ערקענען אינטעליגענץ בכלל און אידישע אינטעליגענץ באזונדערס. א כאראקטעריסטישער מענש אַלס גביר, אַלס א גרויסער סוחר, אין די מיליאָ־נען רובעלס, א מענש וועלכער האָט געמוזט נאָך זיין לאַגע, אַלס א קינד פון אָרימע עלטערען וואָס האָט מיט אייגענע פעהיגקייטען געדרעהט א גרויסע ראָד, זיין שטענדיג פּאַרטיפט אין געשעפטס-פּראָבלעמען און געלד-אינטערעסען און דאָביי איז ער געווען א אידעאַליסט, א שעהן־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גייסט און א ליעבהאָבער פון אלץ, וואס האָט צו טהאָן מיט אינטעלעק־טואַליטעט, איז געווען ח י י ם כ ה ן. ער האָט אייגענטליך ניט געהערט צו ווילנא, אזוי ווי ער האָט ניט אָנגעהערט צו ווארשא און צו אַנטווערפּען, צו כארקאָוו און צו בערלין, צו באקו און צו פּעטערבורג, און נאָך און נאָך שטעדט וואו ער איז געווען פארבונדען געשעפטליך און אויך געזעל־שאפטליך. ער, חיים כהן, איז געווען דער טיפּ פון גרויסקייט און ברייט־קייט אין פארנעהם, אין השגה, אין שטרעבען, אין ארבייטזאמקייט. דאָס אייגענארטיגע ביי איהם איז געווען וואס ער האָט זיין וועלען און זוכען גרויסקייט ניט באגרענעצט אויף זיינע געשעפטען, נאָר אויך בנוגע צו מענשען, וועלכע האָבען איהם נויטיג געהאט און זיינען איהם גע־שטאַנען נאָהענט. נאָך מעהר סימפּאַטיש איז געווען זיין אונצופרידענ־הייטען בנוגע צו כלל ארבייט.

דאָס לעצטע האָט זיך אַם שעהנסטען באוויזען ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל און האָט פּיעלעס באזוכט און געהאָלפען, אויך איינ־געסטעט קאפּיטאל אלס פּריוואט אונטערנעהמונג און געקויפט לאנד פאר דעם נאציאָנאל פאָנד — די קאָלאָניע „מ ק ו ר ח י י ם", לעבען ירושלים, איז אויף זיין ערד, און עס רופט זיך אויף זיין נאָמען — איז ער געווען קומענדיג צוריק פון ארץ ישראל צופריעדען און באגייסטערט, דאביי אָבער אומגליקליך. ער האָט געזאָגט, עס איז גוט און שעהן אָבער דאָס לאנד איז דאָך אזוי קליין, וואו וועלען מיר זיך אהינטהאָן מיט אונזערע גרויסע השגות? דאָס איז באצייכנונגס־ווערטה, ווייל על פּי רוב ליידען מיר פון צופּיעל הסתפּקות במועט אין כלל זאכען... עס דאכט זיך אונז אוים זעהר אָפט, אז עס איז צו גרוים דאָס וואס מען וויל טהאָן, און דע־ריבער ווילען מיר דאָס ניט קענען דערגרייכען... הלואי וואלטען מיר האלטען אז אונזער שטרעבען איצט איז צו קליין, מען דארף געהן פּיעל ווייטער...

עס איז געווען א פירמע, וועלכע האָט געהייסען „ד ע מ ב א און כ ה ן". די פירמע האָט געהאנדעלט מיט פּעטראָליום און האָט קאָנקורירט מיט די גרעסטע וועלט־מאגנאטען אויף דעם געביט, ר א ט ש י ל ד פון איין זייט, נ א ב ע ל פון דער אנדער זייט. מען האָט געהאלטען אין דער אידישער גאַס, אז די פירמע „דעמבאָ און כהן" איז אויך מיליאָנען־רייך. אין דער אמת'ן איז דארט געווען מעהר שכל ווי געלד, מעהר אונטערנעמונג ווי קאַ־פּיטאל, און מעהר ענערגיע ווי עקאָנאָמישער כח. די פירמע „דעמבאָ און כהן" וועלכע האָט זיך פארוואנדעלט אין דעם נאָמען פון חיים כהן אליין, איז געטראָגען געוואָרען פון דעם איין פּערזאָן. און דער איין

אַ אידישער גביר

פּערזאָן חיים כהן, איז געווען אַ אינגעל פון אַ קליין שטעדטעל, אָרלע, לעבען בריסק, וועלכער איז געבאָרען און ערצויגען אין ניט בעסערע און ניט ערגערע באַדינגונגען ווי אנדערע צעהנדליגע און הונדערטע טויזענדע אידישע קינדער אין די קליינע שטעדטלעך אין רוסלאַנד. צו זעכצעהן יאָהר האָט ער שוין חתונה געהאַט אין בריסק, מיט אַ פּשוט'ן אידענס אַ טאָכטער, און האָט געזוכט פּרנסה ווי אַלע אַנדערע טויזענדע און טויזענדע „יונגע לייטלעך" אין יענע יאָהרען. ער האָט אָבער זיך ניט צופרידענגעשטעלט צו זיין אַ צווייטע אָדער אַ דריטע האַנד. ער איז אַלע מאָל געגאַנגען צום קוואַל. ער האָט געטראַכט: עפּענען אַ קרעמעל און פאַרקויפען דאָרטען גאַזע — פּעטראָליום — מהיכא תיתא, אָבער דאַן, פאַרוואָס ניט פאַרקויפען גאַנצע פעסער? אויב פאַרקויפען פעסער גאַזע, פאַרוואָס ניט פאַרקויפען גאַנצע וואַגאָנעס צו די פעסער־פאַרקויפער, און אויב ברייגנען וואַגאָנעס, טאָ פאַרוואָס קויפען ביי אימיצען אין וואַרשאַ אָדער אַנדערשוואו, וואָרום ניט זיין אַליין אין באַקו, דאָרט וואו עס זיינען דאָ קוואַלען פון פּעטראָליום, און זיין איינער פון די ערשטע צו דעם הויפּט־קוואַל פון דעם געשעפט? און אַזוי לאָזט זיך אַוועק אַ יונגערמאַן, אָהן וועלט־קענטניס, אָהן שפּראַך־קענטניס, אפילו ניט רוסיש ריידען ריכטיג, און אָהן געלד, אין דער ווייטער וועלט, כמעט צו־פוס, אַ מהלך פון טויזענדע מיילען פון בריסק קיין באַקו, אויפ'ן ברעג פון שוואַרצען ים. קומענדיג דאָרט, זוכט ער באַקאַנטשאַפט מיט די אָרטיגע סוחרים, וועלכע האָבען אַ שייכות צו די קוואַלען און איינער אַן אַלטער רוסישער, האַלב־טאַטאַרישער, סוחר, זאָגט איהם:

דו וועסט מצליח זיין. דו ווילסט וויסען פון וואַנען וויים איך דאָס? וועל איך דיר זאָגען: דו האָסט שכל, און מענשען מיט שכל זיינען דאָ ווייניג אויף דער וועלט...

און שכל מיט ענערגיע און אַרבייט איז באמת מצליח אויף יעדען געביעט. פון דעם אָרימען יונגען מאַן איז אויסגעוואַקסען אַ סוחר פון וועלכען הונדערטע פאַמיליעס און צעהנדליגע שטעדט אין רוסלאַנד, און טיילווייז אין אויסלאַנד האָבען געלעבט, אַ סוחר מיט וועלכען ראָטשילד'ס פאַרטרעטער האָבען פאַרהאַנדעלט און נאָבעל'ס אַגענטען האָבען נאָכגעקוקט ווי און וואָס ער טהוט. אַן אַנדער מענש אויף זיין אָרט וואָלט אָבער פאַרשלונגען געוואָרען אין דער גרויסער פרעמדער וועלט, ווי פילע אַנדערע גבירים, וועלכע זיינען, וואָס מעהר גביר, געוואָרען ווייניגער איד. חיים כהן איז געבליבען אַ אידישער גביר, דער איד איז ביי איהם ניט נאָר געבליבען, פרום, טראַדיציאָנעל ווי ער איז געווען אין

זיין יוגענד, נאָר אויך געוואקסען, וואס מעהר גביר אלץ מעהר איד. די ברייטע וועלט און איהרע פארשידענע מעגליכקייטען האָבען אין איהם ענטוויקעלט א ברייטען האָריזאָנט אין דעם אידישען לעבען. ער האָט גע־זוכט שטענדיג צו זיין ארומגערינגעלט מיט אינטעלעקטועלע כחות, אויף וועלכען געביט עס זאָל ניט זיין. א גרויסער רב — איז געווען פון זיינע אינטימע פריינד, א שטארקער ברענענדיגער חסיד — האָט ער גע־הערט צו זיין אינטימסטען קרייז, א געבילדעטער מענש אין וועלטליכע זאכען — איז ער געווען פון זיינע נאָהענטע. נאָר איין באדינגונג, זיי זאָלען האָבען שכל און הארץ, געפיהל און פארשטאנד. און פריינד־שאפט ביי איהם האָט געמיינט אלץ צו דערצעהלען, וועגען אלץ מיישב זיין זיך וועגען אייגענע געשעפטען, וועגען כלל ענינים, וועגען צדקה, וועגען אונטערנעהמונגען, א. ד. גל. עס איז געווען קענטיג אז די וועלט פון געלד־מאכען איז איהם געווען ווייניג. ער האָט געזוכט ארויסצוגעהן פון מאטעריעלע גרענעצען און טאָן עטוואס גרויסעס אויפ'ן נאציאָנא־לען געביעט, אויפ'ן פעלד פון גייסטיגע ענינים, וועלכע קענען מיט געלד און מיט מאטעריעלע שטיצע געהאָלפען ווערען. ער האָט אויך אין איינפאכען געשעפטס־לעבען ניט געקענט דולדען קיין קליינליכקייט און קיין באגרענצטקייט. ער פלעגט זאָגען:

— איך פארשטעה ניט, ווען מען פרעגט א אידען ווי האָט ער אויס־געמאכט געשעפטליך, ענטפערט ער, ער האָט „געמאכט א לעבען". ווי מאכט מען דאָס גענוי צום לעבען? — אָדער מען פארדינט ווייניגער אָדער מען פארדינט מעהרער. אָבער פונקט וויפיעל מען דארף, ווי קען מען דאָס אויסרעכענען?

און נאָך מעהר האָט איהם פארדראָסען אין דעם אידישען כלל ווען מען איז ניט גענוג ברייטהערציג. באזונדערס ציוניסטישע קאָנגרעסען, מזרחי קאָנפערענצען, שטענדיג נאָר אלס גאסט, האָט ער אויסגעהערט די דיסקוסיאָנען און געזאָגט:

— וואָס איז די פעולה פון דעם ריידען, ווען עס קומט צו געלד גיט מען קלייניגקייטען. פארוואָס זאָלען די רייכע אידען פשוט ניט נעה־מען א גרויסען חלק פון זייער פארמעגען און אוועקגעבען? איך בין דאצו בערייט!

און דאָס איז געווען ניט נאָר געזאָגט. ער האָט ניט בערך געגעבען פיעל מעהר ווי אנדערע, סיי צו העלפען אינדיווידועלע מענשען און סיי אויף גרויסע וויכטיגע אידישע זאכען, ציוניסטישע איינגערעכענט. ער האָט ניט געוואָרט אז מען זאָל איהם בעטען, ער האָט זיך אליין אָנגעבאָטען.

אַ אידישער גביר

ווען ער איז געקומען אין פעטערבורג און ער האָט דאָרט ניט געהאַט געגוג באַקאַנטע, וועלכע זאָלען איהם פּאַראינטערעסירען אין צדקה־זאַכען, איז ער אַוועק צום ראַבינער, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון אידישע ענינים, און האָט זיך געמעלדעט צו איהם:

— מיין נאָמען איז חיים כהן, מיין אַדרעס איז דאָ און דאָ. איך קען געבען געלד ווען עס איז נויטיג. אויב איהר דאַרפט, לאָזט מיר וויסען...

פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט איהם שוין געלאָזט וויסען, און ניט איין גרויסע זאַך איז מיט זיין הילף געטהאָן געוואָרען. ווען עס האָט געהייסען אַז מען דאַרף איינעם פון די אידישע גרויסע געלד־יחסנים אַרויסהעלפען עס זאָל ניט קומען צו קיין חלול השם, האָבען דאָס ניט געטהאָן די „געבאָרענע אַריסטאָקראַטען", נאָר דער „אויפגעקומענער גביר", וועלכער האָט געזאָגט, אויב מען וועט לאָזען פאַלען דעם נעבּ־טיגען רייכען מאַן, וועלען מאָרגען אַלע רייכע לייט אויפהערען צו אינטע־רעסירען זיך מיט צדקה ענינים, און פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ער אַרויסגעטראָגען די לאַסט אויף זיך. קענענדיג פיעלע רייכע אידען, וועל־כע טהוען ניט זייער חוב אין צדקה זאַכען, ווי עס דאַרף צו זיין, האָט חיים כהן זעהר ווייניג געהאַלטען פון דעם טיפּ איד, וועלכער מיינט אַז געלד מאַכען איז דער עיקר. ווען ער פלעגט הערען, מען זאָגט אויף איינעם: ער איז דעם יאָהר אין זיין געשעפט גליקליך געוואָרען, האָט ער רעאַגירט און געזאָגט:

— איהר מיינט צו זאָגען, ער האָט פיעל געלד פאַרדיענט. גליקליך איז דאָס נאָך ניט...

ער האָט זיך פאַרהאַלטען זעהר קריטיש צו דאָס רוב אידישע סוחרים וועלכע זוכען ניט קיין נייע וועגען אין געשעפט, שאַפען נייעס, פּראָ־דוצירען זאַכען וועלכע זאָלען זיין אויסערהאַלב דער קליינליכער קאָנ־קורענץ, וועלכע הערשט אין דער אידישער גאַס. ער האָט איראָניזירט איבער דעם קרעמערישען גייסט וואָס איינער זוכט שטענדיג דעם צווייטען צו אונטערדריקען, נאָכמאַכענדיג אַ מאַנאַלאָג פון אַ סוחר:

— ווען איך האָב אַ געשעפט אין ביאַלאָסטאָק פון צוקער, וויל איך ניט אַז אַן אַנדערער זאָל אויך האָבען אַ צוקער־געשעפט אין ביאַלים־טאָק, אָבער ווען ער האָט אַ צוקער־געשעפט אין קרעמענטשוג, וואָס קימערט דאָס מיך? פון דעסטוועגען וויל איך בעסער ער זאָל ניט מצליח זיין, וויל ער קען נאָך קומען מיט זיינע צוקער אויך אין ביאַ־ליסטאָק. אָבער ווען אַ ביאַליסטאָקער סוחר האַנדעלט מיט זאַלץ, איז

דאָך דאָס געוויס מיך ניט נוגע, פון דעסטוועגן איז מיר ליעבער ער זאָל אין זאלץ ניט פיעל פאַרדינען, ווייל ער קען נאָך אָנהויבען האנדלען מיט צוקער. ווען אָבער איינער האָט ניט קיין צוקער־געשעפט ווי איך, נאָר האנדעלט מיט זאלץ און ניט אין מיין שטאָדט, אין ביאַליסטאָק, נאָר אין קרעמענטשוג, מעג איהם דאָך געוויס געהן גוט, נאָר . . . וואָצו זאָל איך מיר ברעכען מיין קאָפּ? זאָל ער בעסער מאַכען שלעכטע געשעפטען, בין איך זיכערער...

ער פלעגט אויך ריידען וועגען דעם וואָס מען איבערשעצט יעדען איינעם'ס רייכקייט און האָט לעכערליך זיך געאויסערט:

— ווען מען זאָגט איך, אז אייער פריינד פאַרדינט דעם יאָהר פופציג טויזענד רובעל, עסט איך אָפּ די הארץ נאָר פאַר פינף־און־צוואַנציג טויזענד; ווען אָבער מען זאָגט איך, אז אייער באַקאַנטער האָט צוגעלייגט פינף־און־צוואַנציג טויזענד רובעל, מעגט איהר זיך פרעהען פאַר פופציג טויזענד...

דען זעהר וויניג סוחרים האָבען פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרלירען און פאַרדינען, פאַרדינען און פאַרלירען ווי דער באַטרעפענדער חיים כהן. ער האָט דאָס גערופען: אָדער מען האָט געלד, אָדער מען איז „אויף יענעם זייט פון געלט". ער האָט אָבער שטענדיג דערצעהלט א קלוגען וואָרט פון רבי יוסף בער בריסקער, אז ווען אמאָל אין א שלעכטע צייט, איז ער, חיים כהן, געוועזן זעהר ענטוישט אין זיינע גרויסע און שווערע אונטערנעמונגען, איז ער, זייענדיג אין בריסק, אוועק צו רבי יוסף בער'ן, און קלאָגענדיג זיך פאַר איהם האָט ער געזאָגט: רבי, איך וואָלט וועלען גאָר ניט האָבען און גאָר ניט שולדיג זיין. האָט רבי יוסף בער איהם צוגעפיהרט צום פענסטער און אָנגעוויזען אויף א דורכגעהענדען בעטלער און געזאָגט:

— איהר זעהט, אָט ער האָט גאָר ניט און איז קיינעם ניט שולדיג...

אויך פון דעם שטאַנדפונקט אז געלד איז ניט קיין שטעהענדע זאַך, אז אויב מ'האָט דאָס איז מען ניט זיכער מיט דעם, נאָר ס'איז פליסענד, א געוויסע צייט האָט מען און שפּעטער ווערט דאָס פאַרשוואונדען, צוליב דער סיבה אָדער אַן אנדערע, בפרט ביי אידען — האָט חיים כהן געקוקט אויף די גבירים וועלכע האלטען זייער געלד אוועק פון צדקה עניים, אין גרויסען מאסשטאַב, ניט אלס שלעכטע מענשען, נאָר אלס קליינליכע מענשען. ער האָט דעריבער פיעל מעהר געשעצט אן אינטעליגענטען מענשען, אן אָרימאַן, אלס א גרופּע גבירים וואָס מיינען אז געלד איז אלעס. אָבער אויך אויף באַקאַנטע פערזאָנען האָט ער זיך ערלויבט

אַ אידישער גביר

צו קריטיקירען ווען עס האָט דעם באַטרעפענדען געפעהלט קלוגהייט. איינער פון זיינע באַקאַנטע, אַ געוויסער געלעהרטער, איז געווען פאַר־רעכענט און אויך פאָטאָגראַפירט אַלס איינער פון די „חכמי ישראל". האָט ער געזאָגט אויף איהם:

— פון די „חכמי ישראל" איז ער אפשר, אָבער קיין ח כ ם איז ער דאָך ניט...

ווויסענדיג ווי שווער עס איז צו געפינען מענשען מיט פיעל מעלות, האָט ער אַמאָל בארוהיגט זיינעם אַ באַקאַנטען וועלכער האָט זיך באַ־קלאָגט פאַר איהם, אַז ער זוכט אַן איידעם נאָך זיין געשמאַק און ער קען ניט געפינען, האָט ער איהם געזאָגט:

— ווען איך זוך אַ פריינד מיט וועמען צו פאַרברייננגען, עס מאַכט מיר ניט אויס וועלכער מין, וועלכער עלטער, אויב רייך אָדער אָרים, אויב שעהן אָדער מיאוס, נאָר עס זאָל קענען זיין אַ פריינד, איז עס מיר שווער צו געפינען. און איהר ווילט אַן איידעם, מוז ער דאָך זיין פון אַ באַשטימטען מין, און אַ באַשטימטען עלטער, און דאַצו ווילט איהר ניט קיין אָרימאַן, און אייער טאָכטער וויל דוקא ניט קיין מיאוס'ן, און ער זאָל אויך געפעלען, דאָס הייסט, זיין אייערער אַ פריינד — ווי קענט איהר דאָס געפינען?

פראַקטישער פאַרשטאַנד און שטרעבזאַמקייט אין אַ גרויסען מאַס־שטאַב זיינען געווען דאַן די צוויי אונבעדינגטע נויטיגקייטען פאַר אידי־שע גרויסע סוחרים, דען בירושה האָט קיינער דאַן קיין רייכקייט ניט געהאַט אין דער אידישער גאַס, און אויב עס זיינען געווען אויסנאַהמען, וואָס אימיצער איז געווען רייך אין צווייטען דור, — אין דריטען איז קוים געווען דער פאַל, — האָט מען אויך געמוזט מיט אַלע וואַכזאַמקייט היטען דאָס ביסעל אייגענס, דען שטאַרק געבויטע געשעפטען, פעסטע אונטערנעהמונגען, וועלכע זאָלען מעהר אָדער וועניגער פיהרען זיך מיט ענערגיע, ווי ס'איז אָפט דער פאַל אין דער גרויסער געשעפטס־וועלט, איז דאַן ביי אידען ניט געווען. אויך זיינען ניט געווען קיין צופעליגע רייכטהימער, דורך דער בערזע אָדער דורך פרייזען ספּעקולאַציאָנען, דאַ־פון האָבען אידען זעהר וועניג געוואוסט. יעדער רייכער איד און יעדער גרויסער געשעפטסמאַן האָט ערוואָרבען זיין קאַפּיטאַל און זיין נאָמען דורך שווערע און אונערמידליכע אַרבייט און אָנשטרענגונג. נאָר אין דער צייט ווען דער גרעסטער טייל פון אידישע גבירים האָבען זייער שטרעבזאַמקייט אויסגענוצט נאָר פאַר זיך און געטראַכט נאָר וועגען זייערע אייגענע אינטערעסען, זיינען געווען יוצאים מן הכלל, צו וועלכע

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

חיים כהן אלס איינער פון די שטאַרקסטע און שעהנסטע טיפּען, האָט געהערט. ער האָט געשטרעבט שטענדיג, אין זיינע שווערע צייטען און אין זיינע גוטע יאָהרען, צו גרויסעס פאַר דאָס אידישע פאָלק. ער האָט פארשטאַנען די אידישע נויט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און גייסטיג, און האָט אלץ געהאָלפען מיט דער ברייטער האַנד, און שטילערהייד. ניט צו־ליעב איבערטריבענע ענוה, נאָר ווייל ער האָט געהאלטען אז ס'איז אלץ צו ווייניג און וויפיעל מען גיט איז דאָס שטענדיג ניט גענוג. ער פלעגט זיין שווערען געמיטה און זיין ביטערקייט אויסגיסען ניט נאָר אין גע־שפּרעכען, נאָר אויך אין לאַנגע בריעף, וועלכע זיינען געשריבען אין א פליסענדען העברעאיש. ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט ער געהערט צו די יעניגע וועלכע האָבען געהאָפּט אויף אַן ענדערונג אין דעם אידישען גורל דורך די גרויסע איבערקעהרעניש. ער האָט ניט דערלעבט, צום באַדויערען, די שעהנע טעג ווען דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעהויבען צו האָפען אויף גרויסעס אלס דירעקטער מלחמה־אויס־גאַנג. זיין גייסט איז אָבער דאָ ניט נאָר אין זיינע גרויסע אונטערנעה־מונגען, נאָר נאָך מעהר און זיכערער, אין ארץ ישראל. ניט אלע גבירים זיינען זוכה דאַצו.

פיר הונדערט זעקס

נה.

דייטשע אָרטאָדאָקסי

ווען מען איז ארויסגעפאָהרען פון רוסלאַנד אין דייטשלאַנד, האָט מען געפיהלט גלייך אויפ'ן גרעניץ דעם אונטערשיד. עס איז ניט ווי מען איז געוואוינט אין אנדערע לענדער, אז דער גרעניץ צווישען איין לאַנד און דער אנדערער איז מעהר א קאָנווענציאָנעלע זאך, העכסטענס פיהלט מען דעם אונטערשיד אין דער שפראַך. דאָרט האָט מען געקענט במעט אָנטאַפּען דעם חילוק צווישען דעם זייט גרעניץ, וואו עס האָט געהערשט רוסישע ארדנונגען, פאָליציייאישע גראָבקייט, אפילו פון דעם קאָנדוקטאָר אין באהן, שמוציגקייט אין די וואגאָנעס אויך אין צווייטען קלאַס, און איבערהויפּט די שרעק וועלכע איז געווען אויף יעדען, קומענדיק צום גרעניץ, טאָמער וועט מען עפּעס אויסגעפינען ניט כשר, טאָמער האָט דער זשאנדאר א קוק געטאָן מיט א בייזע אויג — און פון דער אַנדער זייט, אזוי שנעל, ווי מען איז דעם גרעניץ אריבער, האָט מען ווי געפיהלט די קולטור פון דער וועלט. די וואַגאָנעס האָבען געגלאַנצט פון זויבערקייט, פאספּאָרטען האָט מען דאָן ניט געפרעגט, דעם קאָנדוקטאָר'ס דייטש האָט געקלונגען מלא חן, און די דייטשע זשאַנדארען און פּאָליציי-לייט האָבען זיך אויסגעדאכט ווי די מוסטערהאפטע איידעלקייט.

אריינפאָהרענדיג אין דייטשלאַנד איז מען געווען ווי באצויבערט פון אלץ וואס מען האָט געזעהן, פון אלץ וואס מען האָט באגעגענט. בפרט נאָך ווען „דער לשון האָט ניט אוועקגע'הרג'עט", און מען האָט געקענט פריי צוזאמענריידען זיך, מען האָט געקענט לייענען די דייטשע צייטונגען, וועלכע מען האָט באוואונדערט מיט וועלכע פרייהייט מען רעדט — איז ניט געווען קיין גרעניץ צו באגייסטערונג, און מען האָט געמיינט אז שעהנער און בעסער ווי דייטשלאַנד קען גאָר ניט זיין.

און דאָס זעלבע וואס עס איז געווען אין דעם אלגעמיינעם לעבען האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם אידישען לעבען, גאַנץ באזונדערס אין דעם פרומען אידישען לעבען. מען האָט געזעהן פאר זיך פרומע אידען, „שטרענג" פרומע, וועלכע זיינען נאָך אין געוויסע ענינים מעהר מחמיר ווי די רוסישע אידען, און דאביי איז אלץ אזוי שעהן, אזוי גלאַנציג, אזוי „מאָדערן", אז מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, דאָס איז דער „אידעאַל" פון אידישקייט. גאַנץ באזונדערס איז געווען

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דער איינדרוק שטאַרק ווען מען איז געשטאַנען נאָהענט אין באַציהונגען צו דער „ע ד ת י ש ר א ל" געמיינדע, אָדער ווי מען האָט דאַן גערופען, צווישען רוסישע אידען, די ה י ל ד ע ס ה י י מ ע ר געמיינדע. מען האָט דאָרט געזעהן פאַר זיך אידען מיט דעם טיטעל „פּראָפעסאָר", „געהיימראַט", און נאָך אַזעלכע קלינגענדע נעמען, וואָס אין רוסלאַנד האָט מען זיך איבערהויפּט ניט געקענט פאָרשטעלען אַלס אידען, וועלכע האָבען אַ שייכות מיט אידישקייט, און דאָ, אין בערלין, זעהט מען, צום ביישפּיל, פּראָפעסאָר ב ע ר ל י נ ע ר, אָדער געהיימראַט פּראָפעסאָר ב א ר ט, קומענדיג אין שוהל, און מען ווייס אַז זיי פאַרפעהלען ניט מנחה צו דאַווענען. דאָס האָט געהאַט אַ באַזונדער צויבערקראַפט אין יענער צייט. און ניט נאָר איינצעלנע פּערזאָנען, נאָר דער גאַנצער צבור האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, ווען שבת, למשל, זעהט מען פאַר זיך אין דער „עדת ישראל" שוהל אַ גרויסען עולם, אַלע פייערליך אָנגעטהאָן, אויף יעדען קאָפּ גלאַנצט אַ צילינדער מיט זיין גאַנצען פּראַכט, אויבען אויף דער פרויען־גאַלערי איז פול באַזוכט מיט פרויען, ניט ווייניגער ווי די מענער, רייך געקליידעט, אויך יוגענד איז דאָ אין אַ גאַנץ גרויסער צאָהל, און אויף אַלעמען רוהט אַ שבת'דיגע שטימונג און אַ צופרידענהייט פון רוהיגקייט, דאָס אַלעס אין פאַרגלייך מיט די בתי מדרשים אין די קליינע שטעדטלאַך אין רוסלאַנד, אָדער אפילו די שוהלען אין די דאָרטיגע גרויסע שטעדט, וואו עס האָט געפעהלט דאָס צערעמאָניעלע אין גאַנצען, וואו די „ווייבערשע שוהל" איז באַשטאַנען אַם מייסטען פון עלטערע פרויען, וואו די אָרימקייט און די אומרוהיגקייט האָט אויך דער שבת ניט שטאַרק צוגעדעקט — האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם.

אָבער ניט די אויסערליכקייט אַליין האָט געהאַט אַ געוויסע צוציהונגס־קראַפט. עס איז געווען וואָס צו געפעלען אויך אינערליך. בראש פון דער קליינער, בערך, געמיינדע „עדת ישראל" זיינען געשטאַנען פּערזאָנען וועלכע האָבען געהאַט איינענשאַפטען, וועלכע מען באַגעגענט ניט אָפט. דאָס זיינען נאָך געווען די „וועטעראַנען" פון רבי עזריאל הילדעסהיימער'ס עפּאָכע: פּראָפעסאָר ב ע ר ל י נ ע ר און דאָקטאָר ה אָ פ מ א ן, ביידע פון די ערשטע גרינדער, פון דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסי אין דייטשלאַנד, וועלכע זיינען געווען ערציהער פון אַ גאַנצען דור און בויער פון אַ שיטה. איבערהויפּט קען מען דאָס זאָגען אויף דר. האָפמאַן. ער איז געווען פאַררעכענט, און וואַרשיינליך מיט רעכט, אַלס דער גרעסטער למדן אין דייטשלאַנד, ער איז געווען דאָרט דער „משיב", פון איבעראַל האָט מען זיך געווענדעט צו איהם מיט „שאלות", און ער האָט אַלעמען

דייטשע אָרטאָדאָקסי

געענטפערט געגוי, פּרעציז, אָהן פּלפּולים, אָבער קלאָר און דייטליך, ווי א דייטשער געלעהרטער. דאָבײ איז צו באַמערקען, אז עס זיינען דאָרט געווען שאלות פון ניט געוועהנליכען אַרט, עס זיינען געווען פיעל פראַגען פון דינים וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט נייעסטע לעבענס-פאָרמען, ווי עלעקטריציטעט, טעלעפאָן, א. ד. גל. דר. האָפמאַן איז געווען א גרויסער בקי און האָט געהאַט, וואס מען באצייכענט אין דער לומדישער וועלט: „שכל הישר", און מיט די אייגענשאַפטען פון בקיאות און גלייכקייט, האָט ער געווירקט און בעאיינפלוסט אין שטרענג רעליגיעזען און טראַדיציאָנעלען זינען. אָבער אויסער לומדות, איז ער, דר. האָפמאַן, אויך געווען א וויסענשאַפטלער פון דער ערשטער מדרגה, איבערהויפּט האָט ער געשאַפען פיל אויף דעם געביט פון תורה שבכתב. ער איז געווען פון די ערשטע, אויב ניט דער ערשטער, וועלכער איז אַרויס אין אָפענסיווען קאַמף געגען ביבעל קריטיק. ער האָט געשריבען א גרויס ווערק געגען וועלהויזען, און האָט מיט זיין חבור וועגען „ויקרא" ניט נאָר פאַרטיידיגט נאָר געהויבען דעם פּרעסטיזש פון טראַדיציאָנעלען יודענטום. נאָך מעהר אָבער, ווי אַלס למדן און געלעהרטער, איז דר. האָפמאַן געווען אויסגעצייכענט אַלס מענש. ניט קוקענדיג דאַרויף וואס ער איז געווען געקליידעט מאָדערן, ווי נאָך זיינע יאָהרען, און האָט זיך באַנומען גאַנץ אייראָפּייאיש, געבענדיג דאַמען די האַנד, לאָזען א פרוי געהן פאַראויס, וואס אין רוסלאַנד האָט מען דאָס דאַן אין פרומע קרייזען ניט געזעהן, טראָץ אַלעם דעם, האָט מען געזעהן אין איהם דעם טיפּ פון א צדיק. זעהר באַשיידען אין זיין ריידען, ניט קיין שפּור פון גאוה, אָבגעהיט אין מצוות, שטענדיג געזעסען און געלערענט, גוטמוטיג צו יעדען, א שטאַרקער מכבד תלמידי חכמים, ליעבענסווירדיג צו זיינע תלמידים, אין ראַבינער סעמינאַר, און ועל כלם א אוהב ישראל, אַלע אידען, ניט נאָר דייטשע אידען, דען אין דעם לעצטען זיינען פיעל פון דייטשע „גדולים" שטאַרק „נכשל" געוואָרען. זיי זיינען געווען איידעל און פיין, אפילו פרום און גוט, אָבער אויף א רוסישען אידען האָבען זיי געקוקט פון אויבען אַרונטער. זיי האָבען פשוט ניט פאַרשטאַנען דעם רוסישען אידען, ניט זיין תורה און ניט זיין חכמה, און אודאי ניט זיין פרומקייט. זיי האָבען גע'משפט דעם רוסישען אידען נאָך זיינע בגדים, וועלכע זיינען ניט שטענדיג געווען גאַנץ ריין אדער „נעט", ווי דער דייטש וויל, און האָט אויך געהאַט מעהר טעמפּעראַמענט ווי דער דייטש איז געוואוינט. דר. האָפמאַן האָט צו דער קאַטעגאָריע פון דייטשע אידען ניט געהערט.

אין דעם זעלבען גייסט האָט אויך געלעבט און געווירקט פּראָפע-

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

סאַר ב ע ר ל י נ ע ר. ער איז געווען אַן אויטאָריטעט אין געשיכטע, איבער־הויפּט איז ער באַוואוסט מיט זיין ליטעראַרישע אַרבייט וועגן ר ש "י, און אויך מיט זיין געשיכטע וועגן די אידען אין איטאַליען. פאַרטיפט אין פּראָבלעמען וועלכע האָבען צו טהאָן מיט דורות פריהער, איז ער גע־בליבען דאַביי פריש און וואכזאם צו אַקטועלע פראגען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדען איינצעלנעם מענשען וועלכער איז געקומען צו איהם און האָט שטענדיג געוואוסט, וואס עס געהט פאָר אין דעם אידישען כלל־לעבען. זייענדיג זעהר פרום, א זהיר במצוות, איז ער ניט געווען באַ־הערשט מיט'ן גייסט פון קאַמף ווי מאַנכע אַנדערע אין יענער צייט. ווי עס שיינט, איז דארין געווען זעהר שטאַרק דער גייסט פון רבי ע ז ר י א ל ה י ל ד ע ס ה י י מ ע ר, אַז מען זאָל באַקעמפען די פרייהייט ניט מיט מלחמה און שנאה, נאָר מיט פּאָזיטיווע אַרבייט אין רעליגיעזען זינען, און ווען דאָס פּאָזיטיווע וועט ברייגנען גוטע פרוכט אינ'ם געווינשטען גייסט, וועט דאָס נעגאַטיווע פון זיך אַליין פאַרשווינדען. דאמיט האָט זיך אונטערשיידעט אין יענער צייט מעהר ווי שפּעטער, ב ע ר ל י ן פון פ ר א נ ק פ ו ר ט, אָדער פרעציזער געזאָגט, די „הילדעסהיימעריאַנער" פון די „הירשיאַנער", די תלמידים פון ר ב י ש מ ש ו ן ר פ א ל ה י ר ש. די לעצטע האָבען זיך געהאַלטען פאַר די „זאַלץ פון דער אומה" און געקוקט ניט גוט אויף אַלע וועלכע זיינען ניט געווען ווי זיי, בפרט אין יראת שמים. די וועלט־אַנשויאונג, צו זיין מילדער צו אידעען־געגנער אָדער שאַרפער, האָט אויך געשפּילט א ראָלע בנוגע צו דער שטעלונג פון דער דייטשער אָרטאָדאָקסי צום צ י ו נ י ז ם, אָדער גענויער געזאָגט, צום מ ז ר ח י.

ניט קוקענדיג דארויף וואס די הויפּט פיהרערשאַפט פון דעם מזרחי איז דאַן געווען אין פראנקפורט, און בראש פון דעם מזרחי צענטראַל ביורא זיינען געווען אנגעזעהענע פערזענלאַכקייטען, מיטגלידער פון דער אָפּשפּאַלטונגס־געמיינדע, ד. ה. פון דער געמיינדע וועלכע הירש האָט גע־גרינדעט און געפיהרט, און נאָך איהם זיין איידעם, ד ר. ב ר ו י ע ר, וועל־כער איז געווען דער רב, איז דער ציוניזם און דער מזרחי געווען אין די דאָרטיגע פרומע קרייזען אונפּאָפּולער. דער רב אַליין, דער דערמאָנטער דר. ברויער און אַלע אַנדערע אנערקענטע פיהרער פון דער געמיינדע, זיי־נען געווען אויסדריקליך געגען, און מאַנכעס מאָל פיינדליך געגען דעם נאַציאָנאַלען געדאַנקען און ציוניסטישע טעטיגקייט אפילו אין מזרחי־גייסט. גאַנץ אַנדערש איז דאָס געווען אין בערלין. די שטימונג איז געווען א פיל מילדערע. דר. האָפמאַן, דער גייסטיגער פיהרער און דער

דייטשע אָרטאָדאָקסי

אנערקענטער פוסק ביי די דאָרטיגע פרומע אידען, האָט גע׳פּסק׳ענט אויף שאלות פון מאנכע וועלכע האָבען איהם געפרעגט אויב זיי זאָלען איינטרעטען אין דער מזרחי אָרגאַניזאַציאָן, אַז זיי זאָלען דאָס טהאָן. מאנכע פון די, וועלכע האָבען איהם די שאלה געפרעגט, זיינען שפּע־טער געוואָרען מזרחי פיהרער. ער אַליין, דר. האָפמאַן, ווי אויך פּראָ־פעסאָר בערלינער, האָבען זיך אינטערעסירט מיט פאַרשידענע מזרחי פראַגען און ציוניסטישע פּראָבּלעמען.

עס איז אָבער געווען מעהר ווי דאָס. אין די קרייזען פון „עדת ישראל" אין בערלין איז געווען ליבע און באַגייסטערונג פאַר ארץ ישראל. אין ראַ־בינער סעמינאַר איז געווען אַ באַזונדער פאַך ג ע אָ ג ר אַ פ י ע פ ו ן א ר ץ י ש ר א ל, און דער לעהרער דאַפון איז געווען דר. הירש הילדעס־היימער. דער אמת איז, אַז ניט ווייל מען האָט געוואָלט לערנען די געאָ־גראַפיע פון ארץ ישראל איז דר. הירש הילדעסהיימער געוואָרען דער לעה־רער, נאָר פאַרקעהרט, דר. הילדעסהיימער האָט געבראַכט דערצו אַז מען זאָל לערנען וועגען ארץ ישראל. אָבער עס איז גענוג געווען די השפעה פון איהם, דעם עלטסטען זוהן פון רבי עזריאל הילדעסהיימער, אַז מ׳זאָל פיהלען דעם ארץ ישראל גייסט. דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס כאָטש ער, הירש הילדעסהיימער, איז אין ארץ ישראל קיינמאָל ניט געווען, פון דעסטוועגען האָט ער זיין פאַך אַלס געלעהרטער אויסגעקליבען ארץ ישראל וויסענשאַפט. ער איז געווען זעהר שטאַרק ציוניסטיש, ער איז געווען איי־נער פון די, וועלכע האָבען געזאָלט האַלטען רעפעראַטען ביי דעם ערש־טען ציוניסטישען קאָנגרעס. ער איז, ווי עס שיינט, דורך זייטיגע סיבות שפּעטער ניט געווען מיט דר. הערצל׳ן אין גוטע באַציהונגען. ער האָט אויך קיין טייל ניט גענומען אין ציוניסטישע קאָנגרעסען און איז אָפיציעל ניט געווען פאַרבונדען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיין גאַנצע סימפּאַטיע צום ציוניזם איז געווען אַלעמען באַקאַנט.

דר. הירש הילדעסהיימער איז געווען איבערהויפּט אַן אויסערגעוועהנ־ליכער מענש מיט זיין גוטסקייט און מיט זיין איבערגעבענהייט צו אידישע אינטערעסען. גוטסקייט, טובות טהאָן, ארויסהעלפען יחידים, איז אַן אייגענשאַפט פון דער גאַנצער הילדעסהיימער פאַמיליע. ניט אומזיסט רופט מען זייערע הייזער „ביתו של אברהם אבינו", אָבער כלל־ארבייט אין גאַנץ גרויסען מאַסשטאַב, איז געווען אַ ספּעציאַליטעט פון דר. הירש הילדעסהיימער. ער איז געווען ווי די אַנדערע מיטגלידער פון זיין פאַ־מיליע, רעליגיעז און אָבגעהיט אין זיין לעבען, ער איז אָבער ניט געווען באַגרענעצט מיט זיין באַשעפטיגונג, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַל־

געמיינע פּאָליטיק און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. מיט דער דייטשער פּינקטליכקייט, איז ער יעדען טאָג געקומען אין א באַשטימטער שעה אין א געוויסע קאפע־הויז, וואו מען האָט שוין געוואוסט צו האלטען פאַר איהם אַלערליי צייטונגען פון דייטשלאַנד און פון אויסלאַנד, וועלכע ער האָט דורכגעלייענט. זיינע נאָהענטע האָבען געוואוסט דעם פּלאַץ און די צייט, זיינען זיי דאָרט געקומען מיט איהם פאַרברייננגען, „פּלוידערען", ווי עס הייסט דאָרט. מען איז אַמאָל געקומען און מען האָט איהם, דעם שעה־נעם אימפּאַזאַנטען דר. הילדעסהיימער ניט געטראָפען. אויף דער אָנפראגע ביים אָבער־קעלנער: וואו איז דר. הילדעסהיימער? האָט דער דייטשער קעלנער געענטפערט מיט ווירדע:

— היינט איז פאַסט־טאָג, קאָמט דר. הילדעסהיימער ניכט.

עס איז געוועזן „שבעה עשר בתמוז", און די קעלנער פון דער קאַפע „ב ו י ע ר" אין בערלין האָבען געוואוסט אַלע אידישע תעניתים, ווייל דאָן, און נאָר דאָן, האָט זיי געפעהלט דער „שטאַם גאַסט", דר. הירש הילדעסהיימער.

די פּינקטליכקייט פון די דייטשע פרומע אידען איז געווען, אין די אויגען פון א רוסישען אידען, צו באַוואונדערען. מאַנכעס מאָל איז דער וואונדער געווען גרעסער ווען עס איז ניט נאָר געווען א פראגע פון אויסערליכקייט, נאָר פון א טיעפער מענשליכער פּראָבלעם און דאביי האָט אויך די פּינקטליכקייט, דאָס הייסט די געוואוינהייט, די טראַדיציע, געהאַט די אויבערהאַנד.

אין ברעסלוי איז געווען א באַריהמטער פּראָפעסאָר י ש ר א ל ל ו י, א גרויסער געלעהרטער אין אידישע זאַכען. מען האָט דערצעהלט אויף איהם מערקווירדיגע איינצעלהייטען ווי פרום ער איז. ער האָט, למשל, יום טוב געהענדיג דאַוונען מעריב, ניט מיטגענומען דעם שליסעל פון הויז, כדי ער זאָל ניט טראָגען יום טוב צוליב יום חול, און נאָך אַזעלכע זהירות. דאביי האָט מען איבערגעגעבען אז אין זיינע פאָרלעזונגען וועגען תנ"ך איז ער געווען שטאַרק גענייגט צו ביבעל קריטיק. זייענדיג מיט איהם נעהענטער באַקאַנט, דורך די עמפּפעהלונג פון איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים, פּראָפעסאָר ב א נ ע ט פון בערלין, און צוקוקענדיג זיך צו זיין דאַוונען און זיין בענשען און בכלל זיינע מנהגים ווי א שטרענג פרומער איד, איז געווען שווער זיך צוריקצוהאַלטען פון פרעגען איהם, ווי איז דאָס מעגליך, צו דענקען ביבעל־קריטיש און אין דערזעלבער צייט זיין א זהיר במצוות, וואו איז די קאָנסעקווענץ? דאַרויף האָט ער געענטפערט מיט א שמייכעל:

דייטשע אָרטאָדאָקסי

— איהר זייט נאָך יונג. איהר וועט עלטער ווערען וועט איהר זעהן, עס איז ניטאָ אין מענשענ'ס לעבען קיין קאָנסעקווענץ. אזוי איז דאָס!

דאָס איז דער כאַראַקטער־שטריך פון דעם דייטשען אידען. ער זוכט ניט צו באהאלטען און צו מאסקירען, ער גיט צו זיינע שוואכקייטען.

איינער פון די פרומסטע דייטשע רבנים, וועלכער פארנעהמט אן אנגעזעהענע שטעלע, האָט אמאָל ערקלעהרט, ווען ער האָט געזעהן אז דער וואס זיצט מיט איהם באוואונדערט זיין קליינקייט אין לערנען:

— עס איז ניט קיין וואונדער וואס איהר, און אייער גלייכען, קענען מעהר לערנען פון מיר און מיינע חברים. עס איז ניט צו פארגעסען, אז מיר מוזען דורכמאכען אין אונזער יוגענד א שולע, וואס עס נעהמט אוועק פיעל צייט און ענערגיע, דאן באזוכען מיר די אוניווערזיטעט וואס עס איז ניט לייכט, און טאַנצען לערנען מיר אויך...

דאָס איז אלץ בנוגע צו תורה, האנדעלט זיך אָבער וועגען וועלטליכע אנגעלעגענהייטען שטעלען די דייטשע פרומע אידען זייער מיינונג העכער ווי פון דעם גרעסטען גאון.

איינער א רב אין א גרויסע דייטשע אָרטאָדאָקסישע קהלה, וועלכער איז אן אויסגעשפראָכענער געגנער פון ציוניזם און מזרחי, האָט אמאָל אין א געזעלשאפט געזאגט זיין מיינונג אז א דייטשער גוי שטעהט איהם נעהנטער ווי א ניט־פרומער איד, ווייל מיט דעם דייטשען גוי האָט ער געמיינזאמעס, ער איז א דייטש און יענער איז א דייטש, מיט דעם ניט־פרומען אידען, וואס האָט ער פאר א שייכות? הערענדיג די עקסטרעמע מיינונג האָט מען איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז אזוי וויית געהט רבי חיים סאָלאָווייציק אויך ניט, טראָצדעם וואָס ער איז אויך אַ געגנער פונ'ם נאציאנאלען אידענטום. דארויף האָט דער רב רוהיג געענטפערט:

— אזעלכע זאכען פארשטעהען מיר בעסער...

דארין האָט זיך אויסגעדריקט די פארהעלטנים צווישען די דייטשע אָרטאָדאָקסישע אידען און רוסישען אידענטום. די דייטשען האָבען מודה געווען, אז תלמידי חכמים זיינען די רוסישע אידען פיעל גרעסערע פון זיי, אָבער חכמים, מענשען מיט וועלט־אנשויאונגען, מיט פעסטע מיינונגען, האָבען זיי געטראַכט, דאָס זיינען זיי.

און ניט נאָר די דייטשע אידען וועלכע זיינען דאָרט געבאָרען און ערצויגען נאָר אפילו די, וועלכע זיינען געקומען פון רוסלאנד און זיינען אין פארלויף פון דער צייט „אסימילירט" געווארען אין דער דייטשער אָרטאָדאָקסי, האָבען אויך געשטעלט דעם דאָרטיגען פרומען טהאט העכער ווי דעם אידישען פרומען גייסט פון די רוסישע אידען. איינער פון די באַ־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

קאנטע העברעאישע שריפטשטעלער און געשיכטע שרייבער, א פרומער איד, וועלכער האָט געלעבט א געוויסע צייט אין בערלין, איז געשטאנען זעהר שטארק אונטער די השפעה פון די דייטשע אָרטאָדאָקסיע. זייענדיג אמאָל צוזאמען אין שוהל פורים צו דער מגילה, און זעהענדיג ווי יונגע מענשען האָבען זייערע אייגענע „מגילות", ניט אריינקוקענדיג צוזאמען מיט זיין פאָטער, ווי עס איז געוועהנליך דער מנהג אין רוסלאַנד, האָט דער באַטרעפענדער שריפטשטעלער באמערקט מיט א געוויסער איראָני:

— אין רוסלאַנד האָט מען אָדער א טאַטען אָדער א מגילה. ווען דער טאַטע שטאַרבט האָט מען די מגילה גע'ירשנ'ט. דאָ אין דייטשלאַנד האָט מעןביידע זאכען — א טאַטען און א מגילה...

צוקוקענדיג זיך נעהענטער צום אידישען לעבען אין דייטשלאַנד, האָט מען געפונען פיעל זאכען וועלכע האָבען געקענט און געזאָלט זיין בעסער. אָבער דער אויסערליכער גלאַנץ און טיילווייז אויך דער אינהאַלט פון דייטשע פרומע אידען, האָבען דאָך געלאָזען א שטאַרקען רושם.

פיר הונדערט פערצעהן

נו.

לאָנדאָנער יודענטום

אזוי ווי דאָס דייטשע יודענטום, דאָס רעליגיעזע יודענטום, האָט געמאַכט א שטאַרקען רושם צום גוטען און צום שעהנעם, גענוי פאַרקעהרט איז געוועזן דער רושם באַקענענדיג זיך מיט דעם אידישען לעבען אין לאָנדאָן. ווען מען איז געקומען פון רוסלאַנד אין ענגלאַנד — און ענגלאַנד אין יענע יאָהרען האָט געמיינט פון אידישען שטאַנדפּונקט איבערהויפּט לאָנדאָן — האָט מען געפיהלט דעם אונגעהייערען אונטערשיד צווישען דעם גייסטרייכען, שטאַרק ענטוויקעלטען יודענטום אין רוסלאַנד און דעם ארמזעליגען און קליינליכען יודענטום אין ענגלאַנד. האָט מען פאַרגליכען ווידער דעם ענגלישען יודענטום מיט דעם דייטשען, איז אויפפאַלענד געוואָרען דער חילוק צווישען דעם גלאַנץ און שעהנקייט וועלכען מען האָט געזעהן אין בערלין אפילו אין דעם אָרימסטען טייל פון דער אידישער געזעלשאַפט, און די איינפאַכקייט מיט ביליגקייט וועלכען מען האָט געטראָפען אין לאָנדאָן אפילו אין די רייכע אנשטאַלטען און שוהלען. ווען מען קומט אריין, למשל, אין דער חשוב'סטער שוהל אין לאָנדאָן, פון דער אָפּיציעלער אידישער געמיינדע אין „ד י ו ק ס פּ ל י י ס", און מען זעהט די ווענד אויסגעקריצט מיט „גאָלדענע" אותיות פון די וואָס האָבען געגעבען אויף דער שוהל וועלכע עס איז סומען, און ניט דוקא גרויסע, נאָר אויך צעהן פונט און פינף פונט, און אמאָל נאָך ווייניגער, ווערט אומעטיג אויפ'ן הארצען פון די „השגות" פון די מענשען וועלכע לאָזען אויסקריצען זייערע נעמען פאר די „אייביגקייט", און אויך די „ברייטהערציגקייט" פון די רייכע אידען, די פיהרער פון דער קהלה, וועלכע זיינען טיעף דאנקבאַר פאר אזעלכע סומען, און זייער דאנקבאַרקייט דריקען זיי אוים אזוי שרייענדיג אז די „גאַנצע וועלט" זאָל וויסען אז דער און דער האָט געגעבען א נדבה. אין רוסלאַנד וואָלט דער אידישער שטאָלץ דאָס ניט צוגעלאָזען, אין דייטשלאַנד וואָלט די מענשליכע ווירדע אזעלכעס ניט ערלויבט, נאָר אין ענגלאַנד איז אַלץ געוועזן רעכט.

צוקוקענדיג זיך טיפער אין די אידישע פּראָבלעמען אין דער גרויסער וועלט־שטאָדט לאָנדאָן איז געוואָרען נאָך שווערער אויפ'ן הארצען. דער חנוך איז געשטאַנען אין יענע צייטען זעהר נידריג. אויב עס איז געוועזן וואו עס איז א גוטע „תלמוד תורה", איז דאָס געוועזן אַן אויסנאַהם. דער

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

גרעסטער טייל „תלמוד תורות" איז געווען אין ניט קיין פּאַסענדע געביידעס און די „למודים" וועלכע מען האָט געלערענט זיינען געווען ניט פיעל ווייטער פון „עברי".

א גרויסער טייל פון די לעהרערס אין די „תלמוד תורות" זיינען געוועזן באשעפטיגט מיט זייער פּראָפעסיאָן נאָר די פּאָר שעה ווען זיי האָבען געלערענט מיט די תלמידים, דען די איבריגע צייט האָבען זיי געמוזט זוכען פרנסה פון פעדלעריי אדער אַנדערע אזעלכע „געשעפטען", ווייל זייערע שכירות אלס לעהרער איז געווען זעהר ווייניג און קליין. ניט בעסער פאר די לעהרער איז געווען דער גורל פון די רבנים אין לאָנדאָן. עס זיינען דאן געווען אין לאָנדאָן רבנים אין פארשידענע שוהלען, וועלכע וואלטען געקענט האָבען שטעלעס אין רוסלאַנד און אין פוילען אויב ניט אין די גרויסע שטעט, אָבער אין קליינע און אפשר אויך אין מיטעלמעסיגע. זיי זיינען צוליעב פארשידענע סיבות מגולגל געוואָרען אין ענגלאַנד, און דאָרט האָבען זיי פארלאָרען זייער רבנות און זייער מענשליכקייט צוזאמען. די גרעסטע טראגעדיע איז געווען צו זעהן א רב אין לאָנדאָן. די אָרימקייט איז געווען קענטיג אין די קליידונג און אין די האַלטונג, און די נידערגעשלאָגענקייט איז געווען צו דערקענען אויף שריט און טריט. אפילו דער צילינדער, וועלכען יעדער רב האָט געהאַלטען פאר זיין חוב שטענדיג צו טראָגען, יום טוב און וואָך, אין היץ און אין רעגן, דער צילינדער וועלכער האָט שטענדיג באגלייט דעם רב, איז אויך געווען מעהר א סימן פון דלות און עבדות ווי א צייכען פון עלעגאַנץ און ווירדיגקייט. די ארבייט פון די רבנים איז באשטאנען פון „זאָגען" אין בית המדרש, און מען האָט געזאָגט אין דער פריה און אין אבענד. מען האָט געזאָגט אזוי פיל אז אפילו ביי מענשען מיט פעהיגקייטען האָט געמוזט דער מוח אָנהייבען צו טריקענען און דער צונג האָט שוין דאן געטהאָן זיין ארבייט דעם שכל ניט פרעגענדיג.

א באזונדער „פאך" איז געווען אין לאָנדאָן דער ענין פון „תנחומי אבלים". ניט נאָר וואס מען האָט געמוזט זאגען הספדים אויף יעדען איינעם, אמאָל אויף אזעלכע וואס זייער גאנצער „זכות" איז באשטאנען אין דעם וואס זיי זיינען געשטאָרבען... נאָר דאצו האָט דער רב געמוזט געהן אין „בית האָבל", די גאנצע צייט פון „שבעה", אדער א טייל דערפון, און „זאָגען" דאָרט בין מנחה למעריב. עס פלעגט פּאַסירען אמאָל, און ניט זעהר זעלטען, ווען דער „מנין" איז באשטאנען פון איינינע אַלטע אידען, וועלכע האָבען מעהר געשלאָפען ווי געהערט, און איינינע איינגלאך, וועלכע האָבען געוואָלט וואס גיכער אוועקגעהן, און

לאנדאנער יודענטום

פאר דעם „עולם” האט געדארפט דער רב שטעהן און זאגען רעיונות און מאמרים. די רבנים אליין האבען שוין ניט געפיהלט ווי ערנידריגט און טרויעריג זייער צושטאנד איז. דעם זייטיגען מענשען איז געוועזען צו־ווידער צו זעהן ווי מענשען, וועלכע האבען געלערענט און פארדינען מעהר אדער ווייניגער אז דאס אידישע פאלק זאל זיי אכטען און רעספעקטירען, פיהרען אזא שפל׳דיגע עקזיסטענץ, נידריג גייסטיג און ניט בעסער מאטעריעל. די פארהעלטניסע צווישען די אידישע געזעלשאפט און די „גייסטיגע פיהרער” דארט האט געקענט צוברעכען דעם שטארקסטען מענשען, און זי האט ווירקליך צובראכען איינעם פון די פערזאנען, וועלכער ביי נארמאלע באדינגונגען האט ער געקענט זיין א קעמפער און א קראפט וואס זאל מיט זיין טעמפעראמענט און פעהיגקייט שאפען און פיהרען, און דארט אין לאנדאן, איז דער כח געוועזען פאלשטענדיג פארניכטעט, דאס איז „דער קאמעניצער מגיד”. מיט יאהרען פריהער האט „דער קאמעניצער מגיד” אין רוסלאנד געשטורעמט מיט זיינע דרשות. ער האט ערוואַרבען פיעל אנהענגער און פיעל געגנער. זיין רעדען וואו ער איז געוועזען, איז געוועזען אן אויסערגעוועהנליכע פאסירונג. דאס וואס ער האט געזאגט און ווי ער האט געזאגט האט געלאזען א שטארקען רושם. אויך זיין אייגענארטיגער לעבען — ער איז געוועזען א וועגעטעריאנער אפילו אין זיין קליידונג און האט ניט גענוצט קיין געוועהנליכע שיך נאר געגאנגען אין קאלאשען — האט איבעראל ארויסגערופען ביי אנדערע באוואונדערונג און האבען געזעהן אין איהם א מין „איבער־מענש”, וועלכער האלט ניט פון „די וועלט”, און ביי אנדערע פארוואונדערונג, און האבען איהם געהאלטען פאר ניט נארמאל, האבען איהם חושד געוועזען אין זוכען רעקלאמע, אבער יעדענפאלס האט מען געזעהן פאר זיך א פערזענליכקייט, ניט פון די געוועהנליכע. זייענדיג אין לאנדאן, וואו ער איז ניט מעהר געוועזען „דער קאמעניצער מגיד”, נאר „רעווערענד מכבי”, און איז געוועזען אנגעשטעלט אלס מגיד ביי דער „פעדערישאן” — א פארבאנד פון שוהלען — איז געוועזען ניט מעהר צו דערקענען זיין אמאליגע גרויסקייט.

ווען מען איז געוועזען נעהענטער אין זיין באקאנטשאפט האט מען איהם אויך דאן געקענט באוואונדערען, שוין ניט מעהר אלס דעם „רעוואלוציינער” מיט נייע געדאנקען און מיט א שטארקען ווילען, נאר אלס גרויסער למדן, איבערהויפט אין בקיאות און אלס זעהר פרומער איד, וועלכער זיצט און לערנט, אפגעהיט אין מצוות, האט געוויסע שעהנע געדאנקען, און אויך אמאל נאך געוועזען דער גלענצענדער רעדנער. מען האט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

נאָך נעקענט הערען פון איהם שטונדען־לאַנגע דרשות, ווי עס איז געווען זיין מנהג. אָבער אין אידישען קרייז בכלל האָט ער מעהר קיין השפעה נים געהאָט. דער גרויסער עולם האָט ניט געוואוסט ווער ער איז, און זיינע העברעע בעאמטע, ביי וועמען ער איז געווען אָנגעשטעלט האָבען פון זיין גרויסקייט און טאַלאַנט ניט געקענט און ניט פארשטאַנען. ווען מען האָט געזעהן ווי דער „קאַמעניצער מגיד", דער מענש וועלכער האָט געשטורעמט שטעדט און שטעדטלאַך מיט זיין רעדענס־קראַפט, איז גע־וואָרען א „רעוורענד" און רעדט צו צוועלף אָדער פופצעהן אידען, אין א „בית האָבל" ר"ל, האָט דאָס דערמאָנט אָן שמשון הגבור ווען ער איז געוואָרען א טוחן בבית האסורים... אין דער טראַגעדיע פון שמשון הגבור איז דאָ איין זאַך, וואָס מען האָט איהם נאָכדעם ווי מען האָט איהם אָבגעשניטען די האָר און צוגענומען זיין כח, געמאַכט בלינד ער זאָל אם ווייניגסטען ניט זעהן זיין שרעקליכע לאַגע. עס איז גענוג אז ער זאָל דאָס פיהלען... דער „קאַמעניצער מגיד" וועלכער איז פארוואנ־דעלט געוואָרען אין א „רעוורענד" אין לאָנדאָן, האָט געוויס געפיהלט זיין אונטערגאַנג. ער האָט אָבער ניט געוואָלט וויזען קיינעם אז ער זעהט דאָס... ער האָט זיך ניט באַקלאָגט אויף זיין גורל, ער האָט שטענדיג גע־רעדט מיט זיין איינגע גרופּע נאָהענטע מענשען וועגען הלכה אדער אגדה, אדער אמאָל געשפּיעלט אין שאַך — צו וועלכען ער האָט געהאָט א ליי־דענשאַפט — אָבער ניט דערמאָהנט קיינעם זיינע אמאָליגע יאָהרען. דער ווער עס האָט אבער געוואוסט זיין שטאַרקייט פון פריהער און צו־געזעהן זיין שוואַכקייט איצט, זיין לעבען אין צוויי דריי קליינע צימערען, זיינע דרשות האַלטען אין אלערליי קליינע שוהלכלאַך און פריוואַט־הייזער, זיין אונטערטעניגקייט צו זיינע בעאמטע, זיין קריגען אָרדערס פון דעם סעקרעטער פון דער פעדערײשאָן וואו און ווען ער דאַרף געהן זאָגען, און אמאָל אויך וואָס ער דאַרף זאָגען — האָט געקלערט ביי זיך: וועלכען כח האָט דאָס לאָנדאָנער אידישע לעבען אז זי קען פארניכטען אזוי שטאַרק אזא פערזענליכקייט!

עס איז אויך ניט בעסער געווען אין אנדערע טיילען פון אידישער טהעטיגקייט, דער ציוניזם, למשל, אָדער די העברעאישע ליטעראטור. עס האָט דאַן געלעבט אין לאָנדאָן „אחד העם". אין דער גרויסער אידישער קולטור־וועלט איז ער געווען א מפורסם, מען האָט געוואָלט הערען וואָס ער האָט צו זאָגען, אפילו ווען מען האָט מיט איהם ניט מסכים געווען. דאָס איז אָבער געווען איבעראַל, נאָר ניט אין לאָנדאָן. עס איז געווען אין יענער צייט א חנוכה אבענד אין וועלכען „אחד העם" איז געווען

לאָנדאָנער יודענטום

דער פעסטערדנער, און פון דעסטוועגען איז אין דעם קליינעם זאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, אין דעם „איסט ענד", נאָך געווען גע־נוג פיעל פּלאַץ פאר מענשען אריינצוגעהן, וועלכע זיינען ניט אריינגע־קומען... אויב „אחד העם" האָט אין די יאהרען וועלכע ער איז געווען אין לאָנדאָן ניט געשריבען און איז געבליבען שטום צו אלע אידישע פּראָ־בלעמען האָט דאָס צו טהאָן — אויסער אנדערע פאקטאָרען — הויפּטזעכ־ליך מיט דעם וואס ער איז געזעסען אין לאָנדאָן. עס איז דאָרט אלעם אטראָפירט געווארען. ער האָט דאָס צוגעגעבען אין א פּריוואַט־געשפּרעך ביי איהם אין ביורא, וואו ער איז געזעסען אלס געשעפטס־פיהרער. מען האָט געשמועסט וועגען די העברעאישע פּרעסע, וועלכע איז אין יענער צייט געווען שטארק ענטוויקעלט, און „אחד העם" האָט געזאָגט, אז ער לייענט זעהר ווייניג און ער איז ניט גענוג אינפאָרמירט אין טאָג־טעגליכע פּאסירונגען.

אויף דער פראגע: ווי איז דאָס מעגליך, אז ער זאָל ניט לעזען די העברעאישע טעגליכע צייטונגען? האָט ער געענטפערט: אז ער מוז לע־זען די ענגלישע טעגליכע פּרעסע, ער מוז לעזען פאכצייטונגען, וועלכע עס האָבען צו טהאָן מיט זיין באשעפטיגונג, ער מוז לעזען וויסנעשאַפט־ליכע ביכער און פאר אידישע צייטונגען בלייבט איהם ניט קיין צייט. ווען מען האָט איהם אויפמערקזאם געמאכט: הייסט דאָס, ווען עס איז שווער די שיף ווארפט מען אראָפּ דעם טלית און תפילין. האָט ער געזאָגט גאנץ ערנסט:

— איהר זייט אפשר גערעכט, אבער אזוי איז דאָס, עס איז לאָנדאָן.

מיט רעכט אָדער מיט אונרעכט, איז מען אין לאָנדאָן פארגליווערט געווארען. מען האָט אין אידישען לעבען ניט געזעהן קיין גייסט, ניט קיין שעהנקייט. איבעראל אָרימקייט, נידערגעשלאָגענהייט און קליינליכקייט. עס איז דאָן ערשינען אין לאָנדאָן א העברעאישע וואָכענשריפט: „ה י ה ו ד י". אין רוסלאנד איז ער אָנגעקומען אונטער'ן נאָמען „הדגל". דער רעדאקטאָר פון „היהודי" י צ ח ק ס ו ב א ל ס ק י, איז געווען א תלמיד חכם מיט פיל ידיעות, זיין ספר „חיי היהודי על פי התלמוד" האָט געהאט א גוטען נאָמען. ער איז אויך געווען א פליסענדער העברעאישער שריפטשטע־לער; ער האָט ארויסגעגעבען אין ווארשא דעם „כנסת הגדולה", וועלכער געהערט ניט צו די בעסטע זאמעל־ביכער פון דעם מין, אבער זיינע איי־גענע זאכען זיינען געשריבען מיט א געוויסען טאלאנט. ער איז געווען א קלוגער איד מיט א שארפען קוק אויפ'ן לעבען. דורך אומגליקליכע סיבות האָט ער געמוזט פארלאָזען ווארשא, זיין היימאט, און האָט אויס־

געוואנדערט אין לאָנדאָן וואו ער האָט געגרינדעט דעם „היהודי”. איבעראל וואו עס איז דאָ א אידישער ישוב פון צעהנדליגע טויזענדער אידען, און א גרויסער חלק פון זיי קענען מעהר אדער ווייניגער העברעאיש, וואלט די גרינדונג און די ערשיינונג פון א העברעאישער ציי־טונג ערוואָרבען שטיצער און העלפער. ווען דער „ה ע ב ר י” איז ערשינען אין בערלין, וואו עס איז געווען אין גאנץ דייטשלאנד ווייניגער אידען ווי אין לאָנדאָן, ציימונגען מיט א אידישען כאראקטער זיינען דאָרט געווען זעהר פיל, פון יעדער פארטיי און פון יעדער ריכטונג, און פונדעסטוועגען האָט דער „העברי” געהאט די מאָראלישע שטיצע פון גרויס און קליין. גאנץ באדייטענד׳ע פערזענליכקייטען האָבען געהאָלפען די פארשפרייטונג פון דער ציימונג. מען האָט געזעהן און געפיהלט א באציהונג פון מענשען מיט א הויכען קולטורעלען שטאנד און אידישע ווארימקייט צו העברעאיש, צום טראדיציאָנעלען יודענטום, צום נאציאנאלען געדאנקען, — דאָס וואָס דער „העברי” האָט פארטראָטען — זאָגאר געגנער פון איינעם אדער פון דעם אנדערען טייל פון דעם פראָגראם האָבען געזעהן אין דער ערשיינונג פון א העברעאישער וואָכענשריפט אין זייער סביבה, א געוויסע צופרידענהייט און אויך מאָראלע פאראנטוואָרטליכקייט. דאפיר איז דאָס ב ע ר ל י ן, וואו דאָס אידישע לעבען איז געווען אויב ניט טיף, אָבער שעהן און אנציהענד. אין לאָנדאָן איז דער „היהודי” געווען ווי א „יתום קטן” וואָס קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איהם. די „רעדאקציע” פון „היהודי” איז באשטאנען פון א קליינעם טישעל אין א שמוציגען צימער וואו סובאלסקי׳ס קינדער האָבען געגעסען און זיך געשפילט, און ער אליין, סובאלסקי, האָט „רעדאגירט” זיין ציימונג אונטער די אונמעגליכסטע אומשטענדען.

ווען מען איז געקומען אין „רעדאקציע” און מען האָט געהאט גליק צו געפינען א גאנצען שטוהל אויף וועלכען צו זיצען, האָט מען מיט הנאה געהערט סובאלסקי׳ס קריטיק און שטעכווערטלאך דורכגעמישט מיט אפאָריזמען און וויצען וועגען די אָפיציעלע פיהרער פונ׳ם ענגלישען יודענטום, געגען וועלכע ער איז געווען זעהר ערביטערט. אין דערזעלבער צייט האָט דאָס הארץ געוויינט ווי נידריג עס שטעהט דער ווערטה פון העברעאיש און פון א העברעאישען רעדאקטאָר, וועלכער מיט אלע שוואַכע זייטען פארדיענט ער גרויס אנערקענונג אין א שטאָדט און אין א לאנד וואו עס זיינען דאָ פיעל אידען און אן אנערקענטער אידישער לעבען און אין דער ווירקליכקייט איז ער פארשטויסען און פארלאָזען.

די אנערקענונג פון אידישקייט מצד די ניט־אידישע וועלט איז גראד

לאָנדאָנער יודענטום

געווען אין לאָנדאָן מעהר ווי אנדערשוואו, דורך דעם וואס דער „טשיעף רבי", דאן דר. הערמאן אדלער, איז געווען „פערזאָנא גראַטאַ" איבעראל. צוקומען צו דר. אדלער איז געווען ניט ווייניגער שווער ווי צו א מיניסטער. ווען דר. אדלער איז געקומען צו א שמחה פון א שוהל עפּע־נונג אדער אן אנדער אנגעלעגענהייט, איז מען געשטאנען אויפ'ן גאַס אין גרויסע מאסען כדי איהם צו זעהן. ער האָט אויך פארשטאנען צו פיהרען זיין אמט מיט גרויס צערעמאָניע. ער איז געווען קלוג און אי־בערלייגט אין זיין רעדען און אין זיין האנדלען, מאנכעס מאָל צופיעל אי־בערלייגט, אז ער האָט גאָר ניט געטהאָן... די וועלכע האבען געהאָפּט צו האבען פון איהם א טובה, זיינען ביטער ענטטוישט געווארען. ווען ער האָט עמפפאנגען א רוסישען רב אָדער סתם א למדן, און ער האָט דאָס ניט אָפּט און ניט גערן געטהאָן, האָט ער געזוכט צו באווייזען זיין לומדות. ער האָט ציטירט א „קצות", פּרובירט רעדען וועגען רבי עקיבא איגר'ס א קשיא, ער האָט געוואָלט גילטען אלס אן אמת'ער רב. ער האָט אויך גערעדט וועגען פרומקייט, אָבער פון גוטסקייט האָט ער ווייניג געשמועסט...

דער דערמאָנטער סובאלסקי, וועלכער האָט געהאַט א כעס געגען דר. אדלער אזוי גוט ווי געגען פיעלע אנדערע, האָט אמאָל אין אן ענגערען קרייז וואו זיי ביידע זיינען געווען, דערצעהלט ווי פארביטערהעגדיג, אז מען זאגט אין לאָנדאָן אז וועמען דר. אדלער טהוט א טובה, איז יע־נער ניט מוציא שנתו. דר. אדלער האָט, ווי זיין שטייגער, אויפגעלעגט איין האנד אויף די אנדערע, און געפרעגט:

— ה' ישמרנו, ווער האָט דען דורך מיר ניט מוציא שנתו גע־ווען?

דארויף האָט סובאלסקי געענטפערט:

— וועמען האָט איהר דען א טובה געטהאָן?!...

אויב דר. אדלער'ס האלטונג צו כלל ענינים אזוי גוט ווי צו איינ־צעלנע פערזאָנען איז געווען בעאיינפלוסט פון לאָנדאָנער אידישען לע־בען, אָדער פארקעהרט, אין דעם שווערען גייסט וועלכער האָט געהערשט אין לאָנדאָנער יודענטום, האָט געהאַט א געוויסע שולד דר. אדלער, איז שווער פעסטצושטעלען. דאָס איז זיכער, מיט דעם אמט און מיט דעם אנזעהן וועלכען דר. אדלער איז באזעסען האָט ער געקענט דאָס גייסטיגע לעבען אין לאָנדאָן, און אפשר אין גאנץ ענגלאנד, מאכען בעסער און שעהנער. עס זיינען דאָרט געווען געוויסע מעגליכקייטען דערצו.

דער שעהנער בית דין הויז אין לאָנדאָן — ווי עס הייסט אויף דעם

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אָפיציעלען לשון „טשיעף ראביים קאורט" — די שעהנע ביבליאָטעק, וועלכע געפינט זיך דאָרט, די שטרענגע אָרגאַניזאציאן וועלכע עס הערשט אין רעליגיעזע ענינים, ווי שחיטה, א. ז. וו., די אנערקענונג וועלכע מען גיט צו די מיינונגען און באשלוסען פון דעם טשיעף ראביי און זיין בית דין — דאָס אלעס האָט געקענט שאפען א יודענהייט און א יודענטום אין לאָנדאָן, וועלכעס זאָל זיין א קוואל פון צופרידענהייט און באגייסטערונג. ליידער איז דאָס ניט געוועזן. דער טשיעף ראביי איז געווען א „טשיעף" אָהן צו האָבען רבנים אונטער זיך, יעדער רבנ'ישער כח איז געוואָרען אונטערדריקט, די אָרגאַניזאציאן פון דעם רעליגיעזען יודענטום איז געווען א שטאַרקע מאשין מיט א שוואכען אינהאַלט, און אזוי זיינען אלע לעבעדיגע פונקען אויף אירגענד וועלכען אידישען געביעט אויסגעלאָשען געוואָרען. נאָך שטאַרקער ווי עס איז געווען דער הערשענדער לאָנדאָנער וואָלקען איז געווען דער אידישער לעבען פאַרוואָלקענט און פאַרדונקעלט.

נז.

די מזרחי קאָנפערענץ אין בערלין

ביי דעם צעהנטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, איז דער מזרחי שוין געווען א כח וועלכער האָט געפיהלט א באָדען אונטער זיינע פיס ניט נאָר אידעאָלאָגיש. די מזרחי אָרגאַניזאַציאָן איז דאַן געפיהרט געוואָרען פון פראַנקפורט אם מאַין און דאָס האָט נאַטירליך געגעבען מעהר מעגליכקייט אָנצוהאַלטען קאָרעספּאָנדענץ מיט פארשידענע לענדער און שטעדט וואָס עס איז געווען ניט גרינג צו טאָן פון דעם פריהערדיגען צענטראַלען אָרט אין לידא, אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד האָט מען נאָך געקוקט אויף וועלט־אָרגאַניזאַציאָנען מיט א בייזען אויג. אויך די טעכנישע מעגליכקייטען פאר פארבינדונג מיט צעהנדליגע פּלעצער און הונדערטע מענשען איז געווען אין פראַנקפורט מעהר ענטוויקעלט ווי אין לידא. דער גייסטיגער פיהרער פון דער מזרחי באוועגונג איז אָבער אויך דאַן געבליבען הרב ריינעס. די דואַליטעט, די טעכנישע ארבייט פון דער אָרגאַניזאַציאָן און די גייסטיגע השפּעה, איז ניט געווען באַגרענצט מיט פראַנקפורט פון איין זייט און לידא פון דער אַנדער זייט. עס איז געווען פיל מעהר ווי צוויי ריכטונגען אין מזרחי, די אַזוי־גערופענע איסט־אייראָפּעאישע, ד. ה. פון די רוסישע און פּוילישע אידען, און די וועסט־אייראָפּעאישע, פון די דייטשע אידען. די לעצטע זיינען געווים געווען טריי און איבערגעבען דעם ציוניזם בכלל און דעם מזרחי בפרט, אַזוי גוט ווי די ערשטע, אָבער דאָך זיינען געווען געוויסע פּסיכאָלאָגישע שטריכען וועלכע האָבען געפיהרט צו געוויסע אונאָנגענעמע קאָנסעקווענצען און אמאָל אויך צו זעהר ערנסטע. די רוסישע ווי אויך די פּוילישע אידען האָבען פאַרשטאַנען אז צווישען מזרחים און אַנדערע ציוניסטען ליגט א גרויסער אונטערשיעד, א ראַדיקאַלער אונטערשיעד אין דעם צוטרעטען צום ציוניזם און אין די אויספיהרונגען פון ציוניסטישע אַנגעלעגענהייטען, און דעריבער זיינען געווען אַזעלכע וועלכע האָבען איבערהויפּט ניט געוואָלט צוטרעטען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן און טיילנעמען אין איהר. זיי האָבען געקלעהרט אז זיי קענען אויף דעם גאַנג פון ציוניזם קיין איינפלוס ניט האָבען און פון דער אַנדער זייט האָבען זיי געהאַפט אז דער ציוניזם וועט ניט מצליח זיין. די וועלכע האָבען אַנדערש געטראַכט און האָבען געגלויבט און געוואונשען דעם ציוניסטישען ערפאָלג און אין

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

דערזעלבער צייט האָבען זיי געהאָפּט אז די ריכטיגקייט פון דעם רעליגיעזען געדאנקען וועט מוזען האָבען א השפּעה, איז ניט אויף אַלע אין ציוניזם, איז אויף אַ טייל, אויב ניט איצטער, איז שפּעטער—די האָבען באַשלאָסען צוטרעטען צום מזרחי אָבער די שוועריגקייטען דאָפון האָבען זיי גוט געקענט. זיי האָבען געוואוסט אַז דער קאַמף קען אמאָל זיין א ביטערער, מען קען, און מען וועט געווים אין דער ערשטער צייט ניט אויספיהרען, מען וועט ליידען גייסטיגע יסורים און אָרגאַניזאַטאָרישע בזיונות, אָבער קיין אַנדער וועג איז ניטאָ. די דייטשע מזרחים האָבען דאָס אַלעס אויך דורכגעטראַכט, קומענדיג אָבער צו דעם לעצטען פּונקט האָבען זיי אינערליך געהאַט נאָך אַן אויסוועג, דאָס איז די צושיידונג, בלייבען ביי דיזעלבע ציוניסטישע אידעע, אַנערקענען דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק און די ציוניסטישע פּאסטולאַטען, אָבער ניט אַרבייטען צוזאַמען מיט דער עקזיסטירענדער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע, נאָר זיין פאַר זיך.

דער שיידונגס־געדאַנקען וועלכער האָט געהערשט מיט פיל צענדליגע יאהרען צוריק אויף דעם רעליגיעזען געביט און אין דעם געמיינדע־לעבען אין דייטשלאַנד און אין אונגאַרן, האָט געלאָזען טיעפע וואָרצלען ביז היינטיגען טאָג. די וואָרצלען זיינען פיעל שטאַרקער ווי מען קען זיי זעהן מיט געוועהנליכע אויגען אין נאָרמאַלע אומשטענדען. זיי קומען צום פאָרשיין אין א קריטישע לאַגע אונטער פאַרשידענע מאַנטלען, דער גרונד געדאַנקען איז אָבער די שפּאַלטונג־אידעע פון די אַלטע צייטען. נאַטירליך קומט דאָס צום אויסדרוק אַם שאַרפסטען ביי רעליגיעזע אידען, ווייל זיי זיינען דאָך די יורשים פון די יעניגע וועלכע האָבען דעם שיידונגס־פּרינציפּ אין אידישען לעבען מחדש געווען. די מעגליכקייט פון שיידונג, פון אָפּטיילען זיך פון כלל, איז ניט נאָר אַן אנגעלעגענהייט וואָס מען האַנדעלט אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר עס האָט א פּסיכאָלאָגישע ווירקונג שטענדיג. אין יעדען מאָמענט הערשט דער געדאַנקען, וועט זיין ווי מיר ווילען — איז גוט, אויב ניט — געהען מיר ארויס. עס איז קיין וואונדער ניט אַז די מעגליכקייט פון „אַרויסגעהן” איז אויך געוועזן הערשענד ביי די מזרחים אין דייטשלאַנד, דאָס האָט געמיינט דאַן ביי די אָפיציעלע פיהרערשאַפט, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געוועזן גוטע איבערגעבענע ציוניסטען. דען אויב מען קען זיין א שטרענג פרומער איד, און נאָך א פרומערער ווי אַנדערע, און בילדען פאַר זיך א באַזונדער קהלה מיט אַלע באַזונדערע אַטריבוטען פון א קהלה, פאַרוואָס קען מען ניט זיין א גוטער ציוניסט, און נאָך א בעסערער ווי אַנדערע, און בויען פאַר זיך א באַזונדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע?

די מזרחי קאָנפערענץ אין בערלין

דער אונטערשיעד פון דער שיידונגס מעגליכקייט האָט זיך געפיהלט אין פארשידענע ערשיינונגען און דיסקוסיאנען צווישען די וועלכע זיינען געוועזן מעהר צוגעבונדען צו דער אָרגאַניזאַציאָן־צענטראַלע אין פ ר א נ ק פ ו ר ט און צווישען די וועלכע זיינען געוועזן נעהנטער צום גייסטיגען מזרחי אין ל י ד א.

אם שאַרפסטען איז אָבער געוואָרען דער אונטערשיעד ביי דעם צעהנטען קאָנגרעס. דער צעהנטער קאָנגרעס האָט אָנגענומען א באשלוס אז די געזאמטע ציוניסטישע אָרגאַניזאציאן דארף זיך באשעפטיגען מיט קולטורעלע ארבייט. יאהרען לאנג האָט געדויערט דער קאמף אויב קולטור טהעטיגקייט געהערט צום ציוניזם אדער ניט. וואס אנבאטרעפט דעם מזרחי, האָט יעדער איינער קלאָר געוואוסט, אז קולטורעלע טהעטיגקייט איז פארבונדען מיט א געוויסע וועלט־אנשויאונג, רעליגיעז אדער ניט רעליגיעז, און אמאָל אויך אַנטי־רעליגיעז, און דאריבער קען ניט זיין קיין קולטור ארבייט אין דער ציוניסטישער וועלט ארגאַניזאציאן צו וועלכע מזרחים מיט ניט־מזרחים זאלען גלייך צושטימען. עס זיינען דעריבער געוועזן אזעלכע מזרחים וועלכע האָבען געפאָדערט אז אין ציוניזם זאָל מען איבערהויפט ניט רעדען און ניט באשליסען און ניט טהאָן קיין קולטור־זאכען. דאָס האָט אָבער ניט געקענט דורכגעהן אפילו ביי דעם מזרחי אליין, און ווען יעמאנד פון די מזרחי האָט דאָס פארלאנגט, איז דאָס געוועזן „באין ברירה”. דען ווי קען אזא באוועגונג ווי די מזרחי, וועלכע ציהט איהר יניקה און איהר השפעה פון גייסטיגע אידעען, פיעל מעהר אלס פון פאָליטישע און עקאָנאָמישע, ווי קען אזא באוועגונג זאגען אז דער ציוניזם זאָל אויסשליסען פון זיין ארבייטס־פעלד אַלץ וואָס עס האָט צו טאָן מיט גייסט, מיט קולטור? דער מזרחי האָט דאריבער פארלאנגט אז די פראַקטישע טהעטיגקייט אויף דעם געביט, זאָל ניט זיין אַלגעמיין, ארויסגעהן פון דער ציוניסטישער וועלט־צענטראלע, נאָר עס זאָל איבערגעלאָזען ווערען יעדער ציוניסטישער גרופּע צו טהאָן די קולטורעלע ארבייט, ווי זי פארשטעהט פאר ריכטיג. ווען עס האָט זיך געהאנדעלט, ביים צעהנטען קאָנגרעס, וועגען די קולטור־פראגע האָט דער מזרחי געשטעלט זיין פארשלאַג, געגענאיבער דעם אָפיציעלען פאָרשלאג פון דער קאָמיטע, אַז די קולטור טעטיגקייט זאָל ניט טראָגען דעם צענטראַלען כאראַקטער אזוי ווי אנדערע טהעטיגקייטען אין ציוניזם. דער מזרחי פארשלאג איז דורכגעפאלען מיט א גרויסער מאַיאריטעט. די מזרחי דעלעגאטען האָבען געפיהלט זעהר ערביטערט און דערצאָרענט. די ביטערניש און דער כעס איז געוועזן א דאפעלטער, צוערשט איבער די זאך אליין, ווי

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

וועט קענען א מזרחי זיך באטייליגען אין דער אָרגאניזאציע וועו עס וועט געטהאָן ווערען א טייל פון דער ארבייט געגען זיינע הייליגסטע פּרינצי־פּען, און צווייטענס פּאָרוואָס די פיהרערשאַפט פון דער באוועגונג און פון דעם קאָנגרעס האָבען ניט פארשטאַנען אז אין אַזא לעבענס־פּראגע פון דער גרעסטער וויכטיגקייט קען מען ניט אָפּשטימען איידער מען זאָל זיך צוזאַמענריידען און פארזוכען צו קומען צו א פארשטענדיגונג. די מזרחי דעלעגאטען האָבען רעאגירט אויף דעם באשלוס מיט דער גרעסטער שאַרפ־קייט, אָבער דורכאויס פּאַרלאַמענטאַריש. דער פיהרער פון דער פראַק־ציאָן האָט געמאכט אַן ערקלעהרונג, און אַלע מזרחי דעלעגאטען האָבען פארלאָזען דעם קאָנגרעס־זאַל דעמאָנסטראַטיוו. פיעלע פון די דעלעגאַ־טען האָבען מיט כעס ארונטערגעוואָרפען פון זיך די קאָנגרעס־אָבצייכ־נונגען בעפאָר זיי זיינען ארויסגעגאַנגען.

די לאַגע איז געוואָרען זעהר ערנסט. ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פּאַ־לען איז דער ערשטער כעס דער שטאַרקסטער אויסדרוק, אָבער ניט דער בעסטער אויפטהו. די פראגע ווערט געשטעלט: וואס קומט נאָך דעם ארויסגעהן? ווען יעמאנד פון די מזרחי פיהרערשאַפט אדער די מזרחי דעלעגאציאָן ביים קאָנגרעס וואָלט געהאַט אין זינען אוועקלאָזען די ציוֹ־ניסטישע טהעטיגקייט און חרטה האָבען אויף די ביז־אהעריגע טיילנאהמע אין דער באוועגונג, וואָלט דאָן געווען דאפיר די בעסטע צייט. די גערעכ־טיגקייט פון דעם מזרחי שטאַנדפּונקט איז געווען קלאָר פאר אַלעמען, אפילו פאר ניט מזרחים און געגנער פון מזרחי, אויסער פון די גרופּע מענשען וועלכע האָבען פון איין זייט געוואָלט מאכען פון דעם ציוניזם א מין השכלה־באוועגונג און פון דער אנדער זייט האָבען זיי געוואָלט פּטור ווערען פון דעם מזרחי ער זאָל „ניט שטעהן אין וועג". די ציוֹ־ניסטישע פיהרערשאַפט אין יענער צייט, וועלכע איז געווען אין בערלין, האָט אויך אָנגעהויבען צו פארשטעהן אז עס איז באגאַנגען געוואָרען א גרויסער פעהלער, און דארום האָבען געקענט די מזרחים וועלכע וואָלטען וועלען גאַנצען ארויסגעהן פון דער באוועגונג און פון דער ארבייט, געפונען דאָן דעם שעהנסטען וועג. דער פאַל איז אָבער ניט געוועזן. דער גאַנצער מזרחי ווי איינער איז געבליבען טריי דעם ציוניזם און געוואוסט אז דער געדאַנקען פון אויפבויען ארץ ישראל טאָר ניט געשטערט ווערען און די ארבייט טאָר ניט אָבגעשטעלט ווערען. די שאלה איז נאָר געוואָרען: ווי זאָל דער מזרחי ווייטער די ארבייט פאָרטזעצען? און דאָ איז קלאָר געוואָרען דער אונטערשיעד צווישען די רוסישע און פּוילישע מזרחים פון איין זייט, און די דייטשע און אונגארישע מזרחים

די מזרחי קאנפערענץ אין בערלין

פון דער אנדער זייט. די ערשטע האבען געזעהן אז זיי שטעהען פאר א וואנט, האבען געזוכט וועגען און מיטלען ווי די וואנט ארומצוגעהן, זיי האבען אנגעהויבען פארהאנדלען מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, געזוכט דעם באשלוס פון דעם קאנגרעס מאכען וואס שוואכער, דאגעגען די אייגענע מזרחי קולטור טהעטיגקייט אויף דעם געביעט פון רעליגיעז־נאציאנאלע ערציהונג אין ארץ ישראל מאכען וואס שטארקער, א. ד. גל. די אנדערע אבער, די וועסט־אייראפעער האבען ניט געזעהן פאר זיך די וואנט, ווייל זיי האבען געהאט פאר זיך זייער קלאהרען וועג: צושיידונג. זיי בלייבען ציוניסטען און מזרחים אבער אויסערהאלב די ציוניסטישע ארגאניזאציאן. דאס האט געמיינט, אין זייער מיינונג, אז דער מזרחי זאל ארויסטרעטען פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, ניט האבען צו טאן מיט דעם קאנגרעס און די אלע ציוניסטישע קערפערשאפטען, נאר ארבייטען גאנץ זעלבסטשטענדיג.

דער וועג האט ניט געקענט אנגענומען ווערען ביי דעם גרויסען טייל פון מזרחי, וועלכער זעהט ניט פאר זיך קיין אויסוועג, אין קיין אידישע אנגעלעגענהייט, אין שיידונג, און פון דער אנדער זייט האט מען ניט געקענט איגנארירען פאלשטענדיג די מיינונג פון די דייטשע מזרחים, ווען צווישען זיי איז געווען די אפיציעלע פיהרערשאפט פון דער באוועגונג. עס איז דארום באשלאסען געווארען צו רופען א קאנפערענץ אין בערלין און דארט זיך בעראטען איבער די סיטואציע און באשליסען.

די קאנפערענץ וועלכע איז אבגעהאלטען געווארען א קורצע צייט נאך דעם קאנגרעס האט געשאפען גרויס אויפזעהן און ערעגונג אין דער אידישער וועלט. ניט נאר ציוניסטען נאר אויך אנדערע אידען, וועלכע האבען אינטערעסע אין כלל־זאכען האבען זיך זעהר אינטערעסירט מיט דעם אויסגאנג פון דער קאנפערענץ. אזעלכע חשוב'ע געלעהרטע ווי דר. האפמאן און פראפעסאר בערלינער האבען זיך ערקונדיגט איבער אלעם וואס געהט פאר אויף דער קאנפערענץ מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. אויך אין די קרייזען וועלכע האלטען פון דעם שיידונגס־פרינציפ אלס א רעטונג אין יודענטום האט מען געלייגט פיעל האפנונג אז די קאנפערענץ וועט, אזוי צו זאגען, דעם שיידונגס־געדאנק אריינפיהרען אין געדאנקען און אין לעבען פון איסט־אייראפעאישען יודענטום.

די קאנפערענץ איז געווען אן און פאר זיך זעהר אינטערעסאנט פון פיעלע הינזיכטען. עס איז געווען א ריין מחלוקת לשם שמים. עס איז ניט געווען קיינע פערזענליכע רייבונגען ווי עס טרעפט אמאל אין א באוועגונג, אז הינטער געוויסע אידעען זיינען דא אויך פערזענליכע ניי־

גונגען און אָפּנייגונגען. עס האָבען טייל גענומען די אָנגעזעהענסטע און די איינפלוסרייכסטע פיהרער און מיטגלידער פון דעם מזרחי, געווען פיל רבנים מיט הרב ר י י נ ע ס בראש, עס האָבען זיך באַטייליגט פילע אַקאַדעמיש־געבילדעטע מענשען, געווען אַ היבשער צאָהל פון פּראַקטישע מענשען, סוחרים, כלל־טוער, שריפטשטעלער, אויך די יוגענד האָט אָנגע־פאַנגען דאָן צו ווייזען איהר ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער מזרחי באַ־וועגונג. די ליניע פון דעם קאַמף איז געווען קלאָר פאַר די מיטגלידער פון רוסלאַנד און פוילען וועלכע קענען פיהרען אַלערליי מלחמות פאַר מזרחי־פּרינציפּען א י ן דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר ניט אַרויסטרעטען, און פון דער אַנדער זייט פאַר די פראַנקפורטער חברים, וועלכע זיינען דאָן געווען מנהיגים, און מיט זיי איינינע מיטגלידער פון דער שווייץ און פון אונגאַרן וועלכע האָבען פאַרלאַנגט דעם א ר ו י ס ט ר י ט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן, אַלס אַ געוועהנליכער אויסוועג פון דער לאַגע.

אַם שווערסטען איז געווען די פּראָבלעם פאַר אַ טייל דייטשע מזרחים, פון בערלין און פון האַמבורג, וועלכע טראַגען אין זיך דעם וואָרצעל פון שיידונג אַלס אָרטאָדאָקסישע אידען, זיינען אָבער דאָך געווען בעאיינ־פלוסט פון דעם אידען גאַנג פון די רוסישע חברים און איבערהויפּט זיינען די ניט־פראַנקפורטער פרומע אידען, די וועלכע שטעהען מעהר אונטער די השפעה פון די הילדעסהיימער שולע, וויינינער נוטה צום שיי־דונגס־פּרינציפּ — די זיינען געווען צווישען זיך אַליין אין אַ שווערען אידען־קאַמף. איינער פון דער גרופּע, וועלכער האָט דאָן געשפּיעלט אַ באַדייטענדע ראָלע אין דעם מזרחי און איז אויך געווען דער פראַקציאָן־פיהרער ביי מעהרערע קאָנגרעסען, איז געזעסען ביי דער קאָנפערענץ אין דער צייט ווען די אַבשטימונג איז אָנגעגאַנגען און האָט געוויינט.

די דייטשען זיינען ניט סענטימענטאַל ביז טרעהרען, אפילו אין זיי־ערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען, און אין אַלגעמיין מאַכט דאָס וויינען פון אַן ערוואַקסענעם מענשען אַ שטאַרקען איינדרוק. אַלע האָבען אָבער פאַרשטאַנען די שווערע לאַגע און די גייסטיגע מלחמה ביי דעם באַ־טרעפענדען ווי אויך ביי זיינע חברים. פון רעליגיעזען פּרינציפּ איז ביי זיי די שיידונגס־אידעע אַם וויינינסטענס ניט אויסגעשלאָסען אַלס אַ מעג־ליכקייט, און אַלס מזרחים ציוניסטען האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דער אַרויסטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָן איז געגען אַ גרויסען טייל פון דער עיקר־אידעע אין ציוניזם און נאַציאָנאַל יודענטום.

די קאָנפערענץ איז געשלאָסען געוואָרען נאָכדעם ווי אַ גרויסע מאַיאָ־

די מזרחי קאָנפערענץ אין בערלין

ריטעט האָט אָפּגעוואָרפען דעם פאָרשלאַג וועלכער איז געקומען פון דער אָפיציעלער פיהרערשאַפט אין פראַנקפורט, פאַר ארויסטרעטען. די יעניגע, וועלכע האָבען געשטימט דאַגעגען האָבען נאַטירליכערווייזע ערקלערט אז זיי זאָגען זיך אָפּ פון זיין די פיהרער פון דער מזרחי ארגאַניזאציאָן און זיי טרעטען ארוים פון דער מזרחי אָרגאַניזאציאָן. מיט דעם שטאַרק־סטען באַדויערען איז די מיטטיילונג אויסגעהערט געוואָרען. עס איז אָבער פעסטגעשטעלט געוואָרען אז די צאָהל פון „ארויסטרעטער" איז ניט גרויס. די צופרידענהייט איז דאַגעגען געווען וואָס צווישען די מאַיאָ־ריטעט טריי־איבערגעבליבענע צו דער מזרחי אָרגאַניזאַציאָן, געהערען אויך די יונגע כחות, וועלכע האָבען זיך דאָן באַוויזען אין די מזרחי רייהען. פון דער דאַמאַלסדיגער יוגענד זיינען איצט דאָ אנערקענטע פיה־רער אין ציוניזם און אין דער מזרחי, איינער פון זיי, וועלכער האָט פאַר־דיענט אנערקענונג און ער איז אויסגעקליבען געוואָרען צווישען די נייע פיהרערשאַפט, איז געווען דר. י ע ק ב מ י ל ע ר פון א ל ט אָ נ א, וועלכער האָט געוויזען גרויסע פעהיגקייטען און איבערגעבענהייט. ער איז, צום באַדויערען, געה'רג'עט געוואָרען אין דער וועלט־מלחמה אין זיינע אינגסטע יאָהרען.

ביי דער קאָנפערענץ איז אויסגעקליבען געוואָרען א נייע מזרחי פיהרערשאַפט, ניט אין פראַנקפורט, נאָר אין א ל ט אָ נ א, נעבען האַמבורג. עס איז דאָן אויך אויסגעלייגט געוואָרען פּלענער צו פארשטאַרקען די מזרחי אָרגאַניזאַציאָן דורך שריפטליכע און מינדליכע פּראָפּאַגאַנדע. עס איז אויך דאָן באַשטימט געוואָרען א גענעראַל־סעקרעטער פון דער פּאַר־טיי וועלכער, זיצענדיג אין ב ע ר ל י ן, איז געשטאַנען אין קאָרעספּאָנ־דענץ מיט דעם גרעסטען טייל פון די מדינות וואו אידען געפינען זיך, און אויך באַזוכט פארשידענע לענדער.

ווי נאָך יעדען קריזיס איז אויך דער מזרחי ארוים שטאַרקער און רייכער אין שטרעבונג און אין מענשען. דאָס איז געווען איינע פון די אויפגאַבען פון דער נייער פיהרערשאַפט צו ברייטער מאַכען די השגות פון דעם מזרחי און שטאַרקער מאַכען דעם גלויבען אין אייגענע כחות. א קורצע צייט פאַר דער קאָנפערענץ איז געווען דער בודזשעט פון דער גאַנצער מזרחי בערך אַכט טויזענד מאַרק. און ווען איינער פון די אינגערע חברים האָט ערקלעהרט ביי א זיצונג אז מען קען ניט גע־רעכט זיין צו די אויפגאַבען פון דעם מזרחי מיט אזא לעבערליכע סומע, און האָט פאָרגעשלאָגען א בודזשעט פון איינינע און צוואַנציג טויזענד

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

מארק א יאָהר, האָט איינער פון די אנגעזעהענע פיהרער אפגעקעהרט זיין קאפ און באמערקט:

— ווער איז דאָס דער יונגער מאן וועלכער האָט אזא גרויסע פאנטאזיע?

עס האָט דאן אָנגעהויבען צו פארשטאנען ווערען אין די העברעאיש מזרחי קרייזען דער ווערטה פון א שטענדיגע פרעסע, בפרט אין העברעאיש, וועלכע זאָל פארטרעטען דעם מזרחי שטאנדפונקט אין אלערליי ציוניסטישע און אלגעמיין אידישע פראגען. דער „ה ע ב ר י", וועלכער איז נאָך דאן ניט געווען קיין אָפיציעלער מזרחי אָרגאן, האָט אָבער פארטראָטען די מזרחי אידעען פול און גאנץ און האָט באוויזען זיין השפעה אויך אויף דעם גאנג פון דער קאָנפערענץ. געבענדיג פלאץ אין „העברי" צו פארשידענע מיינונגען וועגען דעם ארויסטריט, האָבען די הויפט ארטיקלען געווירקט אין דער באשטימטער ריכטונג און זיי האָבען געהאט א געוויסע השפעה, איבערהויפט אויף די בערלינער חברים, צו היטען דעם מזרחי אידעאל פון שפאלטונגס־אידעען. די מזרחי פיהרערשאפט אין א ל ט א נ א און דער סעקרעטאריאט אין ב ע ר ל י ן וועלכע האָט אנגעהאלטען איהר טעטיגקייט ביז צום וועלט־קריג האָט פארבארייטעט דעם באָדען פאר א פיל גרעסערע און שטארקערע מזרחי ארבייט און איינפלוס אין ארץ ישראל און חוץ לארץ ווי עס איז געווען פריהער.

נח.

די ערשטע קאָנפערענץ פון אַגודת ישראל

דער געדאנק, אז א שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן פון פרומע אידען מיט א קלאָהרען פּראָגראם אין גייסט פון תורה און טראַדיציאָן איז נויטיג, איז געוואָרען קלעהרער און אַקטועלער. זאָגאר אין אַזעלכע קרייזען, וועלכע זיינען געוועזען זעהר ווייט פון אירגענד וועלכע מאָדערניזירטע פאָרמען, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם אינהאַלט, אַפּילו ווען עס זאָל זיין כשר דורכאויס, און יעדע פאָרמע פון א וועלט־אָרגאַניזאַציאָן איז געווען אין זייערע אויגען אַן אוננויטיגע און אויך אונגעווינשטע אונטערנעהמונג — אפילו די קרייזען האָבען געענדערט זייער שטעלונג. מען איז געקומען צו דער אנערקענונג, אז עס האַנדעלט זיך אין דער איצטיגער צייט ניט נאָר אום לאָקאַלע פראגען, ווען יעדערער קען זיך איינריידען, אז ער אדער זיין גרופּע מענשען קענען אליין ארויסטראָגען די טעטיגקייט אין דעם ריכטיגען גייסט, נאָר עס זיינען דאָ זעהר פיעל אַלגעמיינע אידישע פּראָבלעמען, וועלכע דאָס רעליגיעזע אידענטום אלס גאנצעס דאַרף נעהמען צו זיי א שטעלונג. אויך וואָס אנבאַטרעפט לאָקאַלע זאכען, איז געוואָרען א נויטיגקייט צו האַלטען צוזאמענגעבונדען שטאָדט מיט שטאָדט, לאַנד מיט לאַנד, כדי צו שטעהן צוזאמען אין קאַמף מאָראַליש ווי אויך אַמאָל געזעליך, געגען פארשיעדענע שטרעבונגען, מיט כונה אדער אָהן כונה, געגנאיבער דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום. עס איז קלאָר געוואָרען, אז די גרעסטע געפאהר צום רעליגיעזען לעבען זיינען געוויסע אומשטענדען, אמאָל עקאָנאָמישע און אמאָל גייסטיגע, וועלכע קענען ניט באקעמפט ווערען איינציגוויז, אפילו ניט אין יעדען לאַנד באזונדער, נאָר עס איז נויטיג א פאראייניגטער כח מיט אלע מאָדערנע אָרגאַניזאַציאָנס מיטלען אָנצוהאלטען דאָס, וואס עס איז געוואונשען פאר יעדען רעליגיעזען אידען. די שטארקייט און דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באוויזען צו ווערען א פּרוכטבארער פאקטאָר אין אידישען לעבען פיעל מעהר ווי פריינד און געגנער האָבען ערווארטעט, און אין די אויגען פון די געגנער פון דעם ציוניזם האָט דער ציוניסטישער כח אויסגעקוקט נאָך גרעסער ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט — האָט געבראכט דאצו, אז פון פּראקטישען שטאַנדפּונקט און

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

טיילוויז פון קאָנקורענץ שטאַנדפּונקט איז באַליעבט געוואָרען דער געדאַנק פון א גרויסער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר די אינטערעסען פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידענטום. צוליעב דעם איז די ערשטע קאָנפערענץ פון „אגודת ישראל", וועלכע איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קאַטאָוויץ, געווען זעהר פּאָפּולער. עס קען זיין, אַז א געוויסער טייל פון דער פּאָפּולאַריטעט פון דער קאָנפערענץ געהערט אויך דערצו, וואָס דער אָרט איז געווען קאַטאָוויץ, א מיטעלע שטאָדט, דאָן אויף דער גרעניץ צווישען עסטרייך און דייטשלאַנד, וועלכע איז באַריהמט געווען דורך דער ערשטער אספה פון „חובבי ציון", וועלכע איז דאָרט מיט פיעל יאהרען צוריק געטראָפען געוואָרען. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַזוי ווי די ערשטע אספה אין קאַטאָוויץ האָט זיך פאַרצווייגט אין דער גרויסער וועלט־באַוועגונג פון ציוניזם, ווען אפילו עס זיינען דורכגעגאַנגען פיעלע גלגולים פון קאַטאָוויץ ביז באַזעל, אַזוי וועט אויך די „צווייטע קאַטאָוויץ" ווערען א גרונדשטיין פאַר עטוואָס גרויסעס, וועלט־אומפאַסענדעס.

ווי געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען, האָט עקזיסטירט אין מאַנכע ציוניסטישע קרייזען א געוויסע אונרוהיגקייט פון „קאָנקורענץ", אויב עס וועט ווירקליך ענטשטעהן א וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווען זי זאָל זאָגאַר ניט זיין דירעקט אַנטי־ציוניסטיש, קען זי דאָך אָפּשוואַכען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט דער באַדייטונג פון איהרע קאָנגרעסען, קאָנפערענצען, א. ד. גל. איבערהויפּט איז געווען אָן אָרט פאַר אַזעלכע געפיהלען, ווייל פון דער זייט פון „אגודת ישראל" האָבען זיך געהערט שטימען, וועלכע האָבען שאַרף באַמערקט ניט נאָר די פּאָזיטיווע זייט פון א רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך, און אמאָל נאָך מעהר, די האָפנונג, אַז דורך דער נייער אָרגאַניזאַציע וועט די „זעלבסטהערשאַפט" פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויפהערען.

טראָץ די געפיהלען, וועלכע האָבען געהערשט אינערליך, זיינען זיי אין דער עפענטליכקייט ניט אַרויסגעקומען. מען האָט זיך פאַרהאַלטען צו דער קומענדער אספה אין קאַטאָוויץ מיט רעספּעקט, ווען אפילו מיט א געוויסער רעזערווע, אָפּצוואַרטען און זעהן וואָס דאָרט וועט זיין.

אין די מזרחי קרייזען זיינען געווען פיל, וועלכע האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען באַגריסט די גרויסע אונטערנעהמונג פון דער „אגודת ישראל" און געהאָפט, אַז אויב עס וועט ניט געשאַפען ווערען ביי דער קאָנפערענץ קיין איינהייטס־פּלאַן צו אַרבייטען פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל אין דעם ציוניסטיש־פּאָליטישען גייסט, וועט אויך ניט געשאַפען

די ערשטע קאָנפערענץ פון אָגודת ישראל

ווערען קיין געגנערישע שטימונג, און ווען דער ענין פון „ישוב ארץ ישראל“ פון דער „אגודה“ אלס אזעלכע וועט אויסגעשלאָסען ווערען, און דער גאנצער כח פון דער קאָנפערענץ מיט דער ניי־געשאפענער אָרגאַניזאַציאן וועט זיין געווידמעט צום רעליגיעזען גייסט און טראַדיציאָנעלער שטאַרקייט, סיי אין חוץ לארץ און סיי אין ארץ ישראל — ניט האָבענדיג צו טהאָן מיט פּאָליטיק — וועט דאָס ברייגגען א גרויסען נוצען דעם אידישען פאָלק. מיט דער צייט וועט קומען א פארשטענדניש צווישען די ביידע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, די „אגודה“, וועלכע האָט צו טהאָן נאָר מיט פארשטאַרקונג פון דעם רעליגיעזען, און די ציוניסטישע, מיט דעם נאַציאנאַלען אידענטום, און עס וועט ענטשטעהן אין דעם אידישען פאלק און אידישער טעטיגקייט איבעראַל דאָס ריכטיגע רעליגיעזע נאַציאָנאַלע ערקענטניס, דאָס וואָס דער מזרחי שטרעבט. עס זיינען דאַרום צו דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ געקומען פיעל מזרחים, וועלכע האָבען מיט גוטען געוויסען געוואָלט העלפען פארשטאַרקען די „אגודה“ אזוי גוט ווי זיי העלפען דעם ציוניזם.

די קאָנפערענץ פון דער „אגודה“ האָט געצויגען א שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט אויך דאַדורך, וואָס פיעל גרויסע רבנים פון רוסלאַנד, איבערהויפּט פון רוסיש פּוילען, האָבען זיך אין איהר באַטייליגט. א באַזונדער גלאַנץ האָט צוגעגעבען דער אספה די אנוועזענהייט פון רבי ח י י ם ס אָ ל אָ ו ו י י צ י ק. זיין צדקות און חכמה זיינען געשטאַנען אויסער צווייפעל און אפילו די יעניגע, וועלכע האָבען איהם באַטראַכט אלס געגנער פון זייערע אידעען, האָבען איהם הויך געשעצט און זיכער געווען אין זיין פּאָליטישער קאָרעקטקייט און כאַראַקטער ריינקייט. צום בעדויערען האָבען די יעניגע, וועלכע האָבען זיך געפרעהט דערמיט, וואָס רבי חיים נעהמט אן אַקטיווען אנטייל אין דעם עפענטליכען כלל לעבען און האָבען געהאָפט, אז מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען און מיט זיין גרויסער אויטאָריטעט וועט ער האָבען א גרויסע השפעה אויף דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציאן און ממילא אויף דאָס גאַנצע אידישע לעבען, ערלעבט א ביטערע ענטטוישונג גלייך ביים אָנקומען אין קאַטאָוויץ. עס איז באַלד קענטיג געוואָרען אז די אויבערהאַנד ביי דער קאָנפערענץ אזוי גוט ווי אין די אַלע קאָמיסיעס איז ביי די ד י י ט ש ע חברים פון דער „אגודה“, וועלכע האָבען פאַרבערייטעט די אספה און האָבען זיך באַטראַכט פאַר די אָנפיהרער אויך אין דער צוקונפט. עס קען זיין אז די דייטשע אידען, איבערהויפּט פון פראַנקפורט, האָבען ניט געמיינט וועלכע עס איז הערשאַפט אַרויפצו־

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

צווינגען, זיי האָבען נאָר געוואָלט אז די קאָנפערענץ זאָל זיין איראָ־פּעאיש געפיהרט, מען האָט אויך אינסצענירט א פאראָדנע עפענונג — מען האָט געזוכט ווי וויט מעגליך צו שאפען די שטימונג ווי ביי א ציוניסטישען קאָנגרעס — און נאטירליך מוזען דאָ ביי אזעלכע צערע־מאָניעלע זאכען שפּיעלען די הויפּט־ראָלע די דייטשען וועלכע זיינען מומחים, מען קען דאָך ניט איבערלאָזען די פּאראָדנע ערעפנונגס רעדע אָדער פיהרען דעם פּאָרזיץ צו א רוסישען רב, מעג ער זיין ווי גרויס ער איז... ביי די רוסישע אידען, און אין אַלגעמיין ביי די איסט איי־ראָפּעער רבנים און עסקנים, האָט דאָס אָבער געשאפען א מיס־שטימונג. איבערהויפּט דאדורך וואס ניט א בעל־הבית, נאָר אויך אַ רב, דער פראנק־פורטער ראבינער ד ר. ב ר ו י ע ר, האָט געהאַלטען די הויפּט־רעדע און האָט געוואָלט געבען צו דער גאַנצער פּאַרזאמלונג דעם טאָן פון ווייטערע האנדלונג.

דארין האָט מען געזעהן אז אויב מיט א כוונה אָדער אָהן א כוונה, קומט אויס אז דער דייטשער איראָפּעאיש־געבילדעטער ראבינער פאר־נעמט דעם אויבען־אָן און פארשטעלט דעם אמת׳ן גאון און אנערקענטען גייסטיגען פיהרער. די פּערזענליכקייט און די האַלטונג פון דר. ברויער אין אַלגעמיין און דאָרט ביי דער קאָנפערענץ גאַנץ באזונדערס, איז ניט געווען אזא וועלכע זאָל איהם מאכען פּאָפּולער און באליבט. ער האָט געמיינט אז ער איז ניט נאָר דער יחסן וואָס ער איז דער איידעם פון רבי שמשון רפאל הירש און דער רב פון דער געשפּאָלטענער אָר־טאָדאָקסישער קהלה אין פראנקפורט, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען פאר דעם גרויסען למדן און אידישער פיהרער, ביידע זאכען וואָס אנדערע האָבען געצווייפעלט... ער האָט דאצו נאָך געוויזען וואו מען דארף און וואו מען דארף ניט, זיין שטאָלץ און זיין גרויסקייט געגענאיבער יעדען, אפילו נעגען גרעסערע פאר איהם. דאָס אַלץ האָט געפיהרט דאצו אַז רבי חיים סאָלאָווייציק מיט זיין גאַנצע באשיידענהייט און אידעאַליזמוס האָט ניט געפונען דאָרט זיין פּלאַץ ווי עס געהער צו זיין, און די וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט צו איהם האָבען דערפון פיל געליטען. מען האָט געליטען ניט פאר רבי חיים׳ס כבוד, וועלכער איז געווען צו הויך אום פון וועמען עס איז צו פארקלענערט ווערען, נאָר פונ׳ם כבוד התורה בכלל וועלכער איז ניט געקומען צום אויסדרוק ביי אזא פאַרזאמלונג, וועלכע האָט געזאָלט באצוועקען צו פארשטארקען דאָס רעליגיעזע יודענטום, און דורך אזא האנדלונג איז דאָס ניט געשעהן.

נאטירליך, דאָרט ביי דער אספה, האָט רבי חיים סאָלאָווייציק

די ערשטע קאָנפערענץ פון אגודת ישראל

טיילגענומען אין די זיצונגען און אין פארשידענע קאָמיטעס, דער גרעסטער חלק פון דער אספה האָבען זיך צוגעהערט צו איהם און גע־רעכענט זיך מיט זיין מיינונג פיל מעהר ווי מיט די אָפיציעלע פיהרער, אָבער אין די קולוארען, צווישען דעם גרויסען עולם, וועלכער איז דאָרט געווען, האָט מען פיל גערעדט דאריבער, אז אום צו פארשטעהן וואָס רבי חיים סאָלאָווייציק איז, איז ניט גענוג צו זיין פרום, נאָר עס געהערט דאצו נאָך עטוואס וואָס, ווי עס שיינט, האָט גראָד געפעהלט אין יענער צייט ביי יענע מענשען וועלכע זיינען געווען פאראַנטוואָרטליך פאַר דער קאָנפערענץ. צום זכות פון דאָס געשעהענע קען נאָר זיין וואָס אין יענע יאָהרען איז געווען דער אונטערשיד ניט נאָר אין שפּראַך, נאָר אויך אין אָרט רעדען און באַנעמונג צווישען רוסישע אידען און דייטשע אידען זעהר גרוים. מען האָט אָפט ניט פארשטאַנען איינער דעם אַנדערען אפילו ווען מען האָט געוואָלט פארשטעהן און ווען מען קען זיך ניט צוזאמענריידען, ניט נאָר ווערטערליך, נאָר אויך פּסיכאָ־לאָגיש, ענטשטעהט, ניט ווילענדיג, אַ געוויסע פרעמדקייט. ביי דער קאָנפערענץ איז געווען איינער וועלכער האָט געדאַרפט דינען אלס פאַר־מיטלער צווישען דעם רוסישען טייל פון דער אספה און דעם דייטשען, אָדער גענויער געזאָגט, צווישען די פראַנקפורטער פון איין זייט, און רבי חיים סאָלאָווייציק פון דער אַנדער זייט, דאָס איז דער באקאַנטער היסטאָריקער רבי י צ ח ק ה ל ו י וועלכער האָט דאַן געלעבט אין דייטשלאַנד און איז געשטאַנען זעהר נאָהענט צו די „אגודה״־פיהרער אין פראַנק־פורט, ער איז געווען באקאַנט אין רוסלאַנד, גאַנץ באַזונדערס נאָהענט צו רבי חיים סאָלאָווייציק, פון יאָהרען צוריק ווען ער האָט געלעבט אין ווילנא און איז געווען באוואוסט אונטער דעם נאָמען אייזיק ראַבי־נאָוויץ. דער רבי יצחק הלוי האָט געקענט ווירקליך זיין אַ פאַרמיטלער צווישען די איסט איירָאָפּעאישע רבנים און לומדים און צווישען די וועסט איירָאָפּעער מאָדערנע אָרטאָדאָקסיע, נאָר ער אַליין איז געווען מעהר קאָנצענטרירט אין זיך און געהאַט שטענדיג אין אויג זיין אייגענע גרויסקייט, מעהר אַלס דענקען וועגען יענעם און זוכען וועמען עס איז צופרידענצושטעלען. אַזאַ נאַטור קען גיכער דערווייטערען איידער דער־נעהנטערען.

אַ געוויסע אונגיינסטיגע שטימונג האָט געשאַפען ביים אָנהויב פון דער קאָנפערענץ דער דערמאָנטער דר. ברויער מיט זיין הויפּט־רעדע, וועלכע איז געקומען נאָך דער אָפיציעלער עפענונגס רעדע. דר. ברויער האָט געדאַרפט אין זיין רעדע קלאָר מאַכען די נויטיגקייט פון דער

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

„אגודת ישראל" און באגרינדען איהר עקזיסטענץ בארעכטיגונג. דאָס האָט מען געקענט טאָן זעהר לייכט אויפ'ן פאָרנעמסטען וועג, קיינעם ניט באליידיגענדיג און ניט זוכען וועמען עס איז וועה צו טאָן. דר. ברויער האָט אָבער געזוכט צו מאכען אין דער רעדע אַ חשבון מיט'ן נאציאָנאלען געפיהל און אפילו מיט אנדערע אידישע סענטימענטען, וועלכע לויט זיין אויפפאסונג, האָבען פארדונקעלט דעם רעליגיעזען געדאַנקען. ער האָט דאביי געבראכט אַ פאקט וועלכער האָט יעדען אידען, איבערהויפט די רוסישע אידען, זעהר טיף אַנגעריהרט און באַוויזען פונקט דאָס געגענטייל פון דעם וואָס עס זאָל באוויזען ווערען. ער האָט באוויזען ווי אַזוי מענשען וועלכע שטעהען ווייט פון דעם אידישען לעבען, קענען מיט די בעסטע כוונות גאַנץ פאַלש פארשטעהן און אויסטייטשען געוויסע פאַסירונגען. דר. ברויער האָט דערמאָנט אין זיין רעדע דעם קישינעווער פאָגראָם, ווען פון אַלע שטעדט און שטעדטלאך האָט מען געשיקט הילף פאַר די אונגליקליכע פאַגראָמירטע און דער רעדנער האָט געפרעגט:

— מען האָט געשיקט ברויט און קליידער פאַר די הונגעריגע און נאַקעטע און מען האָט ניט געשיקט קיין טליתים און תפילין פאַר די אידען וועלכע זיינען דערפון אויך בארויבט געוואָרען. ווארום? ווייל דאָס רעליגיעזע געפיהל איז שוואך און קיינעם אינטערעסירט ניט אויב עס זיינען דאָ טליתים און תפילין אָדער ניט.

דער „באוויז" אָן און פאַר זיך האָט זעהר שטאַרק וועה געטאָן יעדען רוסישען אידען וועלכער האָט דורכגעלעבט און דורכגעפיהלט די אידישע צרות און האָט געפונען אַ שטיקעל טרייסט אין דעם גרויסען שטראָם פון מיטגעפיהל און רחמנות וועלכער האָט ארומגענומען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין יענער צייט. מען האָט געפיהלט ווי אויך אַזאַ היסטאָריש טרויעריגע געשעהעניש און פאָלקס ערוואכונג ווערט מיט אַ קאַלטע האַנד און מיט אַ ניט־שאַרפען מעסער צושניטען און צוגלידערט אָהן וועלכען עס איז נוצען. דען אויף די „לאָגיק" פון דעם גאַנצען „משל" האָט איינער פון דער אספה באַלד געענטפערט:

— קליידער און ברויט מוז מען האָבען פאַר יעדען אידען באַזונדער, מאַן אָדער פרוי, גרויס אָדער קליין, האָט מען געדאַרפט און געמוזט שיקען וויפיל עס איז נאַר מעגליך געוועזען, אָבער אַ טלית און תפילין קען מען בשעת הדחק דאַווענען איינער נאָך דעם אנדערען, און אַלע אין איין טלית און אין איין פאַר תפילין.

די וועלכע האָבען געוואָלט זעהן די „אגודת ישראל" אַלס אַ גרויסע

די ערשטע קאָנפערענץ פון אַגודת ישראל

און שטאַרקע רעליגיעזע און מאָראַלישע באַוועגונג, צווישען זיי פיל „מזרחים", האָבען אם מייסטענס געליטען פון דער ערשטער גרויסער קאָנפערענץ פון דער אָרגאַניזאַציאָן. זיי האָבען געזעהן ווי אַ גרויסע אידעע ווערט נידריג און וואָכעדיג געמאַכט ניט מיט'ן בייזען ווילען, נאָר מיט דעם וואָס אַ גרויסע טייל פון די פיהרער זיינען ווייט און פרעמד צו אידישע טיפע געדאַנקען און צו אידישע מאַסען געפיהלען. די דייטשע אידען, אפילו די בעסטע, האָבען דאָס ניט באַגריפען אזוי ווי די רוסישע. די ערשטע זיינען געוואוינט צו מעהר צערעמאָניעלעם אויסערליכער אין דער צייט ווען די צווייטע זוכען וואַרימקייט און האַר־ציגקייט. די וועלכע האָבען לכתחלה געוואָלט זעהן דעם דורכפאַל פון דער „אגודה" זיינען נאַטירליך געוועזן צופרידען וואָס די קאָנפערענץ האָט ניט פאַרדונקעלט און אויך ניט גלייך געשטעלט זיך מיט דעם ציוניסטישען קאָנגרעס. פון ריין מענשליכען שטאַנדפונקט ליידט מען אָבער ווען מען זעהט אז גוטער מאַטעריאַל מיט אַ גוטען צוועק געהען פאַרלאָרען דורך שלעכטע פאָרבאַרייטונגען און ניט געשיקטע דורכפיה־רונג. דער צוועק פון דער „אגודת ישראל" ביי דער גרינדונג איז געוועזן אַן ערהאַבענער, די פערזאָנען וועלכע האָבען טייל גענומען אין דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ זיינען געוועזן פעהיג צו עפענען אַ נייעם פרק אין דעם אידישען לעבען. טראָץ דעם האָט די אספה געבראַכט מעהר צו שפּאַלטונג ווי צו איינהייט אפילו אין די שטרענג רעליגיעזע טיילען פון דעם אידישען פאָלק. אפילו רבי חיים סאָלאָוויציק איז אויך וואָס ווייטער געוואָרען וועניגער אינטערעסירט אין דער „אגודה" באַוועגונג, ביז מען האָט איהם לעצטענס באַטראַכט זאָגאַר פאַר אַ געגנער, און אין די מלחמה־יאָהרען איז די געגנערשאַפט זיינע צו די טעטיגקייט פון די „אגודה"־פאַרטרעטער אין פוילען געוועזן שטאַרק קענטיג.

נט.

צוויי קאנטראסטען

די צייטען אין וועלכע „ישיבות" וואו „מען זיצט און מען לערנט" זיינען א תכלית פאר זיך, האבען זיך גענומען ענדערען, און ניט צום בעסערען. יעדע זאך, א קערפערליכע ווי א גייסטיגע, פון אן איינצעלנעם פערזאן ווי פון א גאנץ פאלק, ווען מען הויבט אן צו זוכען א מאטיוו און א טעם דאצו, איז דאס ניט קיין גוטער סימן. א נארמאלער מענש קלערט ניט פארוואס און ווארום ער לעבט. דער וועלכער זוכט א סיבה פארוואס ער דארף לעבען, איז ער ניט גאנץ נארמאל. עס איז ניט קיין גוטער צייכען פאר די איצטיגע דורות פון דעם אידישען פאלק וואס מען דארף שטענדיג באגרינדען פ א ר וו א ס דארף מען געהן אין ארץ י ש ר א ל, וו א ר ו ם דארף מען זיך אנשטרענגען צו ווערען זעלבסט־שטענדיג. וואלטען מיר געווען נארמאל, וואלטען מיר אהן וועלכע טעמים געשטרעבט מיט אלע כחות ארויסצוגעהן פון גלות, ווי עס איז געווען אמאל אין די אלטע דורות, און ווי עס איז היינט ביי נארמאלע פעלקער, וואו דער ווילען און דער קעמפען פאר אן אייגענארטיגען לעבען איז נאטירליך און דארף ניט האבען קיינע באגרינדונגען און קיינע אנטשולדיגונגען.

דאס זעלבע איז אויך מיט תורה לערנען. אין די פריהערדיגע דורות האט מען געלערנט, ווייל „מען דארף לערנען", דער לערנען האט ניט געדארפט קיין „זייטיגע זאכען" וועלכע זאלען מאכען די באדירפנים צום לערנען אדער דאס וועלען לערנען פארשטענדיגער אדער נויטיגער. די „ישיבות" זיינען דאריבער געווען אנשטאלטען נאר צום לערנען אהן וועלכע נעבען־זאכען און נעבען־טענדענצען. דער איינציגער צוועק פון א ישיבה איז געווען מען זאל קענען לערנען, ווען מעהר און ווער ווייניגער, אפהענגיג פון די פעהיגקייטען און פון דער אנשטרענגונג, אבער דאס איינציגע קריטעריום איז געווען די „התמדה" פון איין זייט און „דאס קענען לערנען" פון דער אנדער זייט, ווייל קיין אנדער געגענשטאנד האט ניט עקזיסטירט אין דער ישיבה. אין די שפעטערדיגע יאהרען האט מען אנגעהויבען אויך אין די גרויסע ישיבות איינפיהרען נאך עטוואס צום לערנען, אין מאנכע ישיבות איז דאס געווען „מוסר", און אין מאנכע איז דאס געווען מאדערנע בילדונג. פון דעם פסיכא־

צוויי קאָנטראַסטען

לאָגישען שטאַנדפּונקט איז ניט קיין אונטערשיד אויב עס איז מוסר וואָס האָט צו טאָן מיט פרומקייט אָדער עס איז וועלטליכע בילדונג וואָס האָט צו טאָן מיט מאָדערניזם,ביידע גלייך שאַפען נאָך א סובּ־סטאַנץ אין דער ישיבה, דאָס לערנען איז ניט מעהר די איינציגע זאַך, עס מעג אפילו זיין א פּרימאַט, אָבער דאָך איז דאָ נאָך עטוואָס מיט וואָס מען רעכענט זיך מעהר אָדער ווענינער אין דער באַטרעפענדער ישיבה. דאָס איז אָבער ניט נאָר אַן אורזאַכע צו מאַכען דאָס תורה לערנען ווענינער וויכטיג, נאָר דאָס איז פיל מעהר א רעזולטאַט פון דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען א מאָטיוו, א גרונד פאַרוואָס מען זאָל לערנען. מאַנכע האָבען געפונען אז ווען מען לערענט און דאַצו פּאַרטיפט מען זיך אין מוסר מאַכט דאָס דעם אידען בעסער, פרימער, די אַנדערע האָבען געפונען אז ווען מען לערנט און דאַצו האָט מען מאָדערנע בילדונג, איז מען מעהר פעהיג צו לעבען און צו ווירקען אַלס איד, אַלס רב א. ד. גל. דער צד השוה ביי ביידע איז, אז מען האָט געזוכט צום לערנען נאָך עטוואָס, דעם לערנען תורה צו באַרעכטיגען, צו באַנויטיגען. ניט קיין וואונדער דאַריבער וואָס פיל גרויסע מענשען, גאונים און ראשי ישיבות, האָבען געקעמפט געגען מוסר לערנען אין ישיבות אַזוי ווי געגען איינפיהרען מאָדערנע בילדונג, ווייל אין ביידע זאַכען האָבען זיי געזעהן א פאַרקלענערונג צו דעם אידעאַל פון תורה לערנען אַן און פאַר זיך, אָהן וועלכע עס איז צוזאַצען. קיינער פון די געגנער האָט געוויס ניט געהאַט דאַגעגען אז מען זאָל אַריינקוקען אין א מוסר ספר, פיל פון זיי זיינען ניט געווען געגען דעם אז מען זאָל לערנען שפּראַכען און קענען בילדונג, אָבער אין די ישיבות אַלס נאָך א פאַך, מעג עס זיין אפילו א נעבען־פאַך, האָבען זיי דאָס ניט געקענט צולאָזען.

דער קאַמף אויף דעם געביט האָט ווייניג געהאָלפען. די ישיבות וואו מען לערנט נאָר תורה זיינען געוואָרען ווענינער און אין אַלע „ישיבות", אַפילו אין די גרעסטע, האָט מען איינגעפיהרט אָדער מוסר־לערנען, אָדער מאָדערנע בילדונג, יעדענפאַלס נאָך עטוואָס צו תורה לערנען איז איינגעפלאַנצט געוואָרען. נאַטירליך, איז געווען זעהר א קענטיגער אונטערשיד פון די ביידע סאָרטען ישיבות וואָס מען לערנט מוסר אָדער מען לערנט וועלטליכע בילדונג. אַלס מוסטער פון די ביידע „ישיבות" האָבען געקענט דינען, אין יענע יאָהרען, די סלאַבאָדקער ישיבה פון איין זייט, די „ישיבה" אין אדעס פון דער אַנדער זייט. אַזוי ווי אין סלאַבאָדקע איז געווען דער אידעאַל פון מוסר דער עקסטרעם, אַזוי איז אין אדעס געווען דער אַנדער עקסטרעם פון השכלה און בילדונג.

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

ווען עס איז אויסגעקומען צו באזוכען אין פארלויף פון א קורצע צייט דיביידע „ישיבות" איז געוואָרען קלאָר וואו עס ליגט דער אונטערשיד צווישען ביידע אנשטאַלטען וועלכע טראָגען אייגענטליך איין נאָמען און באצוועקען אָפיציעל איין צוועק, און דאָך זיינען זיי גאנץ פארשידען, אזוי פארשידען אז מען קען זיי ניט צוזאמען אוועקשטעלען אין איין שורה. עס איז אָבער אין דערזעלבער צייט אויך קלאָר געוואָרען, ווי די ביידע קאָנטראסטען האָבען איין צד השוה וואָס אונטערשיידעט זיי ביידע פון דעם טיפ ישיבה, ווי עס איז געווען אין וואָלאָזין, אין די גוטע צייטען.

אין סלאבאָדקע האָט דאָן געהערשט דער גייסט פון דעם „אַלטען", ווי מען האָט באצייכענט רבי נ ט ע ה י ר ש פ י נ ק ע ל, וועלכער איז געווען די נשמה און די פארקערפערונג פון דער סלאבאָדקער ישיבה. עס האָט שוין דאָן ניט געהערשט די מחלוקת שטימונג פ א ר מוסר און ג ע ג ע ן מוסר, און דארום איז געווען אין דער סלאבאָדקער ישיבה א רוהיגער און גע־מיטליכער געפיהל פון א צוזאמענקונפט פון א גרופע גייסטרייכע, פעהיגע, אידעאלע יונגע מענשען וועלכע זוכען ניט פאר וואָס אָדער געגען וואָס צו קעמפען, נאָר באשעפטיגען זיך מיט די גרעסטע פראָדוקטיווע טעטיג־קייט וועלכע עס איז דאָ אין מענשענ'ס לעבען: מאכען זיך פאלקאָ־מענער און בעסער. אויך דער זייטיגער מענש האָט געקענט זיין געגנוג אָביעקטיוו אָפצושאצען דאָס וואָס ער האָט דאָרט געזעהן און געהערט, אָהן וועלכען עס איז פאָראורטייל. דער איינדרוק, ארייגקומענדיג אין דער סלאבאָדקער ישיבה איז געווען זעהר אַן אנגענעמער. מען האָט געזעהן פאר זיך א גרויסע צאָהל פון ערוואקסענע מענשען וועלכע לערנען ניט נאָר דאָס וואָס זיי האָבען פאר זיך, נאָר לערנען אויך זיך אליין. יעדער סלאבאָדקער ישיבה־מאַן, וועלכער איז דורכגעדרונגען געווען מיט דעם גייסט פון מוסר האָט געהאט זיין אייגענעם „איך" אלס א מסכת וועלכע מען דאַרף לערנען און פארשטעהן, זוכען אויסצובעסערען און פארענטפערען פארשידענע קשיות פון איין געפיהל אויפ'ן צווייטען, פון געדאנקען אויפ'ן טאַט, פון דעם נעכטיגען „איך" אויף דעם היינטיגען „איך"... פיל מעהר איז דאָס געקומען צום אויסדרוק, אין א פיל מעהר קאָנצענטרירטער פאָרם און אין אַן אויסגעשפראָכענעם וועג, ביי דעם פיהרער פון דער ישיבה רבי נטע הירש. דער באגריף פון פיהרער פון ד ע ר ישיבה איז געווען ניט אין געוועהנליכען זינען ווי עס איז באקאנט אין אלע אַנדערע תורה אנשטאַלטען. רבי נטע הירש איז ניט געווען אין דער ווירקליכקייט דער פיהרער פון דער ישיבה, ער

צוויי קאָנטראַסטען

איז געווען, אפשר מעהר ווי דאָס, דער פיהרער פון די ישיבה־לייט. באזיצענדיג א טיפען שעהנעם גייסט, האָבענדיג א שטאַרק־ענטוויקעלטען פסיכאָלאָגישען חוש און, דאָס וויכטיגסטע, האָבענדיג די נויטיגע קלוג־הייט, רוהיגקייט, איינפאַכקייט אויסערליך, און שטאַרקייט אינווענינ, האָט ער באַהערשט די יונגע גייסטער פון די בחורים וועלכע זיינען געווען נאָהענט צו איהם. ער האָט געווירקט אויף יעדען איינציגען בחור באַזונדער מיט זיינע פריוואַט געשפּרעכען און עצות געבען און ארויסהעלפענדיג מיט א גוט וואָרט, מיט א טרייסט־וואָרט, מעהר ווי ער האָט געווירקט אויף אַלעמען צוזאַמען מיט זיין ריידען. אין זיין ריידען, אָדער ווי מען האָט עס גערופען, „מוסר זאָגען”, איז ניט געווען עטוואָס איבער־ראַשענדעס. ווען־ניט־ווען, א שעהנער געדאַנקען, וואו־ניט־וואו א בליצינער מאמר חז״ל, אָבער אין גאַנצען גענומען איז ניט געווען זיין שטאַרקייט אויף דעם געביט. ער האָט ניט געהערט צו די קלאַסיקער פון די מוסר סיסטעם און איז ניט געווען פון די „פּאַטערס” פון דער מוסר שיטה. אָבער וואָס אנבאַטרעפט די ערציהערישע קראַפט וועלכע איז די וויכטיגסטע אין א לעהר־אַנשטאַלט, איז ער געווען גרעסער פון זיינע רביים און פאָרגענגער. ער האָט אויך געוואוסט דעם סוד אַז די שטאַרקסטע השפּעה האָט מען ווען מען זוכט ניט צו משפּיע זיין דירעקט, און די שטאַרקסטע ערציהונג גיט מען, ווען מען שאַפט דעם איינדרוק אַז ניט מען ערציהט דעם קינד אָדער דעם תלמיד, נאָר מען חבר׳ט זיך מיט איהם. און דאַריבער איז ער, רבי נטע הירש, געווען א חבר מיט זיינע תלמידים. ער האָט זיי ניט נאָר געזאָגט מוסר, נאָר ער האָט געוואוסט זייערע ליידען און זייערע פריידען, ער האָט געהאָלפען ווען צו קריגען א גאַנצען בגד, און ווען עס איז נויטיג צו שאַפען א פּאַסענדען שידוך, ער האָט געגעבען עצות צו א באַדירפטיגען בחור וועגען ענינים פון פּריזיוו, און האָט ארויסגעהאָלפען דעם יונגען תלמיד ווען ער איז געקומען צו איהם מיט זיינע ספקות וועגען זיין צוקונפט אין לעבען. דאָס איז אַלץ א חלק פון „מוסר” געווען ביי רבי נטע הירש׳ן, און ער האָט מיט זיין איינפלוס ערצויגען הונדערטע תלמידי חכמים און אינטעלעקטועלע אידען, אַן ערציהונג וועלכע איז נאָך איצט קענטיג אין פילע שטעדט און לענדער. ווייסענדיג אויך וואָס אַן ערציהער דאַרף וויסען, אַז ניט אַלע תלמידים זיינען גלייך אין זייערע פעהיגקייטען אויפצונעמען א געוויסע לעהרע, האָט ער אויסגעזוכט די יעניגע וועלכע זיינען אין דער נאַטור געשטאַנען נעהנטער צו ווערען פון איהם באַאיינפלוסט און מיט זיי האָט ער מעהרער גערעדט, ער האָט זיי געגעבען מעהר צייט

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

און אויפמערקזאמקייט און אזוי האט ער געשאפען א געוויסען טייל פון דער ישיבה ניט נאָר אלס זיינע תלמידים, נאָר אויך זיינע „חסידים", וועלכע זיינען געשטאנען הונדערט פראָצענט אונטער זיין השפעה, און זיינע געדאנקען זיינען געוואָרען דער ריכט־שנור אין זייער פריוואט־לעבען און געזעלשאפטליכע טעטיגקייט. אבער אלע ישיבה־לייט אין סלאבאָדקע זיינען געווען פון איהם, פון דעם „אלטען", באאיינפלוסט, און דער צענטער פון דער ישיבה איז געווען, גוט אָדער שלעכט, ניט דער ראש ישיבה נאָר דער „משגיח". און ווען א פעהיגער בחור אין לערנען איז געווען גוט באקאנט, זיינען דאָך באריהמט געוואָרען, ניט וועניגער, און אמאָל מעהרער, די בחורים וועלכע זיינען געווען טיף אין דער מוסר־לעהרע און זיינען געשטאנען נאָהענט צום „אלטען" און האָבען אליין שוין אויך געהאט א השפעה אויף אינגערע פון זיי. דער לערנען און דאָס „קענען לערנען" איז אין סלאבאָדקע ניט געווען דאָס איינציגע קריטעריום, ווי דער פאל איז געווען אין די פריהערדיגע ישיבות. לעבען תורה, אין לומדישען זין, און אמאָל איבער די תורה, איז געשטאנען „מוסר".

פון א גאנץ אנדער כאראקטער, אין געוויסע הינזיכטען עקסטרעם דאגעגען, איז געווען די „ישיבה" אין אדעס. דאָס איז געווען די ערשטע מאָדערנע ישיבה, וועלכע האָט געטראָגען א השכלה כאראקטער, אין גוטען זינען פון וואָרט, ניט נאָר אויסערליך, נאָר אויך אינערליך. מען האָט געלערנט וועלטליכע בילדונג און אויך אידישע וויסענשאפט ניט אויבערפלעכליך, נאָר גאנץ גרינדליך.

צו דעם לעהרער־שטאב האָבען געהערט באריהמטע שריפטשטעלער, משוררים, מענשען פון דעם גרעסטען נאָמען אויף זייער געביט. די אבזיכט פון די גרינדער און שטיצער פון דעם אנשטאלט, ווי שמואל ברבש און חיים עטינגער, צוויי חשוב'ע בעלי בתים אין אדעס — און אנדערע מיט זיי, איז ניט געווען צו מאכען דעם אנשטאלט אן איבערגאנג צו עטוואס אנדערש, ווי דער פאל איז געווען מיט יאָהרען צוריק ביי די טרויעריג־באריהמטע „ראבינער סעמינארם" אין ווילנא און אין זשיטאָמיר, נאָר זיי האָבען באמת געוואלט מאכען א ישיבה אין מאָדערנעם גייסט. אויב דער פלאץ אדעס, וועלכער איז געווען פון די פרייעסטע שטעדט אין רוסלאנד, ניט פון די געבילדעטע ווי צ. ב. מאסקווא, נאָר פריי אין וואולגארען זינען, איז געווען דער ריכטיגער אָרט פאר א ישיבה, אפילו פון א מאָדערנעם כאראקטער — איז א שאלה פאר זיך. אויך דער צופאל וואָס דער ערשטער ראש ישיבה, ווארשיינליך אויך דער

צוויי קאָנטראַסטען

אייפריגסטער מיט־גרינדער פון דעם אַנשטאַלט, האָט געוואָלט שאַפען אַ נייעם וועג אין לערנען — אַ זאַך וואָס גאַנץ גרויסע לומדים און אמת'ע אויטאָריטעטען זיינען אויך ניט געווען בכח דורכצופיהרען אַזוי לייכט — און זיינע „שעורים" האָבען זיך באַשעפטיגט מיט פאַרגלייכונגען פון תלמודישע דינים מיט געזעצען און באַגריפען פון אַנדערע פעלקער, פיל מעהר אַלס ווי מיט פאָרשונגען און פאַרטיפונגען אין תלמוד און זיינע מפורשים, איז ווייט ניט געווען מסוגל דעם אַנשטאַלט צו געבען אַן איינ־האַלט פון אַ ישיבה. דאָס וואָס עס האָט אָבער אַם מייסטען געפעהלט איז די קאָנצענטראַציע וועלכע עס דאַרף זיין אין יעדען לעהר־אַנשטאַלט, בפרט ווען מען באַצוועקט ניט נאָר צו לערנען, נאָר אויך צו ערציהען.

דער הויפט צוועק פון אַ מאָדערנער ישיבה — אויב איבערהויפט די צוזאַמענזעצונג פון די צוויי ווערטער און באַגריפען איז ריכטיג — קען דאָך ניט זיין נאָר וואָס אין איין טאָג אָדער אין איין וואָך ווערט מען לערנען פאַרשידענע למודים. דאָס קען זיין ריכטיג אָדער ניט ריכטיג, פון פעדאַגאָגישען שטאַנדפונקט, אָבער דאָס פראָדוצירט ניט קיין נייעס אין דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פון דעם מענשען. אויב מען וויל שאַפען אַ באַגריף פון אַ למדן־משכיל, מוז מען דאָך ווירקען גייסטיג, אידעאָלאָגיש, אויף דעם ווילען און נייגונגען פון די תלמידים, עס זאָל ביי זיי די לומדות מיט די וועלטליכע בילדונג צוזאַמענגעגאָסען ווערען און שאַפען איין איינהייטליכקייט. דאַצו מוז מען האָבען ניט נאָר אַ גוטען „שעור" אין תורה און גוטע לעהרער אין בילדונג, נאָר עס מוז זיין אַן ערציהער וועלכער זאָל זיין די נשמה פון דעם אידעאַל וועלכער זאָל געשאַפען ווערען. דאָס האָט אין אַדעם פאָלשטענדיג געפעהלט, דאַפיר האָט דער אַנשטאַלט אויך אין דער צייט פון זיין עקזיסטענץ גאָר ניט געשאַפען. געווען זיינען געוויסע פאַכען גוטע לעהרער, געווען אויך אַ טייל סימפאַטישע, שטרעבזאַמע תלמידים, געווען אויך אַ גוטער ווילען, אָבער דער עיקר האָט געפעהלט, ניט געווען קיין צענטראַל פונקט, קיין צענטראַלע פערזאָן וועלכע זאָל ווירקען און שאַפען אַ כאַראַקטער וועלכער זאָל סימבאָליזירען דעם אַנשטאַלט. אין דער אַלטמאָדישער סלאַבאָדקע איז געווען דער מענש וועלכער האָט פאַרשטאַנען, מיט זיין געבאָרענעם אינסטינקט, ווי צו ערציהען אַ דור, און דאריבער האָט ער געשאַפען גרויסע און קליינע תלמידים, אָבער אַ רייהע מענשען און פיהרער וועלכע דער שטעמפעל סלאַבאָדקע איז קענטיג אין זייער לעבען און טעטיגקייט. אין דער מאָדערנער אַדעם איז ניט געווען די פערזאָן און מען האָט גע־לערנט אויף דעם אַלטען שטייגער אין דעם זין וואָס יעדער רבי און

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

יעדער לעהרער האָט געטאָן זיין זאַך, ווי גוט אָדער ווי שלעכט, אָבער קיין תלמידים אין א זין פון א שיטה האָט קיינער ניט געשאַפען, און דאריבער איז אפשר וואו־ניט־וואו דאָ געוויסע פערזאָנען וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער באאיינפלוסט געוואָרען פון איינעם אָדער פון דעם אַנדערען לעהרער, אָבער קיין שטעמפעל אדעם, אַלס א לעהר־אַנשטאַלט, איז ניט געבליבען.

די קאָנטראַסטען פון סלאבאָדקער ישיבה און די ישיבה אין אדעס זיינען זעהר, זעהר גרויס. אין איין זאַך האָבען זיי ביידע געזאָלט גלייך זיין, צו תורה־לערנען האָבען זיי צוגעשטעלט נאָך עטוואָס. די ערשטע: מוסר. די צווייטע: השכלה. נאָר די שיטה מוסר ווי זי איז געווען אין סלאבאָדקע, האָט געשאַפען א סינטעזע לומדים־מוסר'ניקעס, און די שיטה השכלה האָט אפשר געשאַפען משכילים, און ווער וויים, אפשר אויך איינינע לומדים, נאָר לומדים־משכילים זיינען פון דאָרט ניט ארויס.

ס.

דורך גאַליציען

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס רוסלאַנד און גאַליציען האָבען זיך גע־גרענצט דורך רוסיש־פּוילען, האָט מען דאָך זעהר ווייניג געוואוסט אין איין לאַנד וואָס עס געהט פאָר אין דער צווייטער. מען האָט געהערט פון דעם אַלגעמיינעם לעבען אין גרויסע שטריכען, אָבער גענויע איינ־צעלהייטען ווי עס זעהט אויס דאָס אידישע לעבען האָט מען ניט געוואוסט קלאָר. דער אונטערשיד איז געווען זעהר שטאַרק פון איין לאַנד ביז דער אַנדערער כמעט אין יעדען טייל פון דעם גייסטיגען און קולטורעלען לעבען, און ווען מ'איז געקומען זאָגאַר פון וואַרשאַ אָדער לאָדז אין קראָקאָ אָדער לעמבערג, טראָץ דעם, וואָס די אַלע שטעדט האָבען אורשפּרינגליך געהאַט אַן איינהייטליכען כאַראַקטער, איז געווען ווי מען קומט אין אַ גאַנץ נייע וועלט. שוין די קליידונג האָט אויסגעמאַכט זעהר פיל. אין דער צייט ווען אין רוסיש־פּוילען האָבען אויך די חסידים אָדער די איינגעבאָרענע פּוילישע אידען וועלכע האָבען זיך גע־קליידעט אין „עכט אידישע מלבושים" ווי מען האָט עס דאַן גערופען, געזוכט מעהר אָדער ווייניגער צו זיין מאָדערן אפילו אין די גאַנץ לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די ברייטע היטלען, אַלץ איז געווען נעט, זויבער און פּאָר־נעם, איז אין גאַליציען, זאָגאַר אין די גרעסערע שטעדט געווען אַ נאַר־מאַלע ערשיינונג צו זעהן יונג און אַלט געקליידעט אָהן וועלכען געשמאַק, אָהן וועלכען עסטעטישען געפיהל. אויף דעם מענשען וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד אָדער פון דייטשלאַנד, האָט געמאַכט אַ פּיינליכער איינדרוק ווען מען האָט געטראָפען אויף די באַהן־סטאַנציאָנען פון גאַליציען אידישע יונגע לייט אָדער אינגלאַך מיט זעהר שטאַרק פאַרלאָזענע באָרד און פאות, וועלכע האָבען געקענט זיין אַן אָריגינעלע אידישע שעהנהייט און עס איז געוואָרען לעכערליך, דאַצו די קליידער ניט ריין און ניט אויפגעפּאַסט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון עקאָנאָמישע אָרימ־קייט און טיילווייז אויך גייסטיגע. גראָד אַ איד, אַ תלמיד חכם, קען געפינען באַווייזע אַז ריינליכקייט אין גוף און אין בגדים, איז ניט קיין סתירה, גיכער אַ צייכען פון פרומקייט, אָבער דאָרט אין די גאַליצישע שטעדט האָט געשיינט אַזוי ווי מען זוכט איבערצושטייגען איינער דעם צווייטען מיט אָפּגעלאָזענקייט און מיט ניט קאָרעקטקייט אין האַלטונג און

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

אין קליידונג. עס האָט געמאַכט נאָך א שווערערען איינדרוק ווען מען איז געפאָהרען א לענגערע שטרעקע טיף אין גאַליציען און די וואַגאָנען זיינען געווען פול באַזעצט מיט אידען, אויך דער קאָנדוקטאָר איז געווען א איד. פון איין זייט איז דאָס געווען אַן אַנגענעמע איבערראַשונג, דען אין רוסלאַנד און אויך אין דייטשלאַנד האָט מען ניט געקענט זעהן קיין אידען אין רעגירונגס אמט, אַפילו אזעלכע „עמטער" ווי א בריף־טרעגער אָדער קאָנדוקטאָר. און זעהענדיג ווי א איד איז א „מושל" אויפ'ן צוג אַלס קאָנדוקטאָר און ער רעדט א פשוט'ן געשמאַקען גאַליציאַנער אידיש, איז דאָס געווען אַן אַנגענעמע אַנטפּלעקונג. דאַצו, געוועהנליך ווען עס איז א וואַגאָן אין גאַנצען מיט אידען, א גרויסער טייל פון זיי וועלכע פאָהרען צו א רבי'ן אָדער פון א רבי'ן, און דער קאָנדוקטאָר איז אויך „פון אונזערע", ווי דאַוונט מען ניט תפלה „בצבור"? און די צייט קומט, גאַרטלען זיך די אידען ארום, מען וואַשט די הענד, מען זאָגט „קטורת" און מען דאַוונט מנחה. מען מאַכט א „הויכע קדושה". דאָס איז א מין אָפּצאָהלונג צו א „תפלה קצרה" ווי דער דין איז פון א מתפלל בדרך. דער גאַנצער ענין איז א נייע ערשיינונג וועלכע מען קען טרעפען נאָר אויפ'ן וועג פון קראָקא קיין לעמבערג, אָדער פון לעמבערג קיין טשערנאָוויץ. פאָהרענדיג פון קעניגסבערג אין בערלין אָדער אַפילו פון ווילנא אין וואַרשא האָט מען דאָס ניט געזעהן. אָבער פון דער אַנדער זייט האָט וועה געטאָן דאָס הארץ קוקענדיג אויף דעם וואַגאָן, און ניט איינער, נאָר מעהרערע, באַזעצט מיט אידען, און באַטראַכטענדיג די בגדים און די אָפּגעלאָזענקייט, וועלכע האָבען עדות געזאָגט אויף אָרימקייט ניט נאָר עקאָנאָמיש. עס האָט זיך געטראַכט ניט ווילענדיג: ווען אין ארץ ישראל וועט פאָהרען א צוג מיט אידען, און נאַטירליך אויך מיט א אידישען קאָנדוקטאָר, וועט מען געוויס אויך פיהלען זיך היימיש, און מען וועט דאַוונען תפלה בצבור, אָבער דאָך וועט דאָס אויסזעהן אַנדערש...

די אָרימקייט פון די גאַליציאַנער אידענהייט האָט מען געפיהלט אין יעדער גאַס און אין יעדען האָטעל, נאַטירליך אידישע, און אין דעם רעסטאָראַנט. אַלערליי „געשעפטען" זיינען דאָרט פאַרגעשלאָגען געוואָרען: אַלטע אידען מיט ספרים און „לוחות", מיטעלע אידען מיט לאָטעריי צעלען, און זאַקען און בענדלאַך, און נאָך אזעלכע „סחורות", און קליינע קינדער מיט צייטונגען, פּאַפּיראָסען און שוועבעלאַך א. ד. גל. אויסער דעם סתם אידען און אידענעס וועלכע האָבען געבעטען הילף. עס האָט וועה געטאָן דאָס הארץ קוקענדיג אויף דער לאַנגע אין וועלכער א חשוב'ער

דורך גאַליציען

אידישער ישוב געפינט זיך, און גראַד די אידען וועלכע לעבען אין אַ פרייער מדינה, ווי גאַליציען אלס אַ טייל פון עסטרייך איז געווען פאַר דעם קריג אונטער דער פיהרערשאַפט פון „קיר"ה".

אין די אַלטע צייטען האָט מען געזאָגט אז אויך שעהנקייט איז „עניות מנוולתן", מאַכט אָרימקייט מיאוס, און דער כלל איז אויסגעהאַלטען געוואָרען אויך אין די שפּעטערדיגע צייטען. דעם איינציגען טאָג אין וואָך ווען די אָרימקייט האָט זיך ניט געזעהן, און די שעהנקייט פון די גאַליציאַנער אידען איז ניט פאַרדונקעלט געוואָרען, איז געווען שבת. די שעהנסטע פּאַנאָראַמע וועלכע מען האָט געקענט זעהן אין גלות, אין טיפען גלות, איז געווען פרייטאָג-צו-נאַכטס אין קראקא. גאַס נאָך גאַס, הויז נאָך הויז, איז געווען באַלויכטען מיט שבת-ליכט, און ניט נאָר צוויי אין יעדען הויז נאָר פיל מעהר, מענשען זיינען געגאַנגען אין שוהל און פון שוהל מחנות-וויז. אַלע פריש געוואַשען, ערשט געקומען פון באָד און פון מקוה, די קראַגענס פון די העמדער צאַרט ווייס, די פּאות און די באָרד שעהן און גלאַט פאַרקאַמט און מלא חן, און די זיידענע מלבושים גלאַנצען אָדער פון נייקייט אָדער פון אַלטקייט, אָבער עס דאַכט זיך אַז יעדער מלבוש און יעדער גאַרטעל טראָגט מיט זיך אַ שבת'דיגע נשמה, און אויך די לעכער וועלכע זעהען זיך ארויס פון די אָפּגעריבענע און אָפּגעטראָגענע „בעקישעס" שיינט צו זיין אַ טייל פון דעם בגד, אַז אַזוי דאַרף זיין...

די רוהיגקייט, און עס ווילט זיך זאָגען די הייליגקייט, וועלכע איז געלעגען אויף יעדען פּנים פון דעם דאָרטיגען אידען אין יענער צייט, האָט געמאַכט פאַרגעסען די טרויעריגע געדאַנקען פון דעם וואָס מען האָט געזעהן און דורכגעלעבט אין די וואָכעדיגע טעג, אפילו ווען מען ווייס, אַז עס וועט בעסער ניט זיין, ווען דער הייליגער שבת וועט אַוועקגעהן. און פון די „שבת מלכים" אין די זיידענע קאַפּאָטעס וועט ווידער ווערען אַ מאַסע פון געפּלאָגטע אידען און אָרים-זעליגע מענשען, — אָבער דערווייל איז דער שבת אין זיין גאַנצען גלאַנץ, דער הערשער אויסערליך אויפ'ן גאַס און אינערליך אין דער נשמה.

און ווען עס קומט אוים צו האַלטען אַ רעדע, אָדער פּשוט'ער געזאָגט אַ „דרשה" שבת פאַר מנחה אין אַ שוהל אין קראקא, פיהלט מען זיך גאַנץ אַנדערש ווי איבעראַל. מען ווייס אַז מען האָט צו טאָן מיט אידען תלמידי חכמים, אידען פרומע וועלכע מען קען זיי פיל נייעס ניט דערצעהלען וועגען די מצוה פון „ישוב ארץ ישראל", און אויך אידען פול מיט צרות צו וועלכע מען דאַרף פיל ניט רעדען וועגען „ארויסגעהן פון

גלות", און מען פיהלט אויך, אז טראָץ דעם וואָס דער גרויסער פלאַץ וואו מען רעדט איז פול געפּאַקט, הערשט דאָך אין דער לופט אַן אונ־גינסטיגע שטימונג צו דעם וואָרט און באַגריף פון ציוניזמוס, און דער מזרחי איז נאָך ניט געווען באַוואוסט און די וועלכע ווייסען איז ער נאָך ניט בכח צו ביישטעהן די געגנערשאַפט פון געוויסע אויטאָריטעטען וועלכע זיינען איבערהויפּט געגען... שטעהענדיג אין שוהל און ריידענדיג פאַר א טויזענד־קעפּיגען עולם און פיהלענדיג די גרויסע אחריות, ניט נכשל ווערען צו קלענער מאַכען די באַדייטונג פון דער ציוניסטישער אויפלעבונג אין דער מזרחי אויסטייטשונג, און אין דערזעלבער צייט האַלטען אויף דער אָנגענומענער גרויסקייט דעם גלויבען און דעם צוטרויען צו אנערקענטע אויטאָריטעטען, וועלכע דינען אַלס וועגווייזער און אונ־פעהלבאַרע פיהרער, איז די פאַראַנטוואָרטליך פאַרגרעסערט געוואָרען זעהענדיג ווי עס קומט אריין רבי אהרן מארקוס.

רבי אהרן מארקוס איז א קאַפּיטעל פאַר זיך, שאַדע וואָס קיינער האָט זיך ניט גענומען די מיה צו געבען א ביאָגראַפיע פון דיזען אינ־טערעסאַנטען מענשען און גרויסען אידען מיט זיינע גייסטיגע איבער־לעבונגען און אידעען. שטאַמענדיג פון האַמבורג אין דייטשלאַנד האָט דר. מארקוס געקראָגען די געוועהנליכע אידישע בילדונג און אויך אַל־געמיינע קענטניסע. ערוואַקסענערהייט האָט ער מעהר געלערנט פילאָ־זאָפיע, און פון פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט איז ער געקומען צום שטרענג רעליגיעזען יודענטום און איז געוואָרען א שטאַרקער חסיד. די חסידות איז ביי איהם ניט געבליבען קיין אבסטראַקטע אידעע נאָר ער האָט אומגעביטען זיין לעבענס־אַרט, אויך זיין קליידונג, אָנגעהויבען פאָהרען צו א רבי'ן, און איז געוואָרען א חסיד מיט אַלע חסידים צוגלייך. ער איז אוועק פון דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין קראקא. ער האָט גע־שריבען אייניגע ביכער, אין דייטש, פון פילאָזאָפישען אינהאַלט, איבער־הויפּט איז ער געווען אַן אָנהענגער פון האַרטמאַן, און האָט זעהר אָפט באַגרינדעט פילאָזאָפיש אין זיינע ווערק די חסידישע וועלט־אַנשויאונג. ער האָט טיילגענומען אין דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, און אויף דעם באַריהמטען בילד פון די דאַמאַלדיגע דעלעגאַטען איז אויך דאָ זיין בילד אין א חסידישע יאַרמולקע. ווי עס שיינט איז דער מאָדערנער ציוניזמוס ניט געווען נאָך זיין געשמאַק און מעהר האָט מען איהם ביי די קאָנגרעסען ניט געזעהן און ווייניג פון איהם געהערט. עס איז נאָר דאָ אַן אַרטיקעל פון „אחד העם" אין וועלכען ער דיסקוטירט מיט איהם, מיט מארקוס'ן, ווען דער לעצטער האָט געוואָלט גרינדען א

דורך גאַליציען

קאָלאָניע אין ארץ ישראל מיט דער הילף פון טשאָרטקאָווער רבי׳ן אויף געוויסע רעליגיעזע יסודות. די וועלכע האָבען געוואוסט ווער מארקום איז, האָבען געזאָגט, אַז ער איז געוואָרען אַן אנטי־ציוניסט און איז איבערגעגאנגען אָפּיציעל אין דער „אגודה״.

ניט קיין וואונדער וואָס שטעהענדיג אין קראקא אויף דער בימה פאַר אַ טויזענד קעפּיגען עולם און זעהענדיג אַז מארקום קומט אריין צווישען די הערער, פיהלט מען ניט גאַנץ באקוועם, צו האָבען פאַר זיך אַזאַ געגנער, און אפשר וועט ער אויך דיסקוטירען, איז דאָס ניט קיין גרינגע אויפגאַבע איהם צו ענטפערען. דער אונרוהיגער צושטאַנד איז געוואָרען נאָך גרעסער ווען גלייך נאָך דעם רעדען, געהט ארויף רבי אהרן מארקום און הויבט אָן רעדען. עס איז איבערהויפּט ניט קיין געוועהנליכע ערשיינונג אַז נאָך אַ רעדע אָדער. אַ דרשה אין אַ שוהל שבת ביי טאָג זאָל אימיצער רעדען נאָך דעם אָפּיציעלען רעדנער, אויב מען איז מסכים מיט איהם אָדער ניט. ווען אָבער מארקום געהט ארויף רעדען, איז דאָך וואהרשיינליך מיט אַ כוונה. און ווער ווייס וואָס די כוונה איז? עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די כוונה איז קלאָר געוואָרען: אַן א ו נ ט ע ר ש ט י צ ו נ ג צו אַלעם וואָס עס איז פריהער געזאָגט געוואָרען. אָנהויבענדיג מיט דעם פסוק „עורי צפון ובואי תימן״ האָט ער, דר. מארקום, אָנגעהויבען זיין ריידען און האָט מיט פיל טיפקייט באַגרינדעט די נויטיגקייט פון דער ארבייט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און האָט דערמאָנט איינינע שטעלען פון דעם וואָס דער פריהערדיגער רעדנער האָט געזאָגט מיט פולער צושטימונג. מען האָט דאָן געזעהן אַז אַ גרויסער מענש און אַן עהרליכער איד שטעלט דאָך דעם אמת פון געדאַנקען העכער פון סימפּאַטיען אָדער אַנטיפּאַטיען צו דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציאָן.

זייענדיג אין גאַליציען און באַזוכענדיג מעהרערע שטעדט און שטעדטלעך איז אויסגעקומען צו הערען און צו זעהן מערקווירדיגע ערשיינונגען, איבערהויפּט פון דעם וואָס אינערליך איז אַנדערש ווי אויסערליך, און דאָס איז שטענדיג אַן אַנגעלעגענהייט וועלכער לאָזט אַ שווערען איינדרוק. באַזוכענדיג די שטעדטעל ז ל אָ ט ש אָ ו, וועלכע איז געווען פון די פיינערע שטעדט אין גאַליציען וואָס אנבאַטרעפט גייסטיגע ענטוויקלונג און לומדות און אין בילדונג, נאָך אַ לענגערען געשפּרעך פאַר די יוגענד, האָבען צוויי יונגע לייט געבעטען צו האָבען מיט זיי, איינציגוויז, אַן אינטימע אונטערהאַלטונג. דאָס אינטערעסאַנטעסטע דאַביי איז, וואָס ביידע יונגע לייט האָבען גערעדט וועגען דיזעלבע זאַך, נאָר אין געגענזעצטע ריכ-

טונגען. איינער פון די יונגע לייט, אייראָפּעאיש געקליידעט, מיט אַ געשאָרענער באָרד, האָט געפרעגט: אויב ער מעג געהערען צום מזרחי, ווען ער, אַלס אַדוואָקאַט, זיצט ביי זיך אין ביוראָ אָהן אַ היטעל, ער דאַוונט אַלע טאָג און איז פרום, נאָר געהן אין בית המדרש טעגליך קען ער ניט א. ד. גל. און דער צווייטער יונגערמאַן, לאַנג געקליידעט, מיט רעכט לאַנגע פּאות, האָט פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער איז אין האַרצען זעהר ווייט פון פרומקייט, ער דאַוונט נאַטירליך יעדען טאָג אין בית המדרש און לערנט דאָרט אויך, אָבער דאָס טוט ער נאָר ווייל ער האָט ניט אַנדערש וואָס צו טאָן און אָפּברעכען מיט זיינע עלטערען, געהן אויף אַן אַנדער וועג, ווי עס איז איהם צום האַרצען, קען ער ניט און וויל ניט, בכן וויל ער וויסען אויב זיין אָרט איז אין מזרחי אָדער ניט?

נאַטירליך האָט דער ערשטער, דער „היינט־וועלטיגער" געקראָגען אַ פּאָזיטיווע תשובה, ער זאָל אריין אין מזרחי. אויב עס הערשט ניט קיין טעות, איז ער געווען אַ געוויסע צייט פון די מזרחי פיהרער אין פוילען. און דער צווייטער, דער „פרומער", האָט באַקומען אַן עצה אַז ער טאָר ניט און דאַרף ניט דעם מזרחי אָנגעהערען. דיביידע „שאלות" האָבען אָבער געהאַט אַ טיפען מענשליכען כאַראַקטער, וועלכער האָט געוויזען ווי שלעכט עס איז ווען מענשען זיינען ניט פריי צו לעבען ווי זיי ווילען, נאָר זיי זיינען געצוואונגען צו טאָן שטענדיג וואָס אויסערליכע אומשטענדען ברענגען זיי דאַצו.

דער פאַל איז אָבער ניט נאָר אין די נידריגערע שיכטען. אין אַ לענגערען געשפּרעך מיט איינעם פון די גרעסטע חסידישע רביים אין גאַליציען און אויך איינער פון די קלוגסטע, האָט דער רבי געזאָגט:

— איהר האָט אַ טעות אַז איהר מיינט אַז אַ רבי פיהרט די חסידים. זעהר אָפט פיהרען די חסידים דעם רבי'ן...

דאַרין איז באַשטאַנען דער שאָטען זייט פון דעם גייסטיגען לעבען אין גאַליציען. דען זאָנסט האָט מען דאָרט געקענט האָבען פיל פאַרגעניגען. ווען אין רוסלאַנד האָט שוין דאָס רעליגיעזע לעבען ניט מעהר געהאַט דעם פריהערדיגען גלאַנץ און די אַמאָליגע שטאַרקייט, איז נאָך אין גאַליציען געווען שטאַרק דער רעליגיעזער עקסטאַז. זייענדיג אַמאָל אין אַ קליין גאַליצישע שטעדטעל, דורך אַ צופאַל, און ניט האַלטענדיג דאָרט קיין רעדען און קיינער האָט אין שטעדטעל, טאַרנאָבזשעג — אַזאַ נאָמען האָט זי — ניט געוואוסט אַז דאָרט איז דאָ אַ פרעמדער, האָט מען דעסהאַלב געקענט זעהן וואָס עס קומט פאָר נאַטירליך, אָהן הכנות, איז געווען אינטערעסאַנט צו זעהן אין אַ געוועהנליכען טאָג, ביי מנחה

דורך גאַליציען

און מעריב, אַזאַ עולם ווי אַנדערש־וואו זעהט מען דאָס נאָר צו „כל־נדרי". דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען אין שוהל. און דאָס זעלבע האָט מען אויך געפונען אין יעדע גרויסע שטאָדט, בתי מדרשים, קלויזען, חסידישע שטיבלאך פול מיט יונגע לייט און עלטערע מענשען וועלכע האָבען געלערנט.

דער געדאַנקען האָט נאָר אָפּט געענגבערט אין מח: לערנען די אַלע וויל זיי ווילען אָדער וויל זיי מוזען? עס קען זיין אַז אין פילע פאַלען איז דאָ די בחינה פון מתוך שלא לשמה בא לשמה, אָבער זעהר אָפּט איז דער חשש פון „שנה ופירש" און „פקר טפי"... אין רוסלאַנד, זאָגאַר אין רוסלאַנד־פּוילען, איז דער חשש פון גייסטיגע „צביעות" ניט געווען עס איז ניט געווען קיין צוואַנג פון איין זייט און קיין ווילען ווערמען עס איז צופרידענשטעלען פון דער אַנדער זייט.

פיל גרויסשטעדטישער ווי איבעראַל אין יענע מדינה האָט מען זיך געפיהלט אין לעמבערג. ניט נאָר חשוב'ע רבנים זיינען דאָרט געווען, בראש פון זיי רבי ליב ברוידה, ווי אויך לומדישע און משכילישע בעלי בתים, מעהר אין צאָהל ווי אַנדערש־וואו, נאָר אויך געוויסע פּערזאָנען וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע יאָהרען „געמאַכט געשיכטע". דער אינטערעסאַנטסטער פון זיי איז געווען דר. בירער, אַן אַלטער מאַן וועלכער האָט מיט צעהנדליגע יאָהרען צוריק געגרינדעט חברות פאַר ארץ ישראל און פאַר פאַרשידענע קולטורעלע צוועקען אין גאַליציען. ווען מען באַגעגענט זיך מיט אַ מענשען וועלכער געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגענוואַרט איז זיין טעטיגקייט מעהר ניט קענטיג, פיהלט מען ווי מען זעהט פאַר זיך אַ לעבעדיגען מוזעאום, זעהר אינטערעסאַנט, אָבער האָט מעהר קיין פּראַקטישען ווערט...

סא.

יאַסי און בודאַפּעסט

די צוויי גרויסע שטעדט יאַסי אין רומעניען און בודאַפּעסט אין אונגאַרן, זיינען געווען חשוב אויך פון דעם אידישען שטאַנדפּונקט. נישט נאָר וואָס דאָרט זיינען געווען גרויסע אידישע קהלות, נאָר זיי זיינען אויך געווען מאסגעבענד פאַר אידישע אינטערעסען אין זייערע באַטרע־פענדע לענדער. בודאַפּעסט איז די הויפּט־שטאָדט און דאַדורך האָט זי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונגאַרישען יודענטום, ווען אַפילו פּרעס־בורג וועלכע האָט דאַן אויך געהערט צו אונגאַרן, איז געווען פון היסטאָ־רישען שטאַנדפּונקט און אויך פון לומדישען ריקזיכט, פיל וויכטיגער. און יאַסי, נישט קוקענדיג וואָס די הויפּטשטאָדט אין רומעניען איז זי נישט, און אַנדערע רומענישע שטעדט האָבען געהאַט גרעסערע און באַדייטענ־דערע לומדים און משכילים, רבנים און רביים, איז זי דאָך דורך איהר גרויסע צאָהל אידען, געווען מאסגעבענד אין דעם רומענישען יודענהייט.

אויסערליך האָט יאַסי נישט געמאַכט קיין אַנדערען איינדרוק אַלס אירגענד וועלכע אידישע שטאָדט אין גאַליציען, ווען מען האָט זיך צוגע־קוקט נעהנטער האָט מען דאַן געזעהן דעם אונטערשיד צווישען גאַליציען און רומעניען בנוגע אידישען לעבען. אין גאַליציען איז געווען ידיעת התורה אַ געוועהנליכע ערשיינונג. פון דעם שטאַנדפּונקט ווי מען לערנט תורה אין ליטא און אין די ליטווישע ישיבות, האָט מען געקענט האָבען אַ געוויסע מיינונג וועגען גאַליצישע לומדות, אַזוי גוט ווי אין יענע צייטען האָט מען זיך אין די העבראַיש־ליטעראַרישע קרייזען אין רוסלאַנד פּאַרהאַלטען מיט אַ געוויסע נעגאַטיווע שטעלונג צו די גאַלי־צישע השכלה און ליטעראַטור. אָבער אורטיילענדיג אָביעקטיוו האָט מען געמוזט צוגעבען אַז עס איז געווען ביי אידען אין גאַליציען אין יענע צייטען זעהר פיל פון דער אידישער קולטור אין יעדער צווייג. אין רומעניען האָט דאָס געפעהלט. די אידען אין רומעניען, ווי ווייט מען האָט זיי געקענט זעהן און הערען אין יאַסי, זיינען זעהר האַרציג און רופען זיך אָפּ וואַרעם ווען מען רעדט צו זיי. אויך האָבען זיי אַ שטאַרקען אינטערעס אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, פיליכט מעהר ווי אין מאַנכע אַנדערע לענדער. טיילווייז האָט דאָס צו טאָן דאַמיט וואָס געאָ־גראַפיש איז רומעניען נאָהענט צו ארץ ישראל און אַ נסיעה פון איין

יאַסי און בודאַפּעסט

לאַנד צו דער צווייטער דויערט אַ קורצע צייט. ווען מען זאָל רעכענען די פּראַקטישע טעטיגקייט אויפ'ן קאָלאָניזאַציאָנס געביט אין ארץ ישראל, פון יעדע לאַנד באַזונדער, נאָך בעפאָר די באַלפור דעקלאַראַציע, וועט געוויס פאַרנעמען רומעגישע אידענהייט אַ חשוב'ן פּלאַץ, אָבער לומדות און השכלה האָט מען צווישען זיי ניט געדאַרפט זוכען. און ניט נאָר וואָס אָנבאַטרעפט לערנען נאָר אפילו דער דאַוונען האָט דאָרט ניט גע־מאַכט דעם איינדרוק ווי עס געהער צו זיין און ווי עס איז געווען אין אַנדערע לענדער. עס האָט געפעהלט די גאַליצישע התלהבות און די ליטווישע דבקות און אוודאי די דייטשע אָרדנונג. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז מען קומט דאַוונען אפילו שבת נאָר אָפּצודאַוונען. צו דער מוסף'דיגער „קדושה" טוט מען שוין אוים די טליתים, און ווען מען זאָגט „עלינו" איז קוים דאָ אַ מנין...

אויך די חסידים אין רומעניען, אפילו די „רביים", זיינען ניט גע־שטאַנען אויף דעם הויך ווי די גאַליצישע. עס איז מערקווירדיג צו ערקענען ווי גרענעצען פון לענדער, וועלכע זיינען דאָך אייגענטליך נאָר אַן אויסערליכער צייכען, שאַפען אין דערזעלבער צייט אַן אינערליכען אונטערשיד גייסטיג און קולטורעל.

ווי געוועהנליך אָבער, אין פאַלען וואו דער כלל שטעהט אויף אַ געוויסע פלאַכקייט, רייסען זיך ארוים אייניגע יחידים וועלכע זיינען העכער ווי געוועהנליך. דער געזעץ עקזיסטירט אין עקאָנאָמישען לעבען אזוי גוט ווי אין גייסטיגען, אין אָרימע לענדער זיינען דאָ אמאָל גאַנץ גרויסע גבירים און גרויסע קאָפּ־מענשען וואַקסען אמאָל אוים פון אַ גאַנץ גע־וועהנליכע סביבה. איינער פון די באַדייטענדסטע פּערזאָנען, כמעט היסטאָרישע, איז געווען דאָן אין יאַסי דער אַלטער דר. ל י פּ ע. ער איז געווען באַוואוסט אַלס „דער אַלטער", ניט נאָר אין זיין אומגעבונג און אין זיין שטאָדט, נאָר אויך אין דער גאַנצער ציוניסטישער וועלט, ווייל ביי דעם ערעפנונג פון דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, בעפאָר דעם ווי מען האָט אויסגעקליבען דעם פּרעזידיאום, האָט די זיצונג ערעפענט דער ע ל ט ס ט ע ר מיטגליד וועלכער איז דאָרט געווען, און דער כבוד איז אויסגעפאַלען אויף דעם זעלבען דר. ליפּע פון יאַסי. ווען עס איז אויסגעקומען צו טרעפען זיך מיט איהם, מיט פילע יאָהרען שפּעטער, איז ער געווען זעהר שטאַרק געעלטערט. ער האָט אָבער נאָך געהאַט אַ שטאַרקען אינטערעס אין ציוניזם און אין אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט ארץ ישראל. זיין שוואַכקייט איז נאָר באַשטאַנען דאַרין וואָס ער האָט געזוכט צו רעדען וועגען דר. הערצל און ניט צום גוטען. זייענדיג

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

זעהר אַלט און דאַדורך, ווי געוועהנליך, פון קיינעם ניט ווידערשפּראָכען, און יעדער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב אויסצוהערען און צושאָקלען מיט'ן קאָפּ צו אַלעם דעם וואָס ער האָט געזאָגט, איז געוואָרען זיין איינ־בילדונגס־קראַפט אַ באַשטעטיגונג צו דעם וואָס ער אַליין זאָגט, אַלץ שטאַרקער, און אַזוי איז געוואָרען דער צויבער־קרייז, וואָס מעהר בייזעס ער אַליין האָט גערעדט וועגען הערצל'ן, האָט ער מעהר געגלויבט דאַרין און וואָס מעהר ער האָט געגלויבט און געוואָרען „איבערצייגט" האָט ער מעהרער גערעדט.... ער האָט ניט נאָר גערעדט, נאָר אויך געשריבען געגען הערצל'ן, און עס איז כמעט אַ ליטעראַטור געשאַפען געוואָרען, ווען הערצל האָט נאָך געלעבט, וואָס דר. ליפּע האָט געדרוקט און פאַרשיקט געגען איהם. דער אינהאַלט פון די געגנערשאַפט איז געווען זעהר אַ קליינער, אָדער אפשר גאָרניט, אויסער וואָס ער, דר. ליפּע, האָט „אויסגעפונען" אַז דר. הערצל ווייס ניט פיל פון אידישקייט. וויכטיג איז אָבער געווען דער גרונד וואָרום האָט אַזאַ חשוב'ער מענש און גוטער איד און דאַצו זעהר אַ געבילדעטער, אינטעלעקטועלע פּערזענליכ־קייט, ווי ליפּע, געקענט קומען צו אַזאַ צושטאַנד אַז זיין אויפגאַבע אין לעבען איז כמעט באַשטאַנען אין באַשמוצען און באַליידיגען הערצל'ן ביים לעבען און אויך נאָך זיין טויט. עס איז קיין אַנדער גרונד ניט געווען דאַצו ווי נאָר דער פאַל וואָס ליפּע האָט זיך געטראָפען ניט גענוג געעהרט און האָט געמיינט אַז הערצל איז שולדיג וואָס מען טיילט איהם ניט צו גענוג כבוד און ער פאַרנעמט ניט דעם געהעריגען אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אויב די גאַנצע זאַך וואָס מען האָט איהם ניט גענוג מכבד געווען איז אמת אָדער ניט, און אויב אימיצער איז געווען „שולדיג" דאַרין אָדער ניט, איינס איז זיכער געווען צו לערנען פון דעם פאַקט, נאָך לאַנגע שמועסען מיט דר. ליפּע, אַז דאָס וואָס עס שטעהט „כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו" איז ניט נאָר אַ זאַך פון מאָראַל און עטיק, נאָר עס ליגט פיל מעהר אין די קראַנקהאַפטע פּסיכאָלאָגיע פון דעם כבוד־זוכער אַז וואָס מעהר ער קריגט, מיינט ער אַלץ אַז דער כבוד איז צו ווייט פון איהם...

פון רומעניען צו אונגאַרן — די לענדער ווי זיי זיינען געווען פאַר די וועלט־מלחמה — איז געווען ווידער אַ גרויסער אונטערשיד. ניט נאָר דורך דעם ממשות'דיגען גרענעץ, נאָר אויך דורך דעם גייס־טיגען געשטאַלט. אין דער ווירקליכקייט איז אונגאַרן, ווי עס האָט זיך געזעהן דאַן אין בודאַפּעסט, געווען ניט נאָר אַנדערש ווי די אָדער יענע

יאַסי און בודאַפּעסט

לאַנד, נאָר זי איז געווען אַזוי ווי אַ וועלט פאַר זיך. דאַביי האָט מען דאָרט געפיהלט אַם שטאַרקסטען דעם שפּריכוואָרט „ווי עס קריסטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך״. אונגאַרן, אָדער גענויער צו ריידען וועגען איהר הויפּט־שטאָדט בודאַפּעסט, איז אַן און פאַר זיך געווען זעהר שעהן די לאַנדשאַפטען אַרום בודאַפּעסט און די שטאָדט אַליין פון ביידע זייטען טייך זיינען פון די שענסטע וואָס מען קען זעהן אין מיטעל־אייראָפּאַ. עס איז אויך קענטיג אויף שריט און טריט די מאָדערנע קולטור, און דאַן איז אויך געווען צו דערקענען דעם גוטען צושטאַנד עקאָנאָמיש און טראָץ אַלעם דעם, אַזוי שנעל ווי מען איז אריינגעקומען אין בודאַ־פּעסט האָט מען אויסגעפונען אַז מען איז ווי אָפּגעשניטען פון דער גרויסער וועלט. די שפּראַך, — אונגאַריש, — וועלכע, ווי מבינים זאָגען, איז זעהר שעהן, און פילע צייטונגען, מאַנכע פון באַדייטונג ווערען אין איהר געדרוקט, איז זי גאַנץ אַנדערש פון אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכען. זי האָט ניט אין זיך קיינע יסודות פון ראָמאַנישע אָדער סלאַווישע שפּראַכען אַזוי ווי יעדער אַנדער אייראָפּעאישער לשון. און דאַרום איז ניטאָ איין וואָרט וועלכער זאָל זיין באַקאַנט דעם פרעמדען וועלכען קומט דאָרט. פיל וויכטיגער איז אָבער דער פאַל וואָס מען האָט דאָרט אין בודאַפּעסט, און וואַרשיינליך אין גאַנץ אונגאַרן, זיך וועניג אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער וועלט. עס האָט אויסגעזעהן ווי גאַנץ אונגאַרן זאָגט: „מיר איז גוט, איך האָב אַלעם גוטעס, איך עס פון דאָס בעסטע ברויט און פלייש און טרינק פון די שטאַרקסטע וויינען, און אַלץ מיינע, וואָס געהט מיך אָן די וועלט?״ דאָס זעלבע איז געווען גאַנץ גענוי אין דעם אידישען לעבען. אַן און פאַר זיך איז געווען דאָס אונגאַרי־שע יודענטום און יודענהייט אין זעהר פילע הינזיכטען וואונדער־שעהן. דער עקאָנאָמישער צושטאַנד גלענצענד, אידען פון פאַרשידענע שאַ־טירונגען האָבען געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָליע געזעלשאַפטליך, טייל־ווייז אויך פּאָליטיש, יונג און אַלט, אַמווענינסטענס ווי עס האָט אויס־געזעהן אין בודאַפּעסט, מאָדערן קולטורעל און דאַצו אויך, פיל פון זיי, שטרענג פרום. דער גייסטיגער צושטאַנד, וואָס אַנבאַטרעפט די פרומע אידען דאָרט וועלכע זיינען געווען דער רוב מנין און אפשר אויך דער רוב בנין, האָט אייגענטליך ניט געקענט זיין בעסער. מען האָט געלערנט פיל תורה, מעהרערע ישיבות, מאַנכע באַריהמטע גאונים אַלס ראשי ישיבות און אויך רבנים פון באַדייטונג. דער „בחור״, ווי מען האָט דאָרט גערופען די וועלכע לערנען אין ישיבות, איז געווען פאַרהעלט־

ניסמעסיג ענטוויקעלט, אויך די ערציהונג אין אַלגעמיין איז פון אידישען שטאַנדפּונקט צופרידענשטעלענד, עכט רעליגיעז, דערצו ניט וועלט־פרעמד. דאָס איינציגע שלעכטע וואָס מען האָט געפונען אין דעם אונגאַרישען אידענטום, די צושיידונג און די פּאַרטיילונג אויף דריי טיילען: אָרטאָ־דאָקסען, נעאָלאָגען און סטאַטוס־קוואָ, האָט דאָס אַליין אויך געהאַט אין זיך אַ געוויסע גוטסקייט.

יעדער חלק פאַר זיך איז געווען גוט אָרגאַניזירט, און ווער ס'וויס ווי ווייט מיר האָבען נויטיג איבעראַל אַ שטאַרקען אָרגאַניזאַטאָרישען כח און ווי ווייט דאָס פעהלט אונז, האָט הנאה געהאַט צו זעהן ווי מעכטיג עס איז געווען די אָרגאַניזירטע קראַפט, איבערהויפּט ביי די אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס געוועהנליך זיינען זיי דער שוועכסטער טייל צו לאָזען זיך אָרגאַניזירען און געפיהרט ווערען אָרגאַניזאַטאָריש. ווען מען האָט געקענט האָבען זעהר פיל אויסצוזעצען געגען פּילעס וואָס עס ווערט געטאָן אָדער ניט געטאָן פון „קאָנצעלריי" — די הויפּט פיהרערשאַפט פון די אָרטאָדאָקסיע אין אונגאַרן — איז אָבער דאָך געוועזען אַ געוויסע הנאה צו הערען ווי פרומע אידען און רבנים האָבען גערעדט וועגען „אונזער פרעזידענט", דאָס האָט געמיינט, דער פרעזידענט פון דער אָרטאָדאָקסיע דאָרט אין לאַנד, און ווען דער פרעזידענט האָט געזאָגט יע, אין קהל'שע אַנגעלעגענהייטען, איז געווען יע, ווען ער האָט געזאָגט ניין, איז געווען ניין.

דאָס אַלץ איז, אַן און פאַר זיך, שעהן און גוט, אָבער דער גרויסער פעהלער וואָס עס איז געווען מיט דעם אונגאַרישען אידענטום איז די אָפּגעזונדערטקייט פון כלל ישראל. אַזוי ווי אין אונגאַרן בכלל האָט מען זיך געפיהלט ווי אויף אַן אינזעל ווייט פון דער אַלגעמיינער אייראָפּאַ מיט איהרע פּראָבלעמען, אַזוי האָט מען זיך צווישען די אידען אין אונגאַרן געפיהלט ווי מען איז ווייט, ווייט אַוועק פון אידען און אַלערליי אידישע אינטערעסען אין דער גאַנצער וועלט.

די אידען האָבען ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען וואָס עס געהט אָן מיט אידען אין אַנדערע מדינות, און ווען זיי האָבען געוואוסט אַמאָל פון אידישע שמחות, אָדער אידישע צרות, האָבען זיי זיך געמאַכט ניט וויסענדיג. מען האָט געקענט טרעפען אין אונגאַרן אידען לומדים, וועלכע האָבען כמעט ווי גאַרניט געוואוסט פון וואָלאָזינער ישיבה. זיי האָבען ניט געהערט פון די גאונים אין רוסלאַנד אין יענער צייט. די רבנים אין אונגאַרן האָבען ניט פיל געוואוסט אפילו פון די חשוב'סטע ספרים וועלכע זיינען ערשינען אין רוסלאַנד. דאָס זעלבע, אין פיל

יאסי און בודאפעסט

שטארקערען מאסשטאב, איז געווען וועגען דעם פאליטישען לעבען אין רוסלאנד און נאכמעהר וועגען העברעאישע ליטעראטור א. ד. גל. ווען דער פאגראם אין קישינעוו האט אויפגערודערט די גאנצע וועלט, האבען זיך געפונען אידען אין בודאפעסט, וועלכע האבען מצדיק את הדין געווען און געזאגט, אז דער פאגראם איז א פארדינטער, ווייל אידען זיינען ניט גענוג פרום און גענוג טריי. די „חכמים” האבען ניט געזעהן, אז אין „זייער” לאנד און שטאדט, וועלכע זיי האבען געהאלטען מעהר זייערע ווי ארץ ישראל און ירושלים, וועט מען מיט יאהרען שפעטער ניט ווייניגער ווי אין רוסלאנד פארפאלגען אויך די „פרומע” און די „טרייע”... עס האט אויסגעזעהן, אז אויך די אונגארישע אידען, די נעאלאגען אזוי גוט ווי ארטאדאקסען, האבען זיך געטראכט גלייך מיט די דארטיגע אלגעמיינע באפעלקערונג: „אונז איז גוט, מיר האבען די וועלט און מיר וועלען האבען יענע וועלט, וואס אינטערעסירען אונז אנדערע אידען?”

אין דער אידישער וועלט האט מען זיך געוואונדערט וואס ביי א ציוניסטישען קאנגרעס, אפילו ווען ער איז געווען אין וויען, נאר אייניגע שעה פון אונגארן, זיינען געוועזען ניט מעהר ווי צוויי דעלעגירטע פון דארט. אויך דער מזרחי, וועלכער האט אפגעהאלטען זיין ערשטען וועלט־קאנפערענץ אין פרעסבורג, האט ניט געהאט גענוג שטארקייט אין יענער מדינה. מען האט דאס צוגעשריבען צו פארשידענע סבות, וועלכע האבען צו טאן מיט'ן ציוניזם, אדער מיט דעם מזרחי. אין דער אמת'ן אבער האט דאס געהאט צו טאן מיט דעם ספעציפישען כאראקטער פון די אונגארישע אידען, וואס אלע אידישע אינטערעסען אויסער זייערע אייגענע, האט זיי ניט אינטערעסירט. ווען עס וואלט געקומען א משולח פון אירגענד וועלכע ישיבה אין רוסלאנד, וואלט ער אין בודאפעסט אדער אין אן אנדער אונגארישע שטאדט נאך ווייניגער הילף און פארשטענדניס געפונען ווי דער ציוניזם אדער דער מזרחי. דעריבער איז ווירקליך געווען זעהר ווייניג געגענזייטיגע וויסען. אויך אין רוסלאנד אדער אין פוילען האט מען ניט געוואוסט פון דעם אידישען לעבען אין אונגארן. מיט גאנץ קליינע אויסנאמען, זיינען די אונגאריש־אידישע באדייטענדע פערזענליכקייטען, אויף יעדער געביט, דעם אלגעמיינעם אידישען פוב־ליקום געווען זעהר ווייניג באקאנט.

דער געפיהל פון צופרידענקייט מיט זיך איז געווען אמאל צו באַ־וואונדערען, ווי ווייט דאס קען פיהרען אפילו די מענשען, וועלכע זיינען קלוג און אינטעליגענט. עס איז געווען רב אין בודאפעסט, רבי קאפעל

פון וואָלאָזין ביז ירושלים

רייך פון די גרויסע רבנים אין תורה און דאצו זעהר א קלוגער און פאַרנעמער מענש. געהענדיג מיט איהם צוזאמען פון שוהל פרייטאָג אָוועגט און זעהענדיג וויפיל אידישע געשעפטען זיינען אָפען, און דער חלול השם איז גרויס, טראָצדעם וואס עס איז געווען צו ערוואַרטען אז אין אזא שטאָדט ווי בודאַפעסט זאָל זיין דער צושטאַנד פון אידענטום פיל בעסער, איז אויסגעדריקט געוואָרען דער וואונדער צום רב, האָט ער, רבי קאָפּעל רייך, געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— די אידען געהערען ניט צו אונזער געמיינדע.

דאמיט האָט ער געמיינט איז די תשובה קלאָר. ווייבאלד, אז „ניט אונזערע", טו וואס האָט דאָס מיט אונז צו טאָן?

די זעלבע איינזייטיגקייט און, אויב מען קען זאָגען, זעלבסטשטענ־דיגקייט אין מיינונגען, האָט מען געקענט הערען פון אזא גרויסען רב און וועלט־מענש ווי רבי קאָפּעל רייך, וואס אין אַן אנדער לאַנד וואָלט מען ניט קענען הערען. ווען מען האָט גערעדט אינטים מיט דעמזעלבען רב וועגען ציוניזם האָט ער געזאָגט:

— מיך אינטערעסירט ניט די פאַרשידענע מיינונגען אין ציוניזם וועלכע זיינען ניט רעליגיעז, דאָס קען מען באַקעמפען א י ן דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציאָן ווי דער מזרחי טוט דאָס, אָבער איך בין געגען ציוניזם און געגען דעם מזרחי צוליב א גאַנץ אנדער גרונד: ארץ ישראל האָט א ווערט פאַר אונז נאָר ווען מען זיצט און מען לערענט און מ'דאַווענט און מען דינט דעם רבונו של עולם, אָבער צו האַנדלען און צו ארבייטען, אפילו ווען אַלץ איז כשר ווי עס דאַרף זיין — איז קיין אונ־טערשייד אויב דאָס איז ארץ ישראל אָדער אונגאַרן, אָדער ענגלאַנד.

וועלענדיג איהם באַווייזען, אז אזא מיינונג איז ניט נאָר אַנטי־נאַציאָנאַל, נאָר אויך פון תורה שטאַנדפונקט איז ארץ ישראל הייליג, אויך ווען מען איז „זורע בשעת זריעה" און „קוצר בשעת קצירה", האָט ער דארויף געענטפערט גאַנץ ענטשיידען:

— אויף מאמרים קאָן איך געפינען אנדערע מאמרים, אָבער דאָס איז מיין מיינונג...

אריינטראַכטענדיג זיך אינ'ם גרונד פון אזא דענקענסאַרט האָט מען אַנדערש ניט געקענט געפינען ווי דאָס וואס מען רופט אונגאַרישעם דענקען־אַרט און אונגאַרישעם יודענטום.

דערביי אָבער איז דערזעלבער רבי קאָפּעל רייך געווען באַרייט אויך אַנדערע מיינונגען צו שעצען. איינער פון די חשוב'סטע עסקנים אין בודאַפעסט, וועלכער האָט אין א געוויסע צייט געטאָן א נדר ניט צו

יאָסי און בודאַפּעסט

באַשעפטיגען זיך מעהר מיט דעם מזרחי און קומענדיג נאָכהער צו דער איבערצייגונג, אז זיין שטעלונג צו דעם מזרחי דאַרף זיין אַ פּאָזיטיווע, איז ער געגאַנגען צו דעם שטאָדט־רב רבי קאָפּעל רייך בעטען איהם אַ התרת חכם. זייענדיג דערביי האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט דעם רב אַז אויב מזרחי איז אַ מצוה אָדער ניט איז איצט נ י ט די שאלה, דאָס ווייס דער וועלכער פרעגט, אַז דער רב האָט אַן אַנדערע מיינונג ווי ער. די שאלה איז נאָר ו ו ע ן ע ס א י ז א מ צ ו ה, ווי קאָן מען דעם נדר מתיר זיין. דאַרויף האָט דער אַלטער רב געענטפערט שמייכ־לענדיג:

— גערעכט, אַ בעל הבית מעג האָבען ז י י ן מיינונג אַנדערש ווי איך, אויב זיין כונה איז לשם שמים.

און זייענדיג דאָרט אין בודאַפּעסט איז ווידער קלאָר געוואָרען, אַז גראַד דאָרט וואו עס הערשט אַן ענגהערציגקייט און אַ צופרידענהייט מיט זיך און אַ גלייכגילטיגקייט צום כלל ישראל, זיינען דאָרט אין יענער לאַנד און אין יענער שטאָדט אויסגעוואַקסען יחידי סגולה, פון באַרימטע גאונים ביז די גרעסטע ציוניסטישע פיהרער.

פערצייכעניש

פון נעמען, שטעדט, ספרים און ענינים

וואָס ווערען דערמאנט אין די צוויי בענדער.

נעמען, שטעט, ספרים און ענינים לויט'ן סדר פון א"ב.

א.

„אברהמ'ל יענקעלע יוחנן'ס" — 46.
„אגודת האלף" — — — — 132, 134
„אגודת ישראל" — 129, 247, 432, 433, 434, 435, 436, 437, 449.
אדלער דר. הערמאן — — — 421
אדעס — 132 184, 323, 324, 325, 326, 327, 328, 330, 349, 442, 443.
אדעסער ישיבה — 439, 442, 443 444.
„אדעסער קאמיטעט" — 134, 179, 183, 326.
אהבת התורה — 83, 135, 158, 194, 205, 302.
אוגאנדא — 368, 369, 370, 371, 372, 398.
אוואראוו, מיניסטער — 36.
אווינאוויצקי, דר. — 327.
אונגארן — 424, 428, 452, 454, 455, 456.
„אור לישרים" (על ספר הישר לרבנו תם) — 286.
„אור לישרים" (בראשורע) — 238.
אחד העם — 183, 327, 418, 419, 448.
איגנאטאוו, מיניסטער — 199.
אידישע קאלאניאל באנק — 304, 328.
איוועניץ — 36.
איינהארן דר. — 296.
רבי איצעלע וואלאזינער — 29, 35, 36, 39, 77, 78, 79, 80, 81, 142, 283.
רבי איצל פאניוועזער — 256.
אלטאנא — 429, 430.
„אליעזר דער מנהל" — 57, 96.
אלכסנדר דער דריטער — 67, 128, 199, 200, 201, 346.
אמונת חכמים — 318, 319.
אמסטערדאם — 153.
אמעריקא — 248, 249, 250, 251, 252.
„אמרי שפר" — 58.
אספות (היסטארישע פארזאמלונגען):
אדעס — 184.
ביאליסטאק — 184.
בערלין — 427.
דרוזגעניק — 184.
ווילנא — 243, 245, 247, 289, 389, 390.
כארקאוו — 368.
פרייבורג — 369.
פעטערבורג — 243, 289.
קאטאוויץ — 184, 247, 432, 433, 437
ארלע — 401.
ארץ ישראל — 66, 73, 117, 119, 120, 129, 130, 131, 132, 133, 134, 135, 149, 153, 154, 158, 159, 160, 161, 162, 163, 164, 167, 171, 179, 184, 185, 186, 231, 250, 252, 260, 261, 263, 264, 265, 266, 298, 326, 328, 333, 339, 344, 354, 355, 356, 365, 371, 372, 374, 377, 385, 396, 397, 400, 406, 411, 426, 427, 430, 432, 433, 438, 449, 451, 452, 453, 458.
אשמינע — 19, 20, 129, 370.

ב.

באברויסק — 285, 307, 310, 314, 315, 316, 317, 318, 323, 330.
באזעל — 260, 368, 372, 423, 432, 453.
באנעט, פראפעסאר — 412.
באקו — 401.
באקסט, פראפעסאר — 70.
בארט, פראפעסאר — 408.
בודאפעסט — 452, 454, 455, 457, 458, 459.
„בונדיסטען" — 263, 376, 380, 388, 389.
בורשטיין, הרב א. — 272, 273.
ביאליסטאק — 149, 174, 181, 182, 184, 186, 346.
ביאלע — 117.
ביל"ו — 328.
בירער, דר. — 451.
בית המדרש למורים של המזרחי — 356.
„בית הרב" (וואלאזין) — 28, 32, 33, 34, 36, 38, 39, 63, 74.
בלאזער, רבי איצל — 265.
בלאד, רבי יוסף ליב — 204, 205, 209.
בני ברק — 160.
בן אביגדור — 187.
בן־זאב — 89.
בערלין — 408, 410, 411, 412, 414, 415, 420, 426, 427, 428, 429, 430, 446.
בערלינער, פראפעסאר — 408, 410, 411, 427.
בערעזין — 299, 300, 301, 302, 304, 306, 323.
בראדסקי, ישראל — 103.
ברבש, שמואל — 442.
ברוידה, יעקב — 160, 161.
ברוידה, רבי ליב — 451.
ברוידה, משה חיים — 109.
ברויער, דר. — 410, 434, 435, 436.
ברוק, דר. — 304.
בריסק (דליטא) — 149, 151, 182, 216, 219, 220, 222, 223, 226, 228, 229, 230, 236, 237, 238, 243, 244, 254, 256, 258, 260, 264, 265, 299, 319, 330, 334, 401, 404.
ברלין, רבי נפתלי צבי יהודה (הנצי"ב) [„דער טאטע ז"ל"] — 17, 18, 19, 20, 21, 24, 25, 36, 37, 38, 42, 45, 47, 49, 52, 53, 54, 55, 57, 58, 62, 66, 67, 68, 69, 71, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 96, 98, 99, 100, 101, 102, 104, 105, 106, 107, 108, 110, 111, 112, 113, 117, 118, 119, 120, 121, 122, 123, 124, 125, 128, 131, 132, 133, 134, 135, 136, 137, 138, 139, 140, 141, 142, 145, 148, 149, 150, 151, 152, 153, 158, 159, 160, 161, 162, 163, 164, 165, 166, 167, 168, 169, 170, 172, 179, 183, 184, 194, 195, 210, 211, 225, 226, 228, 234, 243, 253, 283, 307, 315, 318, 319, 332, 333.
וועגען הנצי"ב:
אהבת התורה — 83.
התמדה — 79, 83, 86, 91.
חבת ציון — 92.
ליטעראטור — 88.
מאמרים — 87.
מוסר — 47.
פירושים ובאורים — 87.
צייטונגען — 88.
שבת — 73, 74.
תורה און עבודה — 163.
תנ"ך־דקדוק — 89-90.
תשובות — 87, 133, 165.
ברלין, הרבנית בתיה מרים [„די מאמע ז"ל"] — 61, 62, 63, 64, 65, 66, 101.

ברלין, רבי חיים — 73, 105, 113, 117, 118, 120, 121, 122, 136, 149, 150, 153, 171, 265, 330, 331, 332, 333, 335, 337, 338, 339, 340, 341, 342, 343, 344.
ברלין, רבי יעקב — 78, 283, 284.

ג.

גאוואַנסקי, י. — 356.
גאַליציען — 445, 446, 447, 449, 450, 451, 452.
גאָץ, רפאל — 355, 356.
גאָרדאָן, רבי אליעזר (טעלזער רב און ראש ישיבה) — 192, 193, 194, 204, 205, 207, 209, 391.
גאָרדאָן, ארי' ליב — 382.
גורלאַנד, זלמן — 385.
גינזבורג, באַראָן דוד — 398.
גינזבורג, באַראָן האָראַץ — 70.
גירוש מאָסקווע — 199.
„גליא מסכת" — 286.
„גנזי יוסף" (נאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק אין ירושלים) — 265.
געצאָוו, נחמן צבי — 297.
גערשטיין, יונה — 20.
גראָדנאָ — 44, 67, 149.
גרובין — 267, 269.
גרינבערג, אברהם — 134.

ד.

„דורות הראשונים" — 109.
„דיוקס פליים" שוהל (לאָנדאָן) — 415.
דייטשלאַנד — 175, 176, 269, 322, 407, 408, 414, 424, 446.
דיסקין, רבי יהושע ליב — 136, 229, 265, 286.
דיסקין, רבי שלמה דוד — 23, 72, 113.
דעליאַנאָוו, מיניסטער — 70.
„דערגרייכער" — 388.
דקדוק — 89, 90, 397.
דרוזגעניק — 184.

ה.

האַמבורג — 428, 448.
האַמליע — 304, 346.
האַפמאַן, דר. — 408, 409, 410, 411, 427.
האָראָדאָק — 146.
„הבוקר אור" — 88, 89.
„הזמן" — 387, 388.
„היהודי" — 247, 419, 420.
הילדעסהיימער, דר. הירש — 411, 412.
הילדעסהיימער, רבי עזריאל — 410.
הירשעל ישעי' דער שמש — 26, 75, 93.
הירש, רבי שמשון רפאל — 410, 434.
„המליץ" — 88.
„העברי" — 420.
העברעאיש — 88, 89, 90, 91, 124, 231, 252, 342, 343, 387, 420, 430.
„העולם" — 388.
„העמק דבר" — 53.
„העמק שאלה" — 80, 81, 153, 165, 166, 307, 310.
הערצל — 184, 304, 327, 362, 363, 364, 365, 366, 367, 368, 369, 370, 371, 373, 386, 411, 453, 454.
„הפלס" — 343.
„הצפירה" — 88, 188, 272.
„הרחב דבר" — 53.
השכלה — 68, 69, 70, 89, 262, 321, 324, 326, 355, 382, 426, 439, 442, 444, 452 453.

ו.

וואלאזין: ישיבה — 13, 14, 15, 19, 20, 22, 30, 31, 37, 44, 53, 54, 55, 61, 66, 68, 70, 71, 74, 75, 77, 84, 90, 107, 112, 113, 118, 120, 125, 138, 142, 144, 145, 158, 160, 162, 172, 193, 194, 199, 203, 204, 206, 207, 208, 210, 211, 212, 214, 215, 216, 226, 243, 253, 255, 260, 270, 289, 307, 308, 309, 310, 333, 439, 456.

וואלאזין: שטאדט — 13, 14, 15, 16, 19, 20, 21, 22, 28, 30, 31, 32, 33, 34, 36, 37, 41, 46, 47, 48, 61, 63, 65, 94, 95, 106, 109, 114, 117, 119, 120, 126, 127, 129, 131, 132, 135, 138, 139, 143, 145, 147, 150, 151, 153, 159, 160, 173, 221, 222, 225, 228, 233, 253, 299, 330, 331.

וואלפסאן דוד — 373, 385, 386.

ווארשאווסקי, מארק — 70.

ווארשא — 149, 154, 159, 160, 163, 164, 165, 167, 169, 170, 173, 175, 178, 179, 182, 184, 186, 187, 193, 198, 207, 219, 220, 221, 230, 235, 236, 246, 247, 299, 324, 364, 372, 395, 401, 419, 445, 446.

ווילנא — 20, 44, 67, 68, 69, 70, 71, 73, 104, 105, 106, 107, 109, 112, 113, 116, 117, 126, 138, 146, 147, 149, 151, 152, 179, 182, 191, 230, 243, 289, 293, 324, 364, 378, 379, 380, 381, 382, 383, 384, 385, 386, 387, 388, 389, 390, 393, 395, 399, 442, 446.

ווילקאמיר — 34.

ווינאווער, דר. מ. — 388.

ווייסברעם, רב — 355.

וויען — 304, 366, 457.

ווישניאק, וואלף — 354.

ז.

זלאטשאוו — 449.

זמירות, חזנות — 229, 292, 293, 294.

זנאמענקע — 349.

זשיטאמיר — 442.

ח.

חבת ציון — 69, 92, 129, 131, 132, 162, 174, 179, 180, 182, 183, 184, 185, 186, 187, 261, 263, 315, 344, 385, 397.

חדושי הרש"ש — 90.

חוואלסאן פראפעסאר — 238, 239.

„חובבי ציון" — 182, 186, 328, 339, 355, 432.

חובות הלבבות — 208.

חזן — 372.

„חיי היהודי על פי התלמוד" — 419.

רבי חיים וואלאזינער — 33, 34, 35, 37, 39, 40, 47, 77, 142.

רבי חיים לייב סטאוויסקער — 188, 189.

חישין, יוסף — 360, 361.

די „חלוקה" (וואלאזינער ישיבה) — 26, 27, 61, 62, 63, 207.

„חסידות" — 39, 40, 159, 160, 177, 285, 286, 307, 314, 384, 391, 448, 450, 453.

ט.

טארנאבזשעג — 450.

טיעמקין, וולאדימיר — 326, 339, 340, 341, 348.

טישקעוויץ, גראף — 33.

טעלז — 193, 194, 199, 202, 203, 204, 205, 206, 209, 210, 211, 226, 269, 299, 391.

טעריטאריאליזם — 369, 370, 372, 373.

טשלענאוו, דר. יחיאל — 366, 367.

טשערנאוויץ — 446.

י.

יאסי — 452, 453.
רבי יהושע קוטנער — 125, 135.
רבי יוזעל — 268, 269, 270, 271, 272, 273.
יעליסאוועטגראד—326, 330, 333, 334, 335, 336, 337, 339, 341, 342, 343, 346, 347, 348, 368.
יעלסקי, דר. — 176.
יעקאטערינאסלאוו — 299.
רבי יעקב דוד סלוצקער — 189, 190, 191, 192.
רבי יעקב יוסף — 248, 249.
יפה, רבי מרדכי גימפעל — 328.
רבי יצחק אלחנן — 71, 91, 106, 107, 135, 169, 179, 183, 229, 286, 318, 319, 320.
יצחק הלוי (אייזיק ראבינאוויץ) — 109, 382, 435.
ירושלים — 66, 121, 132, 187, 230, 264, 266, 272, 344, 356, 363.
ישוב ארץ ישראל — 129, 131, 134, 135, 162, 174, 179, 183, 185, 326, 433, 447.
„ישוב הישן" — 132, 264.
ר' ישראל הוראדנער — 155, 156, 157.
רבי ישראל סאלאנטער — 26, 268, 269, 271.

כ.

כהן, חיים — 400, 401, 402, 403, 406.
„כנסת הגדולה" — 247, 419.
„כנסת ישראל" — 389.
כערסאן — 299.

ל.

לאדז — 149, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 181, 445.
לאמזע — 178.
לאנדאן — 153, 247, 248, 363, 415, 416, 417, 418, 419, 420, 421, 422.
לאנדוואראווע — 136.
לובלין — 160.
לובץ — 286, 287.
לוי, פראפעסאר ישראל — 412.
לוריא, רבי דוד — 80. 81.
לוריע, רבי חיים — 302.
ליבוי — 363, 377.
רבי ליב'לע קאוונער — 309, 312.
לידא — 258, 259, 393, 394, 395, 396, 397, 398, 425.
ליוואדיע — 200.
„ליטווישער חברה ש"ס" — 160.
ליליענבלום, מ. ל. — 134, 184, 327.
„ליפא דער מנהל" — 26.
ליפע דר. ק. — 453, 454.
ליפשיץ, רבי הלל — 160.
לעווין, יאשע — 383, 384.
לעמבערג — 445, 446, 451.

מ.

מאהילעווער, רבי שמואל — 132, 135, 174, 180, 181, 182, 183, 184, 185.
מאזשייק — 350.
רבי מאיר סלוצקער — 306.
מאסליאנסקי, יעקב — 198.
מאסקווע — 117, 326, 331, 333, 336, 338, 353, 354, 355, 358, 359, 366, 398, 442.
מארקוס, רבי אהרן — 448, 449.
מוסר — 47, 205, 206, 208, 252, 258, 267, 268, 269, 270, 271, 272, 273, 438, 440, 441, 442, 444.
מזא"ה, יעקב — 326, 353, 357, 358, 359, 360.
„מזרחי" — 174, 236, 257, 258, 327, 365, 369, 370, 371, 374, 385, 397, 410, 411, 413, 423, 424, 425, 426, 427, 428, 429, 432, 433, 437, 448, 450, 457, 458, 459.

מייזעל, רבי אלי' חיים — 71, 174, 175, 176, 177, 178, 179, 180.
מייטשאד — 254.
מילער, דר. יעקב — 429.
מינסק — 48, 66, 105, 109, 117, 127, 132, 147, 152, 153, 154, 155, 158, 244, 255, 293.
מינקאסוקי, פ. — 324.
מיר — 78, 270, 283.
מכבי, ח. ז. (דער קאמעניצער מגיד). 417, 418.
„מנוחה ונחלה" — 160, 186.
רבי מנשה איליער — 309.
„מסלול" — 89.
„מסלת ישרים" — 208.
רבי מענדעל ליבאוויצער — 286.
„מענדעל דער פאטשטער" — 47.
ר' מענדעלע קאצקער — 232.
מקור חיים — 400.
משולחים — 13, 19, 20, 44, 45, 47, 48, 264, 265, 266.
„משיב דבר" — 87, 135, 165.
משפחות:
הארקאווי — 290.
הילדעסהיימער — 411.
וויסאצקי — 355, 360.
זאמקאווי — 290.
זעלדאוויץ — 109, 290, 307.
לוריע — 299.
מאסטקאווי — 290.
עטינגער — 315.
עפשטיין - 315.
פינעס — 299.
פערסיץ — 355.
צייטלין — 337.
קאטצענעלנסאן — 315.
„מתנגדות" — 39, 159, 163, 177, 307, 314, 384, 391.

נ.

נאוואזיבקאוו — 285, 286.
נאווא אלעקסאנדראווסק — 307.
„נאוואיע וורעמיא" — 138.
נאווארידאק — 71, 269, 270, 271, 273, 276, 280, 282, 287, 288, 289, 290, 291, 292, 293, 296, 297, 298, 299, 330.
נאציאנאל־פאנד — 400.
נארדוי, מאקס — 368, 372, 373, 374.
ניו יארק — 248, 249, 338.
ניקאלאי דער ערשטער — 36, 200.
ניקאלאי דער צווייטער — 200, 246, 345, 346.
„נס ציונה" — 129, 130.
„נפש החיים" — 39.

ס.

סאלאווייציק, רבי חיים — 16, 24, 38, 42, 67, 69, 71, 75, 96, 104, 113, 117, 121, 124, 127, 149, 150, 151, 152, 182, 211, 212, 213, 214, 215, 216, 217, 218, 219, 220, 221, 222, 223, 224, 225, 226, 227, 228, 229, 230, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 237, 238, 239, 243, 244, 245, 246, 247, 248, 249, 250, 251, 252, 253, 254, 256, 257, 258, 261, 262, 263, 264, 265, 266, 299, 307, 312, 319, 320, 326, 334, 390, 391, 413, 433, 435, 437.
סאלאווייציק, רבי יוסף בער — 37, 38, 71, 78, 149, 151, 152, 179, 233, 234, 243, 265, 404.
סאלאמאנאוו, מרדכי — 109, 110.
סאלאנט, רבי שמואל — 136.
סאמונאוו, רבי אפרים — 113.
סובאלסקי, יצחק — 247, 248, 250, 419, 420, 421.

סלאבאדקע — 258, 269, 439, 440, 442, 443, 444.
סלוצק — 192, 284, 285.
סלושץ, רבי דוד שלמה — 325, 328.
„סליחות“ — 294, 295.
„סמיכה“ — 110, 125.
סעדלעץ — 219, 333, 347.
סערגיעווסקי — 68.
„ספר הישר לרבנו תם“ — 286.

ע.

„עדת ישראל“ (בערלין) — 408, 411.
„עטור סופרים“ — 88.
עטינגער, חיים — 442.
עין זיתים — 132.
„עין יצחק“ — 318.
עפשטיין, אהרן — 282.
עפשטיין, רבי יחיאל מיכל („דער זויּדע“, דער „ערוך השלחן“) — 71, 108, 127, 269, 270, 272, 274, 275, 276, 277, 278, 279, 280, 282, 283, 284, 285, 286, 287, 289, 290, 291, 292, 293, 294, 295, 296, 297, 298, 299, 313, 322.
עליאשבערג, רבי מרדכי — 132, 135, 136, 183.
ספר „על נהרות בבל“ — 297.
ענגלאנד — 415, 421.
„ערוך השלחן“ — 71, 269, 270, 274, 275, 276, 277, 278, 281, 286, 287, 289.
ערלאנגער, מיכאל — 132.
„עשירי קודש“ — 382.

פ.

פאגראמען:
ביאליסטאק — 346.
האמעל — 346.
מאסען־פאגראמען, 1905 — 346.
אכציגער יאהרען — 346.
סעדלעץ — 346.
קישינעוו — 346, 436, 457.
פאדלישעווסקי, אברהם — 236.
פאליאטשעק, רבי שלמה („דער מייטשעטער עלוי“) — 252, 253, 255, 256, 257, 258, 259, 396.
פאליאקאוו, שמואל — 70.
פאניעוועזש — 333, 334.
פאריז — 132, 153, 269.
פייגענסאן, ש. (שפ״ן הסופר) — 382.
פינסקער, דר. ל. — 134, 184.
פינס, רבי יחיאל מיכל — 264, 265.
פינסק — 25, 302, 353.
פינקעל, רבי נטע הירש — 440, 441, 442.
פין, שמואל יוסף — 68, 69, 382.
פיעסק — 33, 34.
פלעווע, מיניסטער — 363, 365.
פסח — 57, 58, 59, 100, 101, 102.
פעטערבורג — 20, 35, 67, 70, 71, 112, 117, 138, 146, 179, 216, 230, 238, 243, 289, 295, 296, 363, 388, 392, 395, 398, 403.
פערלמאן, הרב י. י. (דער „מינסקער גדול“) — 110, 274.
פראנקפורט אם מאין — 410, 423, 425, 429, 434, 435.
פראנקפעלד, ז. — 328.
פרוזין — 178.
פרייבורג — 369, 372.
פריידענבערג, רבי ברוך — 355.
פריד, רבי אליעזר יצחק — 36, 39, 77, 79.
פריד, רבי חיים הלל — 28, 35, 113, 142.
פריד, שרה ביילע — 28, 35.
„דער פריינד“ — 359, 387.
פרעסבורג — 452.
„פרקי דרבי אליעזר“ — 80.

צ.

צדוק הכהן — 132.
ציוניזם — 174, 185, 231, 238, 247, 257, 258, 260, 261, 262, 263, 297, 315, 327, 328, 343, 344, 354, 363, 365, 366, 367, 368, 373, 374, 376, 384, 385, 397, 410, 411, 413, 418, 423, 424, 425, 426, 428, 429, 431, 432, 433, 448, 453, 458.
„ציוני ציון" — 369, 370, 372, 373.
ציוניסטישע קאנגרעסן:
ערשטער — 260, 453.
צווייטער — 260.
דריטער — 260.
זעקסטער — 369.
זיבעטער — 368—374.
צענטער — 423, 425—427.
ציוניסטען — 183, 231, 235, 236, 237, 238, 247, 298, 304, 384, 385, 388, 424, 427.
צייטונגען — 88, 124, 359, 387, 388, 391, 392, 419, 420, 430, 455.
צייטלין, רבי יהושע — 80.
צונזער, אליקום — 136, 137.
צפת — 132.

ק.

קאברין — 333, 334.
קאוונע — 44, 67, 149, 169, 267, 318.
קאזיאנער רב — 124, 125, 178, 237, 246, 288, 326, 327, 339, 340, 341, 348, 358, 359.
קאטאוויץ — 184, 248, 432, 433.
קאכאנאוו — 68, 149.
רבי הירש קאלישער — 263.
קאנסטאנטינאפאל — 363.
קאסאווסקי, שאול — 198.
קאצענעלנסאן, דר. י. ל. — 285, 363, 364, 377.
„קבוצים" — 268, 270, 271, 272, 273.
„קדמת העמק" — 80.
קיעוו — 103.
קישינעוו — 346.
קעלם — 267.
קעניגסבערג — 446.
קראקוי — 445, 446, 447, 448, 449.
קרעמענטשוג — 299, 349.

ר.

ראבינאוויץ, רבי אלי' עקיבא — 343.
ראבינאוויץ, בועז — 316, 317.
ראבינאוויץ, רבי הירש — 106.
ראבינאוויץ, טוביה — 351.
ראבינאוויץ, שלום דוד — 382.
ראזומני — 324.
ראטנער, בער — 382.
ראטשילד, באראן (נדיב הידוע) — 184.
ראשון לציון — 328.
„רביים" — 163, 177, 180, 286, 391, 450, 453.
רוים — 363.
רומעניען — 452, 454.
רוסיש — 70, 71, 88, 113, 116, 123, 124, 125, 126, 127, 128, 138, 206, 231, 243, 245, 246, 262, 287, 288, 289, 339, 387, 397.
רחובות — 160, 164.
ריגא — 149.
ריטעווע — 272.
רייך, רבי קאפעל — 458, 459.
ריינאוויץ, רבי יעקב — 18, 21.
ריינעס, רבי יצחק יעקב — 258, 259, 365, 369, 371, 393, 394, 395, 396, 397, 398, 423, 428.
רלבג, רבי יוסף — 266.

ש.

„שאגת אריה" — 52.
שאוועל — 351.
„שאילתות דרב אחאי" — 80, 307.
שאפּירא, רבי רפאל — 38, 182, 307, 308, 309, 310, 311, 312, 313, 314, 315, 317, 318, 319.
„שביל הזהב" — 136, 183.
שבת — 14, 15, 29, 73, 74, 93, 94, 228, 229, 290, 291, 292, 322, 323, 324, 325, 335, 408, 447.
שווינצאן — 393.
שווייץ — 428.
שטיינבערג, יהושע — 68, 90, 91, 113, 114.
שטיין, דר. — 368.
שטראַשון, רבי מתתיהו — 191.
שטראַשון, רבי שמואל — 90.
„שיבת ציון" — 131.
שימחאָוויץ — 44, 192.
רבי שמחה זיסל — 267, 269.
שמחת תורה — 56, 57.
שמיטה — 135, 136, 162.
שניאורסאָן, רבי שלום בער („דער ליובאַוויטשער רבי") — 47, 384, 390, 391.
„שערי תשובה לרבנו יונה" — 208.
שקלאָוו — 117, 286, 337.

ת

„תלמוד לשון עבר" — 89.
תנ"ך — 89, 90, 91, 397, 412.
תפלה — 83—84.